STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01022

KIDESH HA-SHEM

Sholem Asch

Permanent preservation of this book was made possible by Karen & Gary Winnick in honor of their three sons

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קידוש השם

פון

שלום אַש

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

1942

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

KIDDUSH HA-SHEM

By SHOLOM ASCH

Copyright, 1921
by Sholom Asch

Reprinted and Published
1942
Farlag Matones
22 East 17th St., New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

פיוטורא פרעס
476 בראָדוויי
ניו-יאָרק, נ. י.

„קידוש השם" האָט זיך צום ערשטן געדרוקט אין „פאָרווערטס" אין 1919.

אין 1920 האָט דער „פאָרווערטס" דעם דאָזיקן ראָמאַן אַרויס־געגעבן אין אַ בוך.

פון דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע האָט מען געמאַכט מאַטריצן און איבערגעשיקט קיין וואַרשע צו דער „קולטור ליגע". דאָרטן איז „קידוש השם" דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס.

ליידער זענען אין דעם בוך אַריין אַ סך גרייזן וואָס האָבן פּשוט געשטערט דאָס לייענען. האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ קאָרעגירטע אויסגאַבע.

צוגעגרייט דאָס בוך צום דרוקן האָט ח' ליפע לעהרער, דעם ווערטער־פאַרטייטש האָט צונויפגעשטעלט ח' לייבוש שפּיטאַלניק. פאַר די איבערזעצונגען פון די פּסוקים פון תהילים האָבן מיר זיך אויך באַנוצט מיט תרגום יהואָש.

מיר דאַנקען פריינד יודל מאַרק פאַר זיינע נוצלעכע אָנווייזונגען.

אַ ספּעציעלן דאַנק אונדזער חבר יוסף פּערלאָוו פאַר זיין איבערעס אין אונדזער אַרבעט בכלל, און ספּעציעל פאַר העלפן אונדז אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

ואחרון אחרון חביב, אונדזער חברישן און וואַרעמען דאַנק דעם מחבר, פריינד שלום אַש, פאַר דערלויבן אונדז אַרויסצוגעבן „קידוש השם".

דאָס בוך דערשיינט אין צוויי טויזנט עקזעמפּליאַרן.

פאַרלאַג מתנות

אינהאַלט:

ערשטער טייל

זייט

ק אַ פּ י ט ל 1
העט ווייט אַרויס אין סטעפּ — — — — — — — 11

ק אַ פּ י ט ל 2
פאַרלוירן דעם טאָג — — — — — — — — — — — 21

ק אַ פּ י ט ל 3
אַ שול! אַ שול! — — — — — — — — — — — — 29

ק אַ פּ י ט ל 4
דער חינוך פון דער שול — — — — — — — — — 37

ק אַ פּ י ט ל 5
דאָס פאַרפאָלק — — — — — — — — — — — — 46

ק אַ פּ י ט ל 6
אין דער ישיבה אַריין — — — — — — — — — — 53

ק אַ פּ י ט ל 7
אין האַרץ פון סטעפּ — — — — — — — — — — 61

ק אַ פּ י ט ל 8
די אַסיפה פון די פרנסים — — — — — — — — — 68

ק אַ פּ י ט ל 9
דער מגיד פון פאָלנע — — — — — — — — — — 78

ק אַ פּ י ט ל 10
דער לובלינער יאַרמאַרק — — — — — — — — — 85

צווייטער טייל

ק אַ פּ י ט ל 1
עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן — — — — — — — — 93

ק אַ פּ י ט ל 2
שלמהלע קומט אַהיים — — — — — — — — — — 103

ק אַ פּ י ט ל 3
שבועות — — — — — — — — — — — — — 109

זייט

קאפיטל 4
גלות זלאטשעוו — — — — — — — — — — — — — 115

קאפיטל 5
נעשה ונשמע — — — — — — — — — — — — — 122

קאפיטל 6
נעמיראָוו — — — — — — — — — — — — — 132

קאפיטל 7
איבערן וואַסער — — — — — — — — — — — — 139

קאפיטל 8
דער געפאַנגענער — — — — — — — — — — — — 147

קאפיטל 9
דער גורל — — — — — — — — — — — — — — 155

קאפיטל 10
אין נאַקעטן פעלד — — — — — — — — — — — — 164

קאפיטל 11
פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה — — — — — 171

קאפיטל 12
דער בריוו — — — — — — — — — — — — — — 179

קאפיטל 13
דער נסיון — — — — — — — — — — — — — — 186

קאפיטל 14
קידוש השם — — — — — — — — — — — — — — 192

קאפיטל 15
אין סאָד — — — — — — — — — — — — — — 199

קאפיטל 16
אין די גאָלדענע שיכעלעך — — — — — — — — — 204

קאפיטל 17
בטחון — — — — — — — — — — — — — — — 211

ווערטער־פאַרטייטש — — — — — — — — — — — 214

ערשטער טייל

„מיר שעמען זיך אַלץ אַרויסצושרייבן וואָס די קאָזאַקן און טאָטערן האָבן געטאָן מיט די יידן, כדי מיר זאָלן נישט פאַרשעמען דעם מין מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט". — (פון אַן אַלט ספר)

קאַפּיטל 1

העט ווייט אַרוים אין סטעפּ

געזען האָט מען גאָרנישט. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ וואָלקן רויך, וואָס האָט געזעצט פון ערשט אונטערגעהייצטן פּיעקעליק גלייך אין שטוב אַריין. פון רויך האָט זיך געהערט אַ קוויטשעדיק קול פון אַ יונג ייִנגל וואָס האָט זיך אונטערגעאיילט נאָך אַן אומגעדולדיקער מענלעכער שטים:

— ויאמר — און ער האָט געזאָגט, ה׳ — גאָט, אל משה — צו משהן, לאמור — אַזוי צו זאָגן.

ווען די קנוילן רויך האָבן אָנגעהויבן שיטערער צו ווערן, האָט זיך אָנגעהויבן צו אָנטפּלעקן, ווי דורך אַ נעפּל, דער גרויסער, גרויסער פּיעקעליק וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע שטוב, און אויף אים האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ גרויסע, אומגעלומפּערטע און טונקעלע זאַך. עס האָט אויסגעזען ווי איין שטיק פּיעקעליק וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אַנדערן און זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן. עפּעס האָט אָנגעהויבן צו יערן און אויסצואוואַקסן אין אַ געשטאַלט פון אַ מענטש מיט אַ גרויסן בויך און אַ לאַנגער רויטער באָרד. באַלד האָט זיך אויך אַנטפּלעקט פון רויך אַ לאַנגער, ברייטער קרעטשמע-טיש, אויף וועלכן עס זענען אָנגעשטעלט קלענערע און גרעסערע פּעסלעך מיט בראָנפן. שטויסן שניט-סחורות זענען געלעגן אויסגעלייגט, און פון אַ פּאָליצע האָבן אַראָפּגעהאַנגען טראָטלעך ליכט. הינטער דעם קרעטשמע-טיש איז געזעסן אַ ייִד מיט געקרייזלטע פּאות און אַ פאַרפּעדערט קאַפּל, איינגעהילט אין עפּעס אַ ווייבערשער וואַטאוווקע, אַרומגענומען מיט אַ טיכל און אַ שאַל,

און זיך געשאָקלט איבער אַ ספר. אויף איינעם פון די פעסלעך בראָנפן לעבן טיש איז געזעסן אַ יינגל, אָנגעטאָן אינגאַנצן אין ווייסן: אַ ווייס כאַלאַטל, אַ ווייס היטל און אין אַ ווייסן טלית־קטן. דאָס יינגל האָט זיך נאָכגעשאָקלט נאָכן טאַטן איבערן חומש מיט אַ קוויטשעדיק קול:

— ויאמר — און ער האָט געזאָגט, ה׳ — גאָט, אל משה — צו משהן, לאמור — אַזוי צו זאָגן.

נאָר לאַנג האָט מען דעם טאַטן מיט דעם זון נישט געלאָזט זיצן ביים חומש. פון פיעקעליק האָט זיך איצט באַוואויגן דאָס גרויסע, דאָס טונקעלע, דאָס אומגעלומפּערטע געשטאַלט. ערשט איצט, ווען עס איז געווען אָפּגעשיידט פון פיעקעליק, האָט מען עס געקאָנט דערקענען. עס איז געווען אַ הויכער, דיקער, אָנגעגעסענער פּאַפּ, עפּעס ווי אַ שטיק פיעקעליק וואָלט זיך גערוקט און זיך גע־שאָקלט אויף צוויי פיס. ער האָט זיינע הענט אריינגעשטעקט אין אַ ברייטן גאַרטל; מיט אַ באַוועגונג מיטן שטערן, נישט נוצנדיק די הענט, האָט ער אַרויפגעשאָרט זיין הויך פוטערן שטריימל אויפן שפּיץ קאָפּ. דער נידעריקער קורצער שטערן איז געווען באַגאָסן מיט שוויים וואָס איז אַראָפּגערונען אויף זיין באַהאָרטער נאָז און פאַרשוואונדן אין דער אומענדלעכקייט פון זיין לאַנגער, רויטער באָרד. אַ מינוט האָט ער באַטראַכט דעם יידן, דערנאָך האָט ער אַזוי געזאָגט:

— מענדעלו, מענדעלו, האָב רחמנות אויף אַ קריסטלעכער נשמה, איין קווערטל נאָך, נאָר דעם שטן דעם פאַרשאָלטענעם צו פאַרטרייבן, דעם בייזן גייסט וואָס דערקוטשעט מיר אָנצושיכורן. איך וועל אים איינשלעפערן און פאַרטרייבן. האָב רחמנות, מענדעלו!

— אַיי, אַיי, פּאַטערל, פּאַטערל, דעם שטן דעם בייזן וועסטו נישט אָנטרינקען, וועסט אים נישט פאַרטרייבן. וואָס מער דו וועסט זיין טרפהנעם האַלדז נאָכגעבן — אַלץ מער וועט ער דיך מאַטערן. דו קאָרמע אים נישט, לאָז אים אויסדאַרן. אַז ער וועט זען, דער שטן דער פאַרשאָלטענער, אַז ביי דיר קריגט ער גאָרנישט,

אַזוי וועט ער דיך פאַרלאָזן. אין סטעפּאַנען וועט ער אַריין, אין איוואַנען — און דיך וועט ער פאַרלאָזן.

— האָסט גוט געזאָגט, קלוג גערעדט, דו ביסט אַ חכם, מענדל, איך וועל דיך האָרכן — זאָגט דער הויכער פּאָפּ און גייט צוריק צו זיין פּלאַץ, צו דער הילצערנער באַנק ביים פּיעקעליק. ער זעצט זיך רואיק אַוועק און לענט אָן דעם גרויסן קאָפּ אויף זיינע ביידע פלאַטשיקע הענט. מיט דער לאַנגער געדיכטער רויטער באָרד, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט ווי אַ בעזעם, האָט ער אָפּגעווישט די אַנגסטן פון זיין פּנים.

„ויאמר — און ער האָט געזאָגט, משה — משה, אל בני ישראל — צו די יידן, לאמור — אַזוי צו זאָגן", האָט דער ייד ווייטער גענומען לערנען מיטן יינגל. דער פּאָפּ האָט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט משה, און קנעטנדיק זיין לאַנגע רויטע באָרד מיט דער האַנט, האָט ער זיך געשפּילט מיטן וואָרט „משה":

— משה, מאָיסעי, — מיר קענען אים, מיר ווייסן פון אים. אין די הייליקע ביכער געלייענט וועגן אים. גאָט האָט ער געזען, מיט גאָט האָט ער גערעדט, אויפן באַרג סיני איז ער אַרויפגעשטיגן, מיר ווייסן פון אים. אַ פּאַסטעך איז ער געווען צו זיין סטאַדע. אַ גוטער פּאַסטעך, נישט אַזוי ווי דו, סטעפּאַן קוואַטקאָוו —זידלט ער זיך אַליין. אַ שטן האָט זיך באַזעצט אין דיין פעטן בויך און דערגייט דיר די יאָרן, אָך, דו פאַרשאָלטענער, דו הינטישער זון, דו וועסט דיך נישט איינ-שטילן — איך וועל דיך אָנשלאָגן — און אָט האָסטו! — דער הויכער פּאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט ביידע הענט אין דעם גרויסן דיקן בויך אַריין, וויפל כוח ער האָט נאָר געהאַט.

— פאַטערל, פאַטערל, וואָס טוסטו? וואָס איז מיט דיר? — האָט דער ייד אַ דערשראָקענער זיך אָנגערופן, און זיינע פּאות האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען פאַר שרעק.

— ער וויל זיך נישט איינשטילן, דער הינטישער זון, — ווייזט ער אויפן בויך — אַזוי וועל איך אים גוט אָנשלאָגן.

— נישט צופיל, פאַמעלעך, פאַמעלעך, — האָט זיך דער ייד געבעטן און ווייטער זיך גענומען לערנען מיטן יינגל.

באַלד אָבער איז דער פּאָפּ ווידער צוגעקומען צום טיש פון דער קרעטשמע, און אַ פאַרשעמטער געזאָגט צום ייד:

— גוט אָנגעשלאָגן אים, אָבער באַרואיקן וויל ער זיך אַלץ נישט, דער הינטישער זון. ווייסטו וואָס, מענדל, איך וועל זיך מיט אים באַגיין ווי אַ גוטער קריסט. ער דערקוטשעט מיר, און איך וועל אים דערפאַר בראָנפן געבן צו טרינקען. מיט קריסטן-ליבע וועל איך אים באַהאַנדלען, אָט וואָס איך וועל אים אָפּטאָן. ער וועט זיך דערשרעקן און אַנטלויפן. וואָרעם דאָרט וואו דער שטן דער-שמעקט קריסטוסן, דאָרט ווייכט ער. ראַטעווע אַ נשמה, טייערער, העלף אויספירן אַ קריסטלעכע זאַך. צו פאַרטרייבן דעם שטן פון אַ זינדיקן בויך, העלף, מענדעלו!

קעגן אַזאַ טענה האָט דער ייד אי נישט געקענט אי מורא געהאַט זיך אַנטקעגנצושטעלן. האָט ער ביטער אָפּגעקרעכצט איבער דעם יידישן גראָשן, וואָס ער האָט פאַרלוירן ביי דעם האַנדל צווישן דעם שטן און דער קריסטלעכער ליבע, אין וועלכן ער איז קעגן זיין ווילן אַריינגעשלעפּט געוואָרן. מענדל האָט אָנגעגאָסן דעם פּאָפּ אַ גרויסע קוואָרט אָקעוויט, און מיט נאָך מער אימפּעט זיך גענומען שאָקלען איבערן חומש, וואָס איז געלעגן פאַר אים פאַרשפּרייט איבערן ארבע-כנפות. און דאָס פּאָטערל האָט זיך גענומען צו דער הייליקער אַרבעט צו פאַרטרייבן דעם שטן פון זיין גרויסן בויך, מיט דער הילף פון קריסטלעכער ליבע און יידישן אָקעוויט.

די סצענע איז פאָרגעקומען צווישן דעם פּאַסטעך פון דער פּראַוואָסלאַוונער סטאַדע, פּאָטערל סטעפּאַן, און דעם יידישן קרעטש-מער מענדל אין אַ ווינטערדיקן שנייאיקן נאָכמיטאָג אין דער קרעטשמע פון זלאָטשעוו. זלאָטשעוו איז געלעגן העט ווייט אַרויף אין פּאָדאָליער סטעפּ, נישט ווייט פון דער „גרינער לאָנקע" און האָט געהערט צום פריץ פון טשערנין קאָניעצפּאָלסקי.

מענדל איז געוועזן דער איינציקער ייד, וואָס האָט זיך דערוועגט צו האַלטן די קרעטשמע און די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע אין אַרענדע אַזוי ווייט אַרויס אין סטעפּ, נאָענט צו די „זאַפּאָראָזשצעס", און

פלעגט אָפט פאַרפאָרן אין „סעטש" אויף דער אָדער אויף יענער זייט דניעפּער, וואו די פרייע קאָזאַקן פלעגן זיך צונויפריטן אויף באַ־ראַטונגען צו פירן מלחמות מיטן טערק אָדער אויסצוקלייבן העטמאַנעס. מענדל פלעגט פירן צו די קאָזאַקן יוכט-לעדער, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון די יידישע גאַרבערס פון וואָלין, אויסגענייטע שעפּסן-פעלעכלעך, פלאַקסענע טיכער, פּויערשע קאָלירטע וואָל, רויטן געשטעלטן בראָנפן און יידישע געשמאַקע האָניק-קיכלעך, וואָס מענדלס ווייב האָט געבאַקן, און די קאָזאַקן האָבן שטאַרק ליב געהאַט.

טיילמאָל פלעגט ער צוריקקומען פון „סעטש" מיט אַ האַלב אויסגעפּליקטער באָרד, מיט אַן אויסגעפּליקטער פּאה, אָבער שטענדיק מיט אַ פול זעקל קופּערגעלט; פּוילישע פייעמס און גילדנס און טערקישע זילבער שטיקלעך. פאַר זיין סחורה פלעגט ער אויך צוריקברענגען טערקישע ביקסן און שווערדן מיט געטאָקטע הענטלעך פון העלפאַנטביין און אויסגעזעצט מיט מזרח-שטיינדלעך, טאַטערישע דיוואַנען, און קאָזאַקישע פילצענע מאַנטלען. די קאָזאַקישע און טאַטערישע סחורות האָט מענדל געפירט אויף די מערק פון טשירין, פון לובנע, וואו עס האָט געוואוינט דער פירשט וויש־ניעוויעצקי, דער פירשט פון רוס, וואָס איז געווען אַ גרויסער יידנ־פריינד, און אין זיין שטאָט האָבן יידן געמעגט וואוינען און פריי האַנדלען.

מענדל האָט גוט געלעבט מיט זיינע שכנים, די קאָזאַקישע כלאָפּעס. ער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ געוועלבל אין דער קרעטשמע און ער האָט געהאַט שיין פרנסה. אָבער עס איז אים געווען שלעכט. מענדל האָט נישט געקאָנט לעבן אָן יידן. און יידן האָבן זיך אין זלאַטשעוו נישט געוואָלט באַזעצן. זלאַטשעוו איז נאָך געווען אַן אומריין מקום... קיין שול און קיין בית-עולם זענען נאָך דאָרטן נישט געווען. וויפל מענדל האָט זיך נישט באַמיט צו קריגן אַ דערלויבעניש פון פריץ צו בויען אַ שול, האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן. דער גלח קאָזלאָווסקי פון די יעזואיטן, וואָס איז געזעסן אין טשירין מיט דער מיסיע אַריבערצופירן די קאָזאַקן אין קאַ־

טוילישן גלויבן, האָט בשום אופן נישט צוגעלאָזט די דערלויבעניש אויף אַ שול אין זלאָטשעוו, כדי דער ייד זאָל חלילה נישט אָפּרעדן די קאָזאַקן פון קאַטוילישן גלויבן. כדי נאָך מער צו פאַרשעמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן אין די אויגן פון די קאָזאַקן, האָט ער געצוואונגען דעם קרעטשמער צו האַלטן די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע אין אַרענדע, און די קאָזאַקן זאָלן מוזן אָנקומען נאָך דעם שליסל פון זייער צערקווע צום ייד אין קרעטשמע.

מענדל האָט זיך געמיט אויפצוהאַלטן זיין יידישקייט צווישן די קאָזאַקן, אין דער איינזאַמער קרעטשמע אין מיטן סטעפּ. אויף די יום-טובים איז ער געפאָרן קיין טשירין און זיך אָנגענומען מיט יידישקייט אויף אַ גאַנץ יאָר.

זיין איינציקער זון שלמה, וואָס איז אויסגעבעטן געוואָרן ביי גאָט נאָך דעם ווי זיין ווייב, יוכבד, האָט זעקס יאָר קיין קינדער נישט געהאַט און פאַר אַ סגולה האַלט מען אים אָנגעטאָן אין ווייסן, איז שוין אַ בחור פון זעקס יאָר, און קיין מלמד וויל אין קרעטשמע נישט אַרויסקומען. וויפל מענדל האָט געקענט האָט ער אַליין מיט אים געלערנט. אָבער קיין סך האָט מענדל אַליין נישט געקענט. אָפּטמאָל מאַכט זיך אַ שאלה, און אַליין אין קיין ספר קאָן מען נישט אַריינקוקן, ווערט דאָס הויז פאַרגרעבט. דאָס ווייב לערנט זיך מידות פון די קאָזאַקישע ווייבער, און אַליין ווייס מען נישט וואָס מע מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט. האָט ער דעריבער שוין לאַנג געוואָלט אָוועקוואַרפן די קרעטשמע און זיך אַריבערקלייבן אין אַ ישוב וואו עס וואוינען יידן. איז אָבער אַ שאָד געווען די פּרנסה. האָט ער געלערנט מיט זיין שלמהן ווי ווייט ער האָט געקאָנט, זיצנדיק הינטערן טיש פון דער קרעטשמע, צווישן בראָנפן און שיכורע גויים, ווי ער האָט עס איצט געטאָן, ווען דאָס פאַטערל סטעפּאַן האָט זיך אַריינגעמישט מיט דעם שטן. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקאָנט האָט ער געלערנט מיט זיין זון: ויאמר — און ער האָט געזאָגט, ה׳ גאָט, אל משה — צו משהן, לאמור — אַזוי צו זאָגן.

נאָר עס זעט אוים, אַז דער שטן האָט זיך טאָקע דערשראָקן

פאַר דער קריסטלעכער ליבע, מיט וועלכער דאָס פּאַטערל האָט אים באַהאַנדלט. אַז פּאַטערל סטעפּאַן האָט זיך גוט אָנגעשיכורט, האָט ער אָנגעהויבן רעדן ווי אַ ניכטערער מענטש. ער האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער פויסט אין האַרצן און זיך אַליין געזידלט:

— דו ביסט אַ זינדיקער מענטש, פּאַטערל סטעפּאַן. גאָט האָט דיר איבערגעגעבן אַ סטאַדע שעפּעלעך צו פּאַשען, דעם פּאַסטעך שטעקן דיר אין האַנט פאַרטרויט: גיב זיי פּאַשע ווען זיי זענען הונגעריק, און טרינק זיי אָן ווען זיי זענען דורשטיק. און דו האָסט עס נישט געטאָן. האָסט זיי קיין פּאַשע נישט געגעבן ווען זיי זענען הונגעריק געווען, און נישט אָנגעטרונקען ווען זיי זענען דאַרשטיק געווען. נאָר דעם יידן האָסטו פאַרקויפט דיין נשמה פאַר אַ קוואַרט בראָנפן. דער ייד זיצט און „מאַליעט" זיך צו זיין גאָט און דו, פּאַטערל, שיכורסט. דאָס האָסטו, יידל, אַזוי געמאַכט. איך ווייס עס. מיך האָסטו אָנגעשיכורט און אַליין בעטסטו גאָט.

— פּאַטערל מיינער, וואָס רעדסטו? וואָס פּלוידערסטו? גיי אין צערקווע אַריין, פּאַטערל. נאַ, אָט האָסטו דעם שליסל פון צערקווע. בעט צו דיין גאָט וויפל דו ווילסט, איך לאָז דיך נישט? פאַרקערט, אדרבא, אַ ייד האָט ליב צו זען, ווי גויים מאַליען זיך. זייער ליב צו זען. נאַ, דאָ האָסטו דעם שליסל און גיי אין צערקווע אַריין.

— און די שליסלען פון דער הייליקער צערקווע האָבן זיי דעם יידן איבערגעגעבן. די צערקווע האָבן זיי באַליידיקט. די אמונה באַליידיקט. און דו, פּאַסטעכל, זיצסט און טרינקסט. אָ, עס וועלן קומען צו רייטן די ברידערלעך פון סטעפּ. אָ, זיי וועלן קומען, די יינגלעך, אויף זייערע לייכטע פערדלעך. פון איבערן דניעפּער וועלן זיי קומען און פאַר גאָטס עוולה וועלן זיי זיך נוקם זיין! דאָס פאָלק באַפרייען פון די פאַנעס, די צערקוועס באַפרייען פון די „זשידעס" און פאַר גאָטס עוולה נקמה נעמען!

— אוי, וואָס הער איך? ש-ש-שוויג! — איז דער ייד אַפּער-געלאָפן פון הינטערן קרעטשמע-טיש און מיט דער האַנט פאַרשטעלט

דאָס מויל פון הויכן פּאָפּ. ש־ש־שוויג, די וועגט וועלן עס דערהערן, דער ווינט וועט עס דעם פּאַן דערציילן, דיין לייב וועלן זיי שינדן לעבעדיקערהייט. ש־ש־שוויג, שוויג...— האָט זיך דער ייד אַרומ־געקוקט מיט שרעק און זיינע פּאות האָבן זיך געטרייסלט, צי קיינער הערט נישט דעם פּאָפּס ווערטער. — ש־ש־ש־... איך וועל דיר געבן צו טרינקען וויפל דו ווילסט, נאַ, נאַ טרינק. אוי טאַטע, איך האָב שוין קיין כוח נישט. ביי מיר אין קרעטשמע האָט ער באַדאַרפט אַנהייבן. פאַר וואָס שטראָפסטו מיך אַזוי? אַ צווייט קווערטל בחינם. אוי, אויסקרענקען זאָל ער עס. נאַ, טרינק און שוויג!

אַנצושרעקן דעם יידן מיט די ברידערלעך פון סטעפּ איז געווען דאָס בעסטע מיטל אַרויסצוקריגן פון אים בראָנפן, אחוץ דעם מיטל מיטן שטן און קריסטלעכער ליבע. דער פּאָפּ, אַז ער האָט געקראָגן דאָס קווערטל בראָנפן אין האַנט אַריין, נאָך מיט אַן איבערגעלאָ־פענער מאָס, וואָס דער ייד האָט אין האַסט און איילעניש איבערגע־גאָסן, האָט ער זיך באַרואיקט, זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויף דער באַנק לעבן פּיעקעליק, געקנאַטן מיט די הענט זיין לאַנגע רויטע באָרד און פון צייט צו צייט געזופּט פון קווערטל. און דער ייד האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט הינטערן טיש פון קרעטשמע, נאָר לערנען האָט ער שוין ווייטער נישט געקאָנט, ער האָט געהאַלטן אין איין קרעכצן:

— טאַטע, פאָטער, פאַרוואָס שטראָפסטו מיך אַזוי? מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? האַלט איך נישט די צערקווע אין אָרענדע — שלאָגט דער פּוילישער גלח, האַלט איך די צערקווע אין אָרענדע — שרעקט מיך דער פּאָפּ מיט די ברידערלעך. און קיין שול גיבן זיי נישט, און קיין יידן זענען נישטאָ, און לערנען קען מען נישט, און דער זון וואַקסט אויס אַן תורה. אַוועקוואַרפן די קרעטשמע, אַנטלויפן פון זלאָטשעוו, וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן! אַן אַ שול און אַן יידן — נאָר שיכורע פּאָפּן, אוי ווי!

— דו אַנטלויפסט נישט, מענדעלו, דו פאַרלאָזט אונדז נישט, מענ־דעלו, — האָט זיך אָנגערופן דער פּאָפּ, וואָס האָט, ווי עס האָט זיך

געדאַכט, זיך גאַרנישט צוגעהערט צום יידנס רייד. דו ביסט דאָך פּאַר אונדז ווי אַ פּאַטערל אַן אייגענער, און אַ שול וועלן מיר דיר געבן. די ברידערלעך וועלן קומען פון סטעפּ, אויף די לייכטע פערדלעך וועלן זיי קומען. די פּאַנעם אויסהרגענען און דיר אַ שול געבן. איך וועל בעטן פאַר דיר.

— געוואַלד, געוואַלד, ער הייבט שוין ווידער אָן מיט די ברי־דערלעך. שאַ, שטיל, שאַ! — איז דער ייד אין גרוים שרעק אַרויסגעלאָפן פון הינטערן טיש.

ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען ניט די אַלטע מאַרושאַ, אַן אַלטע, שטאַרקע קאָזאַטשקע וואָס האָט געדינט ביים יידן, וואָלט מענדלען צו הילף נישט געקומען אין דער שלעכ־טער שעה. זי איז אַריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט פון דער קרעטשמע און וואו עס האָט גע־וואוינט דער ייד. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרן פּאָפּ, מיט אירע גראָבע פליישיקע הענט, וואָס זענען געווען נאַקעט אין דעם קאַלטן ווינטערדיקן טאָג, אין די באַקעס.

— מען דאַרף דיך, פּאַטערל, אַ ביסל אָנשלאָגן פאַר דיין טובה וועגן — האָט די אַלטע געזאָגט — אַ ניט וועסטו דיך נישט איינ־שטילן. האָסט דעם שטן אָנגעשיכורט און איצט שרייט פון דיר אַרויס אַ דיבוק.

— העלף, מאַמע־לעבן, העלף, טו אַ קריסטלעכע זאַך! איך האָב אים גוט אָנגעשלאָגן, נאָר מיך הערט ער נישט. צופיל פאַני־בראַט איז ער מיט מיר, דער שטן.

— וואַרט, פּאַטערל־לעבן, וואַרט, איך וועל דיר העלפן! — זי האָט גענומען די פּאָמוינוצע וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר פון קרעטשמע און אָפּגעגאָסן מיט איר דעם פּאָפּס קאָפּ.

— אָ, גוט, — האָט דער פּאָפּ געגאַוועט פאַר נחת.

— נו, וואָס פּאַטערל, בעסער דיר? — האָט מאַרושאַ געפרעגט.

— מע דאַרף אים נאָך אַביסל אַדורכשלאָגן, דערנאָך וועט ער זיך שוין אין גאַנצן איינשטילן.

— וואָרט, פאַטערל, וואָרט, איך וועל דיר העלפֿן. — און די אַלטע מאַרושאַ איז צוגעגאַנגען צום פּאַפּ און מיט אירע צוויי גרויסע, שטאַרקע הענט האָט זי אים געזעצט אין בויך אַריין.

— פּאַמעלעך, פּאַוואָליע, פּאַוואָלינקע — איז דער ייד גע־שטאַנען פֿון דער ווייטנס און געמאַכט מיט די הענט.

קאַפּיטל 2

פאַרלוירן דעם טאָג

עס האָט אָנגעהויבן ווערן גרוילעך. דער שניי אונטערן פענצטער האָט זיך גענומען רויטלען און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וויאָלעט קאָליר. דער ווינט פון סטעפּ האָט געקלאַפּט אין די ווענטלעך פון דער קרעטשמע און עס האָט אויסגעזען, אַז אויב מע וועט אים נישט אַריינלאָזן אין שטוב, וועט ער אונטערהייבן דעם שטרויענעם דאַך פון הייזל. אין קרעטשמע איז טונקל געוואָרן. דער פּאָפּ, נאָך דעם ווי מאַרושאַ האָט פון אים אַרויסגעטריבן דעם דיבוק, איז געפאַלן אויף דער באַנק לעבן פּיעקעליק און איינגעכראָפּעט. זיין שנאָרכן האָט זיך געהערט ווי דאָס בלאָזן פון אַ שעפער־האָרן און האָט צעטומלט אַלעמען אין שטוב.

די קרעטשמערין, יוכבד, איז אַריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל. אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ברענענדיק קינעלע, וואָס האָט באַלויכטן איר יונג פריש פּנים און די פּיל הויבן און שאַלן וואָס זי האָט געהאַט אויף זיך. זי איז צוגעגאַנגען צום פּיעקעליק און האָט אונטערגע־צונדן אַ קנייטל וואָס האָט זיך געטוקט אין אַ כּלי מיט צעלאָזענעם וואַקס. זי האָט אַרויפגעשלעפּט אַ גרויסן מולטער און גענומען אַריינשיטן אין אים מעל אויף אַ ראָשטשינע.

— וואָס טוסטו, יוכבד? — האָט מענדל געפרעגט.

— פאַרקנעטן די ראָשטשינע אויף חלות, דער פּיעקעליק איז שוין וואַרעם.

— וואָס איז עפּעס חלות אין מיטן דער וואָך?

— ווי איז מיר, עס איז דאָך דאַנערשטיק, — האָט דאָס ווייב אָפּגעענטפערט פאַרוואונדערט.

— יוכבד, ביסט זיך טועה, עס איז דאָך ערשט מיטוואָך, ווייסט שוין ווידער נישט, יוכבד? — האָט דער מאַן געשריגן, — יוכבד, מיר זיצן אין אַ מדבר, וואו קיין ייד איז נישטאָ און דו פאַרלירסט דעם טאָג, יוכבד!

דאָס ווייב איז געשטאַנען אַ שולדיקע מיט דעם ברענענדיקן קינעלע אין האַנט און האָט געזאָגט מיט געבעט:

— נעם מיר נישט דאָס חיות, מענדל, קוק נאָך אין לוח. עס איז דאָך דאַנערשטיק, מענדל!

מענדל האָט געקרעכצט און איז צוגעגאַנגען צו דעם גרויסן טאָוול וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט פון דער קרעטשמע — דעם לוח פון יאָר, וואָס דער וועד ארבע ארצות האָט געלאָזט דרוקן אין לובלין פאַרן נוצן פון די קרעטשמערס וואָס וואוינען אין פאַר־וואָרפענע נישט־יידישע געגנטן. דער לוח איז געווען אונטערגע־שטראָכן מיט פאַרשידענע פאַרבן, און עס האָבן אין אים געשטעקט העלצלעך וואָס האָבן געדינט פאַר פאַרשידענע סימנים וואָס מענדל האָט זיך געמאַכט. לאַנג, לאַנג האָט זיך מענדל אַריינגעטראַכט אין לוח, דערנאָך האָט ער געפרעגט דאָס ווייב:

— יוכבד, וואָס פאַר אַ טאָג האָבן מיר געהאַט אייערנעכטן? מאָנטיק אָדער דינסטיק?

— ווי איז מיר, דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ טאָג מיר האָבן געהאַט אייערנעכטן? מענדל, מענדל, מענדל, אַז דו ווייסט נישט, פון וואַנען זאָל איך וויסן, איך בין דאָך נאָר בלויז אַ זינדיקע יידענע.

מענדל האָט זיך ווייטער אַריינגעטראַכט אין לוח און יוכבד איז דערווייל געשטאַנען אין אַנגסטן. דאָס וואָס איר מאַן האָט פאַרלוירן דעם טאָג האָט אויף איר אַזוי געווירקט, ווי זי וואָלט זיך געוועזן פאַרלאָרן איינע אַליין ביינאַכט אין סטעפּ.

— מענדל, וואָס וועלן מיר טאָן, מענדל? עס איז סכנת נפשות אַז אַ ייד ווייסט נישט וואָס פאַר אַ טאָג אין וואָך עס איז, מענדל.

— וואָס ווייסטו, וואָס שרייסטו? — רוף אַריין מאַרושאַן.

די קאָזאַטשקע, מאַרושאַ, וואָס האָט געדינט ביים יידן מענדל, איז דורך די פאַר יאָר, וואָס זי האָט געוואוינט מיט יוכבדן, געוואָרן אַזוי געניט אין יידישע מנהגים און מצוות, אַז איינע פון אירע פונקציעס אין מענדלס הויז איז געווען צו באַזאָרגן די שטוב מיט יידישקייט. מיט מענדלס איין איינציקן זון, שלמהלע, וואָס זי האָט געזויגן און דערצויגן, האָט זי געזאָגט „מודה אני" יעדן פרימאָרגן און „קריאת-שמע" געלייענט פאַרן שלאָפן גיין. זי האָט אים אויך דערמאָנט אין אַ ברכה ביי יעדן עסן. מאַרושאַ האָט אויך באַדאַרפט האַלטן אויפן קאָפּ דעם טאָג פון דער וואָך כדי מע זאָל ווייסן ווען שבת צו מאַכן.

אויף די געוואַלדן פון אירע באַלעבאַטים איז מאַרושאַ אַריינגעקומען. אַז זי האָט אויסגעפונען אַז אירע באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרלאָרן אין לוח און ווייסן נישט ווען שבת צו מאַכן, איז אויף איר אַזאַ שרעק אָנגעפאַלן, אַז כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז אייערנעכטן איז געווען מאָנטיק — האָט זי זיך באַלד פאַרלאָרן און מורא געהאַט צו זאָגן עפּעס אויף געווים אין אַזאַ וויכטיקן ענין.

— פון וואַנען זאָל איך ווייסן? פּאַנאָוויע, איך בין נאָר אַ קריסטלעכע נשמה. אפשר מאָנטיק, אפשר דינסטיק, גאָט, האָב רחמנות!

מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שרעק. אַלע האָבן אָנגעהויבן מיט אַ מאָל צו שרייען: דער מאַן, דאָס ווייב און די דינסט. און דאָס יינגל, זעענדיק אַז די גרויסע שרייען, האָט ער אויך אָנגעהויבן צו שרייען. די געוואַלדן האָבן אויפגעוועקט דאָס שלאָפנדיקע פּאָטערל. דער פּאָפּ האָט זיך אויסגעגענעצט און זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— פּאָטערל טייערער, ראַטעווע — בעט זיך ביי אים מענדל.

— ווייסטו נישט וואָס פאַר אַ טאָג מיר האָבן געהאַט אייערנעכטן, מאָנטיק אָדער דינסטיק?

— מאַנטיק אָדער דינסטיק? אייערנעכטן? וואַרט, לאָז זען, — זאָגט דאָס פּאַטערל, שאַרט זיך אַרויף דעם אַרבל און נעמט ציילן אויף די פינגער: דער הייליקער געאָרג פאַלט אוים אין דאָנערשטיק שטענדיק, דעם ערשטן טאָג נאָך דער צווייטער וואָך נאָכן הייליקן פּאַוועל — ווען עס הייבט אָן צו שנייען. דענסטמאָל זאָגן מיר אין צערקווע אַ געבעט פאַרן הייליקן פּאַטערל אַנטאָן.

— ווי איז מיר, דער פּאָפּ איז דיין רבי, מענדל, מענדל! — האָט דאָס ווייב אָנגעהויבן צו וויינען.

מענדל האָט זיך אַלץ פאַרטראַכט אין לוח. נאָר בחינם זיין זוכן. כדי צו וויסן צי היינט איז מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק, האָט ער באַדאַרפט וויסן וואָס פאַר אַ טאָג עס איז געווען אייערנעכטן: מאָנ־טיק אָדער דינסטיק, און דאָס האָט קיין לעבעדיקע נשמה אין זלאָטשעוו נישט געוואוסט.

אַ מינוט איז דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען דערשראָקן און פאַר־ציטערט, אַלע האָבן מורא געהאַט זיך צו באַוועגן און זיך צו רירן, ווי זיי וואָלטן געווען געוואַרט, אַז די וועלט זאָל זיך ענדיקן. נאָר פּלוצעם האָט זיך די טיר אויפגעעפנט מיט אַ קלאַפּ פון ווינט און אין קרעטשמע איז אַריינגעפאַלן, געיאָגט פון ווינט, עפּעס אַ ני־דעריקס און אַ באַשנייטס, איינגעוויקלט אין אַ בורקע, אין ווייַ־בערשע טיכער און מענערשע שאַלן און כלערליי קליידונג. קיין מענטשלעך פּנים האָט מען נישט אַרויסגעזען. אין גאַנצן איז עס געווען פאַרשנייט אין איין קנויל שניי, נאָר פון זיין מענטשלעכער שטים וואָס האָט זיך געלאָזט הערן האָט מען געקענט דרינגען אַז עס איז אַ מענטשלעך באַשעפעניש.

— געלויבט צו גאָט, דאָ וואוינט אַ ייד? — האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול.

— אַ ייד, אַ ייד — האָט דער מאַן, דאָס ווייב, די דינסט און אפילו דער פּאָפּ מיט פריידו אָפּגעענטפערט, אַרומרינגלענדיק דאָס נידעריקע, דאָס פאַרשנייטע באַשעפעניש.

דאָס שנייענע מענטשעלע האָט אָנגעהויבן אָפּצושיילן פון זיך די פאַרשנייטע שאַלן, טיכער, בורקעס איינס נאָך דעם אַנדערן,

האט אפגעקייקלט פון זיך די בגדים, און אז עס איז געבליבן אפ־געשיילט פון די פארשיידענע קליידער איז געבליבן שטיין א קליין, נידעריק יידל, א ווייס, מיט א קורץ, ווייס בערדל, מיט שניי־ווייסע האר און א פאר ליכטיקע קינדערשע אויגן מיט אן אלט־קינדישן שמייכל אויפן ריינעם פנים. ער האט אויסגעשטרעקט א שלום־עליכם־האנט צו מענדלען:

— געלויבט צו גאט, געקומען צו א יידן, שלום־עליכם!

— קומט צו צום פיעקעליק, ר׳ ייד, ער איז איינגעהייצט — פארבעט אים די ארענדארקע.

דאס יידל איז צוגעגאנגען צום פיעקעליק, ארומגענומען אים ווי מען נעמט ארום אן אלטן גוטן ,פריינט און געזאגט:

— פארקליבן זיך א ייד, העט־העט פארקליבן זיך ווייט אין סטעפ. וואו דיינע יידעלעך זוכן דיך אפ, רבונו של עולם, העט ווייט אין סטעפ זוכן זיי דיך אויף, טאטע אין הימל!

— פון וואנען האט איר זיך גענומען דא אין דעם ווייטן מקום? — איז ערשט מענדל געקומען צו זיך.

— אט אזוי זיך, איך בין מיר א שניידערל א קליינס, ברוך־השם באקאנט אין די מקומות ארום, ביי די ארענדארן. ניי פעלצלעך און מלבושים פאר די קינדערלעך צום געזונט, אויסשטייערס אויף חתונות וכדומה וואס יידן באדארפן. געהערט אין קארסון אז זלאטשעוו האט שוין א יידישן קרעטשמער, האב איך מיר גע־טראכט: איך וועל אראפקומען געוואויר ווערן וואס עס מאכט א ייד אין אזא ווייטן מקום, און אגב טאמער וועט זיך מאכן א מלבוש איבערצונייען אדער מיט די קינדער צו לערנען — איך בין ברוך־השם א מלמד אויך.

— ווי גאט וואלט אייך צוגעשיקט אין דער ריכטיקער מינוט! פארלארן דעם טאג. מען לעבט צווישן גויים אליין אין א מדבר, האבן מיר דעם טאג פארלוירן — זאגט דאס ווייב. — ווייסט איר ניט, ר׳ ייד, וואס פאר א טאג מיר האבן היינט ביי יידן?

— דעם טאג פארלוירן? אוי ווי! וואס דארף א ייד דעם טאג צו וויסן אין מדבר, אוודאי מכח שבת, צו וויסן ווען די ראשטשינע

צו קנעטן. זע, טאַטעניו, ווי געטריי דיינע יידעלעך זענען דיר אַפילו אין דער ווילדער סטעפּ! צווישן גוים פאַרגעסן זיי דיך ניט, היטן דיין שבת אָפּ. האָבן דאָך יידן אוודאי עגמת נפש, וואָס זיי האָבן דעם טאָג פאַרלוירן, וועל איך אייך באַלד זאָגן. אַנו, לאָזט מיך נאָר מיינע קניפּלעך זען, — זאָגט דער ייד און נעמט די שנור פון זיין זעקל — אָפּט מאָל מאַכט זיך, אַז מען פאַרגעסט טאַקע דעם טאָג, מאַך איך מיר דאָ סימנים. יעדן טאָג מאַך איך מיר אַ קניפּל אין דער שנור פון זעקל. מיינע קניפּלעך זאָגן אַז היינט האָבן מיר אַזוי גרוים ווי ד׳ בשבוע, מיטוואָך ביי יידן. איך וועל אייך געבן אַן עצה טובה: העלצער אויפן פּיעקעליק צו לייגן פאַר אַ סימן, אַזוי ווי עס טוען אַנדערע אַרענדאַרן. עס קומט זונטיק אין דער וואָך לייגט מען אויפן פּיעקעליק איין שטיק האָלץ, מאָנטיק אין דער וואָך — נאָך אַ האָלץ, דינסטיק — ווידער אַ האָלץ, און אַז מען ציילט אָפּ זיבן העלצער ווייסט מען אַז דער שבת-קודש קומט. און דאָס טוט די יידענע אין שטוב — ווענדט ער זיך צו יוכבדן — וואָרעם עס איז אַ סכנה זיך צו פאַרלאָזן אויפן מאַנספּאַרשוין.

— אַ יישר כוח אייך פאַר דער גוטער עצה וואָס איר גיט אונדז, — רופט זיך אָפּ מענדל פאַרן פאַרשעמטן ווייב, — גיי, קאָך אָפּ גרויפּן זופּ פאַרן אורח, — און ווענדנדיק זיך צום אורח:

—ביז זוגתי וועט די גרויפּן פאַרטיק האָבן, וועלן מיר דערווייל אָפּדאַווענען מעריב. עס ווערט שוין שפּעט.

באַלד איז די קרעטשמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שולכל. אין איין ווינקל איז געשטאַנען דער טאַטע מיטן יינגל, אין דעם צווייטן ווינקל דער אורח און האָבן געדאַוונט שמונה-עשרה. פון פּיעקעליק איז אַרויסגעקומען דער טעם און ריח פון גרויפּן וואָס יוכבד האָט אונטערגערייסט מיט אַ ציבעלע. דער ריח האָט זיך געהערט אין שטוב און האָט שטאַרק גערייצט דעם אַפּעטיט פון גרויסן פאָפּ וואָס איז וואַכעדיק געוואָרן פון די גרויפּן. ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך דורך זיינע גרויסע נאָזלעכער דעם געשמאַק פון די אָנגערייסטע ציבעלעס און גרויפּן און געשלונגען דאָס וואַ־סערדיקע שפּייעכץ אין מויל, קלאַפּנדיק מיט די ליפּן. ער האָט

אָבער געוואוסט אַז ער האָט ווייניק אויסזיכטן אַז ער זאָל ווערן צוגעלאָזן צו דעם טעלער מיט די גרויפּן, איז ער זייער טרויעריק געוואָרן. ער האָט זיך געריבן מיטן רוקן אָן פּיעקעליק און באַלעקנדיק זיך די ליפּן ווי אַ קעצל, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין מיט גרויס רחמנות אויף זיך:

— אַך, טאַטעניו, גאָטעניו, די אומגלויביקע יידן עסן גרויפּן מיט אָנגערייִשטע ציבעלעס און אַ פרומע קריסטלעכע נשמה לאָזן זיי דאַרן, נעם נקמה, טאַטעניו, גאָטעניו!

מענדל האָט זיך נישט געמאַכט באַמערקן די גליענדיקע אויגן פון דעם צעהיצטן רויט־פּרצופדיקן פּאָפּ. ער האָט זיין אורח אַריינגעבעטן אין צווייטן שטיבל, און אַליין האָט ער אָוועקגעשטעלט הינטער דעם טיש פון קרעטשמע מארושאַן, אַז זי זאָל היטן די פּעסלעך מיט די גאַנשערס אָקעווייט פאַרן פּאָפּ. דער פּאָפּ האָט ביטער אָפּגעקרעכצט דערזעענדיק הינטערן קרעטשמע־טיש מארושאַן מיט די נאַקעטע הענט. יעדע האָפענונג איז אים פון אים פארשוואונדן און ער האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרטראַכטן אין פרומע געדאַנקען.

ביים עסן, ווען דער אורח איז געווען איינגעהילט אין דער פּאַרע, וואָס האָט געשלאָגן פון דער ערדענער כלי מיט גרויפּן וואָס איז געשטאַנען אין מיטן טיש, האָט ער גענומען פאַרהערן דאָס ייִנגל.

קנייפּנדיק שלמהלען אין בעקל האָט ער געפרעגט:

— נו, זאָג, בחורעץ, וואָס לערנסטו שוין?

— זעקס יאָר שוין אַלט געוואָרן, קיין עין־הרע, — ענטפערט פאַר אים דער טאַטע — און ערשט חומש אָנגעהויבן. שווער צו זיין אַ ייִד אין סטעפּ.

— גאָט וועט אייך ממלא זיין, — טרייסט אים דער אורח — איר וועט נאָך די זכיה האָבן צו זען זלאַטשעוו אַ יידיש מקום און איר וועט די זכיה האָבן צו זיין אַ פרנס ביי יידן.

מענדל האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט.

— און דאָס מקום באַדאַרף טאַקע אַ שול — האָט דער אורח צוגעלייגט — אַזאַ גרויסע ברייטע סטעפּ און אָן אַ שול, און אַז דער רבונו־של־עולם וויל, אַז זיינע יידעלעך זאָלן דאַוונען צו אים — וועט דער פּריץ מוזן געבן די שול. ער וועט מוזן, מען וועט אים נייטן, פון הימל וועט מען אים נייטן, ווי הייסט ער וועט ניט וועלן?

קאַפּיטל 3

אַ שול! אַ שול!

כראַביע קאָניעצפּאָלסקי איז אַראָפּגעקומען קיין זלאָטשעוו אויף געיעג. און ער האָט אין זיין יעגערשלאָס געגעבן אַ באַל פּאַר זיינע געסט. דער פאַרוואַלטער פון זלאָטשעוו האָט מענדלען געשיקט קיין נעמיראָוו, אַז ער זאָל אַראָפּברענגען אַ יידישע קאַפּעליע און באַזאָרגן די געסט מיט הענטשקעס, וואָס מענדל וועט פאַרקויפן די „וויעלמאָזשנעס" צום טאַנץ מיט די פּאַניעס.

דער יעגערשלאָס איז געווען געבויט מיט הויכע טורעמס אין שוועדישן סטיל און די זאַלן זענען געווען באַלויכטן מיט אַ סך ליכט אין די אייזערנע לייכטער. און די פּאַנעס אין פּוילישע קאָנטושן מיט סויבלנע ברייטע קראַגנס, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען איבער זייערע אַקסלען, און מיט די הוזאַרן-היט, מיט גרויסע פּאַווע-פּושן אין די הענט, האָבן געפירט צו דער מאַזורקע די דאַמען געקליידט אין ווייסן אַטלעס, באַפּוצטע אין קעניגלעכן גאָרנאָסטאַי-פוטער. די יידישע פידל האָט געגרימפּלט, געשניטן אַ ניגון און לאַנג-געצויגן, און די יידישע צימבאַלקעס פון דער נעמיראָווער קאַפּעליע האָבן וויינט און זיך צוגעקלונגען צום טאַקט. די „יאַסנע-וויעלמאָזשנעס" האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק מיט די בראָנזענע שפּי-ציקע שפּאָרן אויף די אָפּצאַסן. און די פּאַניעס האָבן אויך מיט זייערע גאָלדענע אָפּצאַסלעך, מיט וועלכע זייערע פוטערנע שטיווע-לעך זענען געווען באַפּוצט, צוגעקלאַפּט צו דער מוזיק. און מענדל איז אַרומגעלאָפן מיט נייע אויסגעפּרעסטע הענטשקעס פון איין „וויעלמאָזשנע" צום אַנדערן און געבעטן זיך:

—אַ פּאָר הענטשקעס צום טאַנץ מיט דער שיינער ליכטיקער פּאַניע.

נאָך יעדן טאַנץ האָבן די „וויעלמאַזשנעס" אַראָפּגעוואָרפן די הענטשקעס פון די הענט און געכאַפּט פון מענדלען אַ פּאָר נייע הענטשקעס. עס איז ניט שיין געווען צו טאַנצן מיט צוויי פּאַניעס אין די זעלבע פּאָר הענטשקעס. שלמהלע, מענדלס ייִנגל, מיט די ציטערדיקע פּאותלעך, האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן די פיס פון די „וויעלמאַזשנעס" און צונויפגעקליבן די אויסגעטאָנענע הענטש־קעס און געבראַכט זיי צום טאַטן. דער טאַטע האָט זיי אַריינגע־לייגט אין דער הילצערנער פּרעס, אויסגעפּרעסט זיי, גלייך געמאַכט, און איז ווידער אַרומגעלאָפן מיט זיי צו די „וויעלמאַזשנעס":

— בייט איבער די הענטשקעס „וויעלמאַזשנעס", טוט ערן די דאַמען און בייט איבער די הענטשקעס. ניט שיין צו טאַנצן מיט די ליכטיקע פּאַניעס אין געניצטע הענטשקעס, „וויעלמאַזשנעס"!

מענדל האָט אַ מינוט ניט גערוט. האָט ער ניט פאַרקויפט די הענטשקעס, האָט ער זיי געפּרעסט, צוזינגענדיק זיך פּסוקים תהילים, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק און אַריינגעוואָרפן קרעכצן אין מיטן די פּסוקים. — אוי פרייען זיך די גוים — מיין ברעכעניש אויף זיי, מיין ווייבס צער פון טראָגן און מיין קינדס צאַנווייטיק, מאַזלען און שאַרלעך — טאַטע אין הימל. עולם־הזהניקעס, פרעסן און זויפן און דינען צו אַ גאָט אַ האָלץ, און אַ שול, אַ הייליקע שול, לאָזן זיי ניט בויען. אפשר וואָלט שוין צייט געווען, אַז דו זאָלסט דאָס הייליקע בית־המקדש אויפבויען. ע, מן הסתם איז נאָך נישט צייט. טאָ זאָל זיין אַזוי ווי דיר איז באַליבט, טאַטע אין הימל!

— העי, זשידזשי, וואָס מורמלסטו דאָרט דיין טייוולשע תפילה? דו וועסט אויף אונדז נאָך דעם טייוול אַרויסלאָזן! הענטשקעס צו דער מאַזורקע מיט דער ווייס־טויב־קעפּיקער פּאַניענקע פון זלאָ־טשעוו, דער ליכטיקער און לויכטנדיקער פריילין זאָפיע, אָבער ניט קיין אויסגעפּרעסטע, וואָס דיין ממזרוק קלייבט אויף צווישן די פיס

פֿן די שליאַכטשיצעס — ליכטיק־העלע און נייע — צו האַלטן די אײדל־געשניצטע טאַליע פֿון מײַן טויב־קאַפּיקן מלאך.

— וואָס רעדסט דער יאַסנע־וויעלמאַזשנע? ווער בין איך וואָס איך וועל מיך אונטערשטעלן אָפּצונאַרן אַזאַ יאַסנע־וויעלמאַזשנע שליאַכטשיץ ווי דו ביסט? איך האָב דאָך נאָך דיין טאַטן געקענט, דעם אַלטן שליאַכטשיץ, אוי, איז דאָס געווען אַ גוטער שליאַכטשיץ, כן יאבדו כל הרשעים . . .

— וואָס האָסטו געזאָגט פֿאַר אַ פֿאַרשאָלטענעם שפּרוך, זשידיק, אויף דיין טייוולשער שפּראַך? איך וועל פֿון דיר די הויט שינדן לעבעדיקערהייט, ווען דו וועסט מיין טאַטן שילטן אין קבר!

— איך האָב געבענטשט דיין טאַטן, געבענטשט אים אין אונ־דזער הייליקער שפּראַך צו אונדזער גאָט, אַז ער זאָל אים אין אונדזער ליכטיקן גן־עדן זיין.

— דו בענטש נישט און שילט נישט, זשידיק. היט דיין לייב און קריך אונטער דעם ווייבס ספּאָדניצע, ווען איך וועל אויף דיר מיינע הינט אָנרייצן. פֿלינקער, זשידיק, פֿלינקער, אייל זיך צו, זשידיק. די פּיס קענען עס שוין נישט אויסהאַלטן, עס גלוסט זיך צום טאַנץ.

— נאָך איין מינוט, וויעלמאַזשנע, זאָלן זיי נאָך ליגן אין דער פּרעס. וואָס לענגער הענטשקעס ליגן אין דער פּרעס, אַלץ ריינער און שטייפֿער ווערן זיי. פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש, וויעלמאַזשנע; פּונקט אַזוי ווי מיר, יידעלעך, וויעלמאַזשנע.

נאָר אין דעם איז צוגעקומען דער פּריץ פֿון זלאָטשעוו, דער כראַנזשע קאָניעצפּאָלסקי, אַ הויכער און אַ שטאַרקער, ווי אַ שטאַר־קער דעמב, מיט ברייטע פּלייצעס. זיין לאַנגע אַטלעסענע שוואַרצע קאַפּאָטע, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו זיינע טריט, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זיין קערפּער, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ געשניצטער פֿון האָלץ, איין שטיק קערפּער. אויף זיינע ברייטע פּליי־צעס האָט זיך געהויבן, ווי אַ טורעם פֿון אַ געביידע, זיין שפּיציק־

הויכער קאָפּ, געגאָלט ביז אין דער העלפט — פּאות און גזשיבע געגאָלט, נאָר די שטאַרקע גרויסע וואָנצעס, ווי ביי אַ שטאַרקן פיש, האָבן זיך געצויגן פון אויער צו אויער.

— זשידקו, וועסט היינט מיינע געסט פאַרווײַלן מיט אַ געזאַנג, וואָס איר זינגט. אַז דו וועסט זינגען גוט, וועסטו קענען פון מיר עפּעס דערפאַר אַרויסקריגן. געהערט?

— געהערט, יאַסנע־ווײַעלמאָזשנע.

דער ייד איז אָפּגעשפּרונגען הינטערווײַלעכס פון פּריץ, צוגערופן זיין שלמהלען, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין איין קלייבן די אוועקגעוואָרפענע הענטשקעס פון צווישן די פיס פון די פּריצים. דער טאַטע האָט אים גלייך געמאַכט די פּאות, דאָס ייִנגל אוועקגעשטעלט לעבן זיך. אַרום דעם ייד מיט דעם ייִנגל האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן פּריצים און פּריצטעס. אין זאַל איז געוואָרן שטיל, די קלעזמער האָבן אויפגעהערט צו שפּילן. נאָר די ליכט, וואָס האָבן געברענט, האָבן געקנאַקט פון צייט צו צייט. פון די ווינקלען און פון די אַרומיקע צימערן האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער און די פרייליכע רייד פון די שטראַלנדיקע העל־בלאָנדע פּאַניעס און פאַרליבטע יאַסנע־ווײַעלמאָזשנעס.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געדויערט דאָס צוגרייטן זיך. פּלוצעם האָט דער ייד זיך אין גאַנצן געענדערט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיין געזיכט איז רויט געוואָרן, אָנגעלאָפן. מען האָט געזען, ווי ער מאַטערט זיך אַוועקצוגיין פון דאַנען און ערגעץ אַנדערשוואו צו קומען. און מיט אַ מאָל איז עס אים געלונגען. דער ייד האָט געגעבן אַ שטעק אַרונטער אַ פינגער אונטער זיין גאָמבע און ער האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו זינגען. צו ערשט פּאַמעלעך, אין דער שטיל, ווי ער וואָלט פאַר זיך צוגעברומט, נאָר באַלד איז עם העכער געוואָרן, זיין שטים האָט מיט אַ מאָל געקראָגן חוצפּה. דער ייד האָט פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך. נאָך האָבן די פּריצים געלאַכט, נאָר באַלד זענען זיי פאַרשטומט געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ייד איז דער איינציקער באַלעבאָס פון די גרויסע זאַלן. ער האָט ניט געזען די פּריצים מיט די פּאַניעס, מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון

אַטלעס און פוטער, וואָס איז אַרום אים. קיינער איז דאָ נישט געווען, נאָר ער אַליין — ער מיט זיין באַשערטער. און נישט קיין מענטשלעכע פרוי איז עס געווען, פאַר וועלכער ער האָט איצט אַזאַ גרויסן לויב אָפּגעגעבן — נאָר אַ העכער, גייסטיק ווען. צו זיין שבת, צו זיין מוטער, האָט ער געזונגען, צו זיינע האָפענונגען און זיינע צרות:

„אשת חיל מי ימצא."

נישט קיין סערענאַדע צו אַן ערדישער געליבטער האָט ער געזונגען, נאָר אַ סערענאַדע צו זיין געטלעכער געליבטער, צו דעם גרויסן אומגעזעענעם און אומדערגרונטעוועטן גליק וואָס זי גיט, ווען מען טראַכט וועגן איר; וועגן דער גרויסער הייליקייט און ריינקייט, וואָס פליסט אַרוים פון איר ווען און באַשיינט די אַלע וואָס טראַכטן וועגן איר און זענען פאַרליבט אין איר. פון זיין כלה, דעם שבת, פון זיין איינציקער טויזנט-יאָריקער כלה האָט ער געזונגען און פאַר דער גרויסער אייביקער ליבע וואָס זיינע אבות-אבותינו ביז צו זיין לעצטן דור וועלן פילן צו דער אייביקער כלה. די צרות און חרפות וואָס ער שטייט אוים צוליב איר זענען פאַרטראָגן געוואָרן צו גרויסע כיבודים און הערלעכקייטן; דאָס הינטישע לעבן — צו אַ פּרינצן-לעבן. אַלץ פאַרוואַנדלט זי אין אַ גרוים, הימלדיק גליק — דורך דער ליבע צו איר. וואָס זענען אים אָנגעגאַנגען די שכנים מיט די פּאַניעס, מיט זייער גראָשנדיק פאַרמעגן, מיט זייער באַגרענעצט שטיקל גליק פון ערדישן אָפּפאַל, מיט זייער מענטשלעכער היינטיקער איינגערעדטער קראַפט און הערשאַפט, קעגן דער אייביקייט פון זיין ליבע צו זיין גרויסער כלה!

פאַרשטומט זענען געווען די פּריצים און פאַרשעמט פאַר דעם גרויסן גביר וואָס שטייט צווישן זיי און זינגט אַ ליד פון אייביקער ליבע.

— גוט געדינט מיר, גוט געזונגען! מיינע געסט זענען צופרידן, זשידיק. זאָג, וואָס דו ווילסט, היים דיר געבן אַ סך, נאָר קלער נישט פיל. איך האָב מער מורא פאַר דיין כיטרעקייט ווי פאַר דיין אַפּעטיט, — לאַכט דער פּאַן.

— יאַסנע-וויעלמאַזשנע — וואַרפט זיך דער ייד צום פּריצעס פּיס — אַ שול און אַ בית-הקברות! אַ שול צום דאַוונען און אַ בית-הקברות אונדזערע טויטע צו באַגראָבן! גיב די דערלויבעניש אין זלאַטשעוו — אַ שול און אַ בית-הקברות!

דער פּריץ האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט. ער האָט זיך דער־מאָנט אָן די יידישע פּערל וואָס זכריה פון טשירין האָט אים אָקעגנגעטראָגן, ווען ער איז קיין טשירין געקומען. זלאַטשעוו וואָלט געוואָרן אַ ישוב, צינזן געצאָלט. נאָר וואָס וועט גאָט זאָגן און דער פּאָטער קאָזלאָווסקי? באַלד איז אים עפּעס איינגעפאַלן, אַז אי די צינזן זאָלן זיין און אי גאָט זאָל צופרידן זיין.

— אַז דו וועסט פאַר אונדזער פּאַן יעזוס קריסטוס דעם קאָפּ בייגן און זאָגן פּאַטשאַרדזש פאַר דער הייליקער מאַריע דריי מאָל, וועל איך דיר די דערלויבעניש געבן און אַ שיינעם פּלאַץ אויף אַ בית-עולם.

דער ייד איז שטיל געוואָרן, פאַרשטיינערט און געשוויגן.

— נו, מאַכן מיר דאָס געשעפט, זשידיק? גוט, זאָג נאָר בלויז: „מאַריאַ, מאַטקאַ באָסקאַ שוויענטאַכאָווסקאַ, ניעך בענדזשע פּאָ־כוואַלאָנאַ נאַ וויעקי וויעקי, אָמען."

דער ייד האָט געשוויגן.

— נו, קני בלויז פאַר איר אַנידער, זשידיק.

דער ייד האָט געשוויגן פאַרשטיינערט.

— וועסטו מוזן דעם בער שפּילן.

דער ייד איז בלייך געוואָרן, דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

— יאַסנע-וויעלמאַזשנע, איך בין נאָר אַן אָרעמער ייד, האָב רחמנות אויף מיין ווייב, אויף מיין קינד. בעט, שלמהלע, מיין זון, בעט דעם שליאַכטשיץ. האָב רחמנות, יאַסנע-וויעלמאַזשנע. איך וועל דיר שטענדיק געטריי דינען.

און דער טאַטע מיטן קינד האָבן זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום דעם פּריצעס פּיס און געקושט די שטיוול, דעם דיל און געשלאָגן מיט די שטערנס אין דער ערד.

— האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינד, יאַסנע־וויעלמאַזשנע.

— אָדער דעם פּאַטשאַרזש זאָגן, אָדער דעם בער שפּילן.

דער ייד האָט אַ מינוט געקלערט. ער איז בלייך געווען און דערשראָקן און געהאַלטן אין חזרן פּסוקים פון תהילים און פון דאַווענען, און דערביי דעם פּריץ די קאַפּאָטע געקושט, די שטיוול. נאָר פּלוצעם איז אים אין די אויגן ליכטיק געוואָרן. ער האָט נאָך געציטערט מיט די הענט און פּיס, נאָר דאָס פּנים איז געווען באַגאָסן מיט רואיקייט און שטילקייט.

— פּאַר אַ שול, יאַסנע־וויעלמאַזשנע, האָב רחמנות, גאָט וועט העלפן, טו ווי דו ווילסט.

דער פּריץ האָט געגעבן אַ וואונק, און צוויי קנעכט האָבן דעם יידן גענומען און איבערגעצויגן איבער אים אַ בערענע פעל. דער פּריץ האָט געהייסן די קלעזמער שפּילן, און די צוויי קנעכט מיט צוויי לאַנגע בייטשן האָבן אָנגעהויבן דעם בער צו שמייסן. דער בער איז געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן און געשריגן בר־בר.

די שררים האָבן געלאַכט און געדרייט זיך, און איינער דעם אַנדערן האָט געשטופּט צום בער, און די קנעכט האָבן געשמיסן און געיאָגט אים פון איין אָרט אויפן אַנדערן. דער ייד אונטער דער בערנפעל האָט געברומט: „לדוד ה׳ אורי וישעי ממי אירא״, בר־בר־ איז ער געשפּרונגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן אויף אַלע פיר — „ה׳ מעוז חיי ממי אפחד״!

— גוט געשפּילט, יידל, דעם בער. קריגסט דערפאַר די שול. פאַר דעם בית־עולם וועסטו נאָך מוזן זיך פאַרדינען.

פון פּאַלאַץ אַהיים איז דער ייד געלאָפן אָן אַן אָטעם, דאָס לאַנגע ארבע־כנפות האָט זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פיס, און דאָס ייִנגל מיט די ציטערדיקע פאות איז אים נאָכגעלאָפן, און ביידע האָבן געשריגן איבערן וועג אָנזאָגנדיק דער מאַמען די פריילעכע בשורה: אַ שול! אַ שול!

קאַפּיטל 4

דער חינוך פון דער שול

באַלד איז באַקאַנט געוואָרן אין גאַנץ פּאָדאָליע און וואָלין, וואו ייִדן האָבן זיך נאָר געפונען, אַז עס האָט זיך אויפגעעפנט אַ נייער ישוב. זלאַטשעוו האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש אויף אַ שול, און עס האָבן אָנגעהויבן קומען ייִדן קיין זלאַטשעוו פון דער גאַנצער געגנט אַרום. עס זענען געקומען ייִדן פון קאַרסון, פון טשירין, ייִדן פון יענער זייט דניעפּער, פן לובין, פון לאַכוויץ, פון פּערעיאַ־סלאַוו, ווארעם עס האָט זיך געהערט אַז זלאַטשעוו איז אַ מקום פון פּרנסה, עס איז נאָענט צום סעטש און מען קען פירן האַנדל מיט די קאָזאַקן. און אפילו פון קליין־פּוילן זענען געקומען ייִדן, וואָס האָבן געהערט אויף די יאַרמערק אין יאַראָסלאַוו און לובלין אַז זלאַטשעוו איז געוואָרן אַ ישוב.

די ערשטע זאַך האָט מען זיך גענומען בויען די שול. די ייִדן האָבן זיך צונויפגעלייגט וואָס זיי האָבן געקענט. די ווייבער האָבן געבראַכט דאָס צירונג, און מען האָט אַראָפּגעבראַכט צוויי ייִדישע מייסטערס פון נעמיראָוו און באַשטעלט ביי זיי בויען די שול.

צוויי יאָר האָט געדויערט בויען די שול. די באַלעבאַטים האָבן געהאָלפן אַליין בויען. די שול האָט געדאַרפט דינען צו צוויי צוועקן, גאָט צו דינען און צו באַשיצן זיך פון פיינד. האָט מען די שול געבויט ווי אַ פעסטונג, מיט אייזערנע טירן און רינגען. נחמן דער קאָוואַל, וואָס האָט געהאַלטן די קוזניע, האָט אויסגע־קאָוועט די אייזערנע טיר פאַר דער שול, אַ גדר צו דעם באַלעמער, אַ גרויסע מנורה פאַרן עמוד און אַ גרויסן חנוכה־לאָמפּ. פּראָסט איז געווען זיין אַרבעט, פּראָסטע קאָוואַלסקע אַרבעט, אָבער מיט גרוים

ליבע און חשק. אַלע קונצשטיק וואָס נחמן האָט געקענט אין זיין קאַוואַלעריי האָט ער אַריינגעקאָוועט אין דעם גדר פאַרן באַלעמער, אין דער מנורה און אין דעם חנוכה־לאָמפּ. דאָס אייגענע האָט אויך געטאָן ברוך דער דרעקסלער. אונטער דער אויפזיכט פון צוויי מייסטערס פון נעמיראָוו האָט ער אויסגעשניטן פאַרשיידענע דרייד־לעך און קונצן, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע בחורשע יאָרן אין האָלץ־שניצעריי: פייגל און טויבן, הירשן און לייבן, די סימנים פון שבטים און די סימנים פון די חדשים. גאַנצע נעכט איז דער ייד געזעסן און זיין מלאכה געטאָן ביי אַ ברענענדיק שטיק האָלץ, שניצנדיק די שניצעריי פאַר דער שול. און יעדער באַלעבאָס, אַז ער איז געפאָרן אויף אַ יאַרמאַרק אין די גרויסע שטעט און געזען אַ שיינע זאַך, אַ שיין זיידנס פאַר אַ פּרוכת, אַ מזרח, אַן אליהו הנביאס שטול אָדער אַן אַנדער צירונג, האָט ער עס געקויפט און געבראַכט אַהיים פאַר דער שול.

און די ווייבער זענען אויפגעזעסן אין די ווינטערדיקע נעכט ביי מענדלס ווייב יוכבד, אין קרעטשמע, און מיט פרומע געזאַנגען האָבן זיי זייער צירונג אַריינגענייט אין די פּרוכתן און אין די העמדלעך פאַר די ספר־תורהס.

מענדל, ווי דער ערשטער תושב פון זלאָטשעוו און חשוב ביים פּריץ, איז געוואָרן דער פּרנס פון דער נייער קהילה. און מענדל האָט געוואָלט אַז זלאָטשעוו זאָל האָבן אַ שטיקל שם איבער דער וועלט. האָט ער געגלוסט צו האָבן פאַר זלאָטשעוו אַ רב אַ למדן, מיט אַ שם טוב.

לאַכוויץ האָט געהאַט אַ רב, דעם „שער צדק", מיט וועלכן די גאַנצע געגנט האָט שוין געקלונגען, האָט מענדל נישט לאַנג גע־טראַכט, איינגעשפּאַנט דעם וואָגן, געפאָרן קיין לאַכוויץ, דעם רב מוסיף געווען צוועלף גראַשן פּויליש אַ וואָך מער וואָס לאַכוויץ גיט, און צוגעגעבן דער רביצן די חזקה אויף ליכט ציען פאַר דער שטאָט, און גלייך גענומען אַ וואָרט פון רב מיט אַ כתב. דערנאָך אַז לאַכוויץ איז געוואויר געוואָרן, איז שוין געווען צו שפּעט. מענדל האָט אָוועקגעפירט דעם גאון פון לאַכוויץ קיין זלאָטשעוו. דורך דעם

האָט זלאַטשעוו באַלד אַ שם געקראָגן איבער דער וועלט. דער רב האָט חדרים געמאַכט, געזאָרגט זיך וועגן די תלמוד-תורות און גע־לערנט מיט די בחורים שיעור, און זלאַטשעוו האָט שוין אָנגעהויבן צו לערנען.

און אַז מען איז געוואויר געוואָרן אויף די יאַרמערק אין יאַראָסלאַוו און לובלין אַז זלאַטשעוו איז אַ מקום-תורה, האָבן שוין קיין זלאַטשעוו אַ חוץ בעלי-מלאכות און יידן סוחרים, אויך אָנ־געהויבן אַראָפּקומען איידעלע מענטשן, למדנים. איז אַראָפּגעקומען קיין זלאַטשעוו אַ חוץ בעלי-מלאכות און יידן סוחרים אויך אָנ־וואָס איז חרוב געוואָרן דורך אַ בלבול און ר׳ יעקב אַליין מיט די ספר-תורות פון שטעטל איז ניצול געוואָרן. און ר׳ ישראל פון בעמען איז אַראָפּגעקומען קיין זלאַטשעוו מיט אַ קליין מיידל פון דער שטאָט אַש. געהערט האָבן זיי אין לובלין אויפן יאַרמאַרק, אַז אין די ווייטע מקומות אין סטעפּ האָט גאָט אויפגעעפנט ישובים מיט פרנסה פאַר יידן, זענען זיי אַראָפּגעקומען זיך באַזעצן אין זלאַטשעוו.

האָט מענדל זיך געוואָלט משדך זיין מיט יחוס. שלמהלע איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר, און עס איז שוין צייט געווען צו קלערן וועגן אַ שידוך פאַר אים, כדי אַזוי אַרום מקרב צו זיין דעם קץ. האָט זיך מענדל דער פרנס געוואָלט משדך זיין מיטן „שער צדק״ וואָס האָט געהאַט אַ מיידל אין שלמהלעס יאָרן. האָט ער צוגעזאָגט קעסט כל ימיו און כמה וכמה גאָלדענע רענדלעך. און כדי מחנך צו זיין די שול מיט אַ חופה פון ערשטן שטאָטישן פּאָר־פאָלק, אַזוי ווי דער מנהג איז, האָט מען באַשטימט די חתונה אויף דעם טאָג פון חינוך. כאָטש די קינדער זענען נאָך געווען יונג, האָט מען זיי חתונה געמאַכט, נאָר כדי זיי זאָלן האָבן די זכיה מחנך צו זיין די שול מיט זייער חופה.

די שול איז פאַרטיק געוואָרן אויף פסח, נאָר אָפּגעלייגט האָט מען דעם חינוך אויף ל״ג בעומר, וואָס דאָס איז זייער אַ מזלדיקער טאָג. פון דרויסן האָט די שול אויסגעזען קליין, כדי זי זאָל זיך

ניט ווארפן די גויים אין די אויגן. אָבער אינעווייניק איז זי געווען הויך און ברייט. דער פונדאַמענט איז געווען טיף איינגעגראָבן אין דער ערד, אויף צוועלף שטיגלעך אין דער נידער, און איז גע־גאַנגען וואָס אַמאָל טיפער, אַזוי אַז דער עמוד וואו דער חזן איז געשטאַנען איז געווען דאָס נידעריקסטע אָרט, צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, אַז די שול זאָל זיך נישט ווארפן די גויים אין די אויגן מיט איר הייך, און כדי ווען מען וועט דאַווענען פאַר גאָט זאָל עס זיין ווי אין תהילים שטייט: „ממעמקים קראתיך יה". אָבער פונעם עמוד אַרום האָבן שוין געשניצטע טרעפּ אַרויפגעפירט צום אָרון; עס פּאַסט נישט פאַר גאָטס וואָרט, עס זאָל רוען אין דער טיפעניש. איבערגעצויגן איז היינט געווען דער ארון מיט דעם נייעם יום־טובדיקן פּרוכת, וואָס איז געווען אויסגעהאַפטן מיט זילבערנע פעדעם אויף בלויען פלאַרענטינישן בראָקאַד. עס האָט די קרוין פון דער תורה אַראָפּגעשיינט פון פּרוכת מיט אַ צניעותדיקן שבת־גלאַנץ פון די כשרע פּערל, וואָס פלעגן אַזוי באַחנען די ווייס־פרומע העלדזער פון די יונגע יידישע פרויען צו שבת־ליכט־בענטשן. געהייליקט זע־נען געווען די פּערל מיט יענעם צניעותדיקן רייץ פון די שבת־נאַכט־אָוונטן. און טיפע רויטע רובינען־שטיינער, ווי רויטער וויין, האָבן אַרויסגעפינקלט פון די ווייַנטרויבן, וואָס זענען געהאַנגען אויף גרינע צווייגן, אויסגענייט פון סאַפּיר־שטיינער, אין איינעם מיט די נעמען פון די פרומע פרויען און מיידלעך זענען געווען איינגענייט אין פּרוכת אויך זייערע וואונטשן, וואונטשן צו האָבן גוטע קינדער, זיסע האָפענונגען, שטילע, פרומע פאַרלאַנגען נאָך ליבע. אַזוי האָט דאָס פּרוכתל, באַגאָסן מיט ווייבערשן חן, אַריינגעטריפט דורך איידעלע פרויען־פינגער, אַראָפּגעזונגען יענעם צניעותדיקן געזאַנג, וואָס זינגט פון יידישע שטובן אַרוים אין די פרייטיק־צו־נאַכטן.

אין מיטן פון דער שול איז געשטאַנען דער באַלעמער; אויסגע־שניצט פון האַרטן נוסהאָלץ זענען דאָרט געווען די נעמען פון די צוועלף שבטים מיט זייערע דגלים: יהודה האָט געגלאַנצט אין גאָלד מיט דעם לייב צופוסן; שמעון — מיט די מויערן און טורעמס פון דער אונטערטעניקער שטאָט שכם, וואָס ער האָט איינגענומען פאַר

דער שאַנד פון זיין שוועסטער; געשוואוּמען איז די שיף פון זבולון אין אַ ים פון זילבער; מיט גרינע שטיינער איז געווען אויסגע־לייגט דער בליענדיקער בוים, דער צייכן פון אשר; און געגאָסן פון קופּער איז געווען די שלאַנג פון דן. איבערן באַלעמער איז גע־האַנגען אַ חופּה, ווי אַ טיף-בלויע נאַכט, אין וועלכער עס האָבן געפינקלט גאָלדענע שטערן. און די צוועלף מזלות פון הימל זענען אַרומגעשוואוּמען אין דער בלויער נאַכט, יעדער מזל איבער יעדן שבט. און אויפן באַלעמער זענען איצט געשטאַנען די באַלעבאַטים מיט די ספר-תורות אין די הענט, גרייט אַוועקצושטעלן זיי אין דעם נייעם הויז, וואָס זיי האָבן געבויט פאַר גאָט. צווישן די באַלעבאַטים שטייט ר׳ יעקב כהן פון דייטשלאַנד און די ספר-תורה איז דאָס איינציקע, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון זיין גרויסער פאַמיליע און פון דער גאַנצער קהילה, וואָס איז צערונען און אַנטרונען געוואָרן אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט. און אָט שטייט ר׳ ישראל מיט דער ספר-תורה פון דער שול פון דער שטאָט אַש. פאַרלאָרן געוואָרן זענען אין דער בהלה דאָס ווייב מיט די קינדער. איז ער געקומען קיין פוילן זוכן זיי. וואָרעם געזאָגט האָט מען אים, אַז אַ סך יידן פון בעמען זענען קיין פוילן ניצול געוואָרן, האָט ער געוואַנדערט פון יאַרמאַרק צו יאַרמאַרק, ביז ער איז מיט זיין קינד קיין זלאַטשעוו אַנגעקומען און דאָרט זיך באַזעצט.

און צווישן די אַלטע באַלעבאַטים, זאַט מיט צרות, אויסגע־פּרואווטע אין פייער פון קידוש-השם, מיט די ספר-תורות פון די חרוב-געוואָרענע קהילות אין די הענט, איז געשטאַנען דער נייער באַלעבאָס, דער פּרנס הקהל ר׳ מענדל מיט דער נייער ספר-תורה וואָס ער האָט שוין געלאָזט שרייבן פאַר דער שול פון דער נייער יידישער קהילה פון זלאַטשעוו. קיין מענטעלע באַפלעקט מיט בלוט פון קדושים און מיט טרערן פון אַנטלאָפענע טראָגט דאָס נייע ספר־תורהלע נאָך נישט. נאָך ניי און אומבאַפלעקט איז דאָס מענטעלע, און שטאַרק און רוי זעט נאָך אויס זיין שומר — מענדל. עס באַזיצט נישט זיין פּנים דעם הייליקן גלאַנץ פון צער און פּיין און מסירת־נפש. קיין שפּור נאָך נים פון איידלקייט, וואָס קומט פון באַרייט־

וויליקייט זיך מקריב צו זיין. אָבער שטאַרק, מיט זיינע גראָבע אומגעלומפּערטע הענט נעמט ער אַרום די נייע ספר־תורה. זיין האַרץ שרעקט זיך פאַר דעם הייליקן עול וואָס ער האָט גענומען אויף זיך: צו זיין אַ פּרנס הקהל. ער דערפילט דעם גרויסן הייליקן עול וואָס עס טראָגן אויף זיך די אַלטע פּרנסים פון די חרוב־געוואָרענע קהילות, און ער איז צווישן זיי. און זיין האַרץ קלאַפּט אים: וועט אים אויך אַמאָל אויסקומען צו שטיין ווי זיי, מיט זיין לעבן, ביי זיין קהילה, ביי זיין ספר־תורה? וועט ער גרייט זיין אויף קידוש השם ווי זיי? וועט זיין האַרץ נישט שוואַך ווערן? איז ער ראוי צו דעם חוב און כבוד וואָס ער האָט גענומען אויף זיך?

מיט אַ מאָל איז דער גאַנצער עולם שטיל געוואָרן. אַ הייליקע שטילקייט האָט געהערשט אין גאַנצן שולכל, ווי עפּעס ווער נישט קיין געזעענער וואָלט אין שול אַריינגעקומען. ר׳ יעקב האָט גענומען זיין ספר־תורה, אויפגעהויבן אין דער הייך, און מיט אַ קול פון טרערן האָט ער אָנגעהויבן גומל בענטשן, געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אים מציל געווען פון אַלע סכנות און ער האָט אים געבראַכט מיט זיין ספר־תורה אין אַ מקום מנוחה. אַ שטיל שלוכצן האָט זיך געהערט פון דער ווייבערשער שול אַראָפּ. דאָס האָט אַ פרוי פון די גרושים זיך דערמאָנט אָן די איריקע, וועלכע זענען ערגעץ־וואו איבערגעבליבן. און דאָס געוויין האָט אָנגעשטעקט די עדה. אָן אימה האָט זיי אַרומגענומען פאַר די קומענדיקע טעג: צי וועט זיי אויך אויסקומען ווי ר׳ יעקבן צו פאַרלאָזן דאָס שולכל וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל מי און ליבע געבויט, און נעמען זייערע ספר־תורות און גיין?! ווער קען זאָגן, וואָס עס פאַרבאָרגן אין זיך די קומענדיקע טעג . . . און איינער נאָכן אַנדערן האָבן די בני הגלויה גומל געבענטשט. און אַז דער יונגער חזן, וואָס ר׳ מענדל האָט פון אומאַן געבראַכט, האָט מיט זיין כאָרכלענדיקן קול אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן די נעמען פון די וואָס זענען געפאַלן אויף קידוש השם, האָט דאָס געוויין אָנגעפילט די גאַנצע שול. שטיל זענען פון יעדערנס אויגן טרערן גערונען, און באַהאַלטן טיף אין האַרץ האָט יעדערער גאָט געבעטן אין דער שטיל, אַז דאָס שולכל זאָל שוין זיין דאָס

לעצטע מקום מנוחה, וואו זיי זאָלן געפינען אָן אָפּרו ביז דער מלך המשיח וועט קומען.

— גאָט זאָל געבן אַז דאָס זאָל שוין זיין דער לעצטער גלות, — האָט איין ייד דעם אַנדערן געוואונטשן.

— אַז מיר זאָלן שוין אויסגעהיט ווערן פון שלעכטס, — האָבן זיך די פרויען אין טרערן געקושט.

נאָר באַלד איז אַוועק דאָס טרויעריקע געמיט און די פּנימער פון יונג און אַלט זענען אויסגעלייטערט געוואָרן ווי די זון וואָס שיינט אויף אַ באַרעגנטן פעלד, אַזוי האָט דאָס געזאַנג פון חזן, באַגלייט מיט יצחק אהרנס זיסן פידל שפּילן, באַלייכט איטלעך באַטריבט פּנים. דאָס האָט דער חזן אויסגעזונגען דעם „ויהי בנסוע הארון".

און שלמהלע, מענדלס זון, אָנגעטאָן אין אַ גרין זיידן קאַפּאָט-קעלע וואָס דאָס שניידערל דער מלמד האָט אים אויפגענייט צו דער חתונה, האָט דעם ארון אויפגעעפנט. איינער נאָכן אַנדערן זענען די באַלעבאַטים אַרויפגעשטיגן אויף די טרעפּ און די ספר-תורות אין דעם נייעם אָרון אַריינגעשטעלט. צוויי הילצערנע לייבן מיט קרוינען אויף די קעפּ זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן אָרון, באַוואכנדיק די ספר-תורות, און צוויי גרויסע ווייס-באַגאַלדטע אָדלערס האָבן נאָך אַ געהיימער מאַכינאַציע, וואָס דער נעמיראָווער האָלצשניצער האָט אויסגעפונען, אַראָפּגעלאָזט זיך פון דער הייך, וואו זיי האָבן גערוט אונטערן בלויען באַשטערנטן הימל, און זענען געבליבן הענגען איבערן אָרון אין דער לופטן און מיט זייערע ברייטע פליגל די ספר-תורות באַשיצט.

דעם ערשטן כבוד האָט מען אָפּגעגעבן די ספר-תורות פון די גרושים. צו ערשט איז געגאַנגען דער אַלטער ר' יעקב מיט זיין ספר-תורה. דערנאָך ר' ישראל בעמער און דערנאָך דער רב פון דער שטאָט און ערשט צו לעצט מענדל מיט דער נייער ספר-תורה פון דער קהילה זלאַטשעוו. און ווי עס איז געקומען די ריי זיין פּראָסטע ספר-תורה אין אָרון אַוועקצושטעלן, איז ער געבליבן אַ מינוט שטיין פאַרן אָרון, און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט

א שטיל געבעט: „טאטע אין הימל, זאָל עס זיין אַ רו פאַר קינדער און קינדס קינדער" און אַ טרער, די ערשטע טרער, איז פון נייעם פרנס אויפן ספר־תורה־מענטעלע געפאַלן . . .

באַלד האָט דאָס פידעלע אָנגעהויבן צו שפילן און דער בימבאָם אונטערצוקלאַפּן און אַ כאָר קוויטשערלעך און זינגערלעך האָבן אָנגעהויבן מיט אַ מאָל אויסצוזינגען דעם „אדון עולם". דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט דעם זמר און מיטן געזאַנג איז געשטיגן די פרייד פון דעם עולם. אַוועק איז דאָס טרויעריקע געמיט און די מורא וואָס האָט געהערשט, עס האָט זיך אויסגעגאָסן די יידישע פריילעכקייט איבער דער שול. טאַטעס, קינדער און מאַמעס צו־זאַמען. די זינגערלעך האָבן געקלונגען ווי גלעקלעך אויף די העלדזער פון די ציגן, ווען זיי גייען אויף די גרינע לאָנקעס זיך פאַשען.

איצט האָבן די פידלען ווי קוואַלן וואַסער זיך אַריינגעגאָסן אין געזאַנג אַריין. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שפילן דעם ניגון פון חופה פירן. דאָס שניידערל־מלמד וואָס האָט געלערנט מיט שלמהלען איז געווען דער שמש פון דער שול. אין די ברייטע וואָל־קאָלירטע פוילישע הויזן וואָס ער האָט זיך אויפגענייט צו דער חתונה איז ער אַריינגעקומען, אונטערגעשפּרונגען מיט די חופה־שטאַנגען, שרייענ־דיק האַלב אויף יידיש און האַלב אויף פויליש פאַר חדווה: — זשידקי, זשידקי, אין אַ זייט. איר זעט נישט, ווער עס גייט? טאַ יעדזשע פאַן איציק נאַ וועסעלע!

די יינגלעך און די יונגעלייטלעך האָבן אונטערגעכאַפּט די חופה־שטאַנגען, אויסגעשטעלט די חופה אויפן באַלעמער. ס'האָט זיך געלאָזט הערן אַ פלייטנשפּיל, ווי מען וואָלט אויסגעשאָלט דעם וועג פאַרן פריץ. און מיט אַ מאָל האָט אָנגעהויבן צו שימערן און צו פינקלען רויט און גאָלדנס, פערל און שטיינער פון „האַרצברעטלעך" אויף פרויענברוסטן, פושן פעדערן און שמוקשטיינער אויף הויבן. רויטער סלוצקער זייד מיט גאָלדענע פעדעם געוועבט, האָט שימע־רירט. קרעלן בלוט האָט גערויטלט זיך פון פערל־נאַכט אַרויס, און געלער אַגאַט האָט געבליט ווי געל־גאָלדענע בלומען פון ווייסן

אַטלעס. ווייס־איידעלע געהאַפטענע שפּיצן האָבן זיך געשוימט אויפן ראַנד פון קלייד, ווי דער שוים פון ים.

פּאַמעלעך זענען געגאַנגען די מוטערס, מיט וויכטיקע טריט, אין שיין און גלאַנץ, און געפירט אין זייער מיטן די כלה. אַ קינד איז זי נאָך געווען, קיין צען יאָר נישט אַלט געווען. אונטער דער שער זענען געפאַלן אירע שוואַרצע געקרייזלטע לאָקן פון קאָפּ, און נישט געוואוסט האָט דאָס קינד, אַז מע דאַרף זי אַזוי פרי חתונה מאַכן כדיי צו דערנענטערן דאָס קומען פון משיחן, און זי האָט געאַמפּערט זיך און נישט געלאָזט אירע שוואַרצע לאָקן פאַלן, ביז לאה די טו־קערין האָט איר נישט דערפאַר באַצאָלט מיט זיסע קיכלעך, אַ קיכל פאַר יעדן לאָק. נאָך איצט באַזיסן איר דעם גאַנג צו דער חופּה די צוקערקיכלעך וואָס זי האָט זיך מיט אירע לאָקן האָר געקויפט . . . אַנגעטאָן איז זי געווען אין גאָלדענעם חופּה־קאַפּטנדל, וואָס קהל האָט באַשטימט אויף אָנצוטאָן יעדער כלה פון דער קהילה, ווען מען וועט זי פירן צו דער חופּה, כדי נישט צו פאַרשעמען די אָרעמע, וואָס האָבן אַליין קיין זיידענע קאַפּטנס נישט. צום ערשטן מאָל האָט זי דעם חופּה־קאַפּטן באַנייט, און נאָך איר וועלן אַלע כלות פון זלאָטשעוו טראָגן דעם קאַפּטן צו דער חופּה. מיט איר זענען גע־גאַנגען אַלע זלאָטשעווער מיידלעך מיט ברענענדיקע געפלאָכטענע הבדלות, ווי לייכטנדיקע פוילישע בענדער, און באַלויכטן דעם וועג צו דער חופּה פון דער ערשטער כלה פון זלאָטשעוו.

שטייט שוין די כלה אונטער דער חופּה און שפּילט זיך מיט די טראָלדלעך פון איר קלייד. און דער חתן איז נאָך נישטאָ. שוין לאַנג האָט דער בדחן אויסגעזונגען זיין ליד. די קלעזמאָרים האָבן אויסגעשפּילט די שפּיל און דער חתן קומט אַלץ נישט צו גיין. בחינם לויפט דער שמש מיט די גבאים אַרום מיט אָנגעצונדענע הבדלות אין די הענט און זוכן אין די ווינקעלעך דעם חתן צו דער חופּה צו פירן. געפונען האָט מען אים באַהאַלטן אונטער אליהו הנביאס שטול. אַרויסגעגעבן האָט אים זיין לאַנגער גרינער זיידענער קאַפּטן — און געיאָגט האָט אים דער מלמד פון אונטער אליהו הנביאס שטול מיט דעם שטעקן: — חתן, חתן, צו דער חופּה גיי!

אָבער צוריק געקאָפּעט האָט דאָס יינגל מיט די באַנעגלטע נייע שטיוול און פריער נישט געוואָלט אַרויסקריכן פון אונטערן שטול, ביז דער טאַטע מענדל האָט אים נישט פּאַר די פּאות אַפּערגעשלעפּט.

געשעמט האָט ער זיך פאַר די חברים יינגלעך וואָס האָבן הינ־טער אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג און געזונגען אים אַ ליד צום גראַם:

„אַלע מענטשן טאַנצן, שפּרינגען,
לאַכנדיק און זינגען,
שלמהלע שטייט אַלץ און וויינט,
שלמהלע, שלמהלע, וואָס דו וויינסט?
איך וויין וואָס איך מיין,
צו דער חופּה מוז איך גיין.“

געקאָפּעט האָט ער מיט די שטיוול, אָבער צו דער חופּה איז ער געגאַנגען, געשלעפּט ביים אויער פון טאַטן. מורא האָט מען געהאַט, אַז ער זאָל פון אונטער דער חופּה נישט אַנטלויפן. האָט אים דער טאַטע פון איין זייט און דער מלמד פון דער צווייטער זייט ביי דער קאַפּאָטע צוגעהאַלטן. האָט ער זיין כעס אויסגעלאָזט צו דער כלה שטורכנדיק איר אין די זייטן, ביז די כלה האָט אים איינגע־נומען מיט איינעם פון אירע קיכלעך, וואָס זי האָט פאַר אירע לאָקן געקויפט — איז ער אויף דעם שידוך איינגעגאַנגען . . .

און ווייט און ברייט האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון דער נייער שול איבער די וויטסטע סטעפּעס פון אוקראַינע. און גע־טראָגן האָט זיך די בשורה איבער וואַלד און פעלד. און גערוישט האָט יעדער בוים און גרעזל אין דער וואַרעמער פרילינגנאַכט: אַ שול געבויט, אַ חופּה געשטעלט, די ברכה קומט! די ברכה קומט!

קאַפּיטל 5

דאָס פּאָרפּאָלק

מען קען נישט זאָגן אַז דאָס יונגע פּאָרפּאָלק, שלמה מיט דבורהן, האָבן זייער גוט געלעבט נאָך דער חתונה. און צו שלמהלעס שאַנד מוז עס געזאָגט ווערן, אַז די צעשטערונג פון שלום־בית איז קיין מאָל נישט געווען אָן זיין שולד. שלמהלע, וואָס איז שוין דע־מאָלט אַלט געווען דרייצן יאָר און געקליבן זיך בר־מצווה ווערן, איז געגאַנגען אין חדר צום גמרא־מלמד, און ער איז שוין ווי אַ געניטער פיש אַרומגעשוואומען אין דעם ים פון תלמוד, באַהאַוונט געווען אין אַלע דינים ווי אַזוי אַ ווייב מקדש צו זיין, וואָס אין דער כתובה אַריינצושרייבן, און די אַלע פליכטן און געזעצן, וואָס אַ ווייב איז מחויב צו אַ מאַן און דער מאַן צום ווייב. ער האָט אויך שוין געוואוסט אַלע דינים, ווי אַזוי אַ ווייב אָפּצוגטן. שלמהלע, וואָס האָט מיט אַ פּשטל געקענט צונויפפירן צוויי וועלטן און אויפבויען בבלס טורעם מיט אַ פּלפּול, פלעגט אָפט אַהיים קומען פון חדר אָן אָפּ־געשמיסענער. דער רבי זיינער האָט זיך זייער ווייניק גענומען צום הארצן פון דער וואַזשנער שטעל וואָס שלמהלע פאַרנעמט אין לעבן ווי אַ יונגערמאַן. דער „מאַן" פלעגט דעם רבינס שמיץ אויסלאָזן אויף דעם ווייבלס הייבל. געטראָפן דאָס ווייבל, זיצנדיק אויף דער שוועל פאַר דער קרעטשמע, שפּילנדיק אין זאַמד, פלעגט ער אַראָפּרייסן דאָס הייבל פון איר קאָפּ און אָנשיטן דערין אַ הויפן זאַמד.

— נאַ, אָט האָסטו, ווייל דו האָסט געטאָן שפּאָטן פון מיר.

— מען וועט דיך דערפאַר אין גיהנום מיט פייערדיקע ריטער שמייסן! — האָט אים דאָס ווייבל געשראָקן.

— אויף דיר איז די עבירה, ביסט אונטערן הימל אַן אַ הייבל געשטאַנען.

איז דאָס ווייבל אַרויס מיט איר ברוגז-דערקלערונג. זי האָט אַזוי געזאָגט:

„שלמהלע, שלמהלע, ברוגז.
שטעך דיר אוים די אויגעס,
צוויי שעפּעלעך מיט בלוט,
איך וועל שוין קיין מאָל נישט זיין מיט דיר גוט.
צוויי שעפּעלעך מיט ליים
שוין קיינמאָל מיט דיר נישט גיין".

האָט דער יונגערמאַן אָנגענומען די ברוגז-דערקלערונג און אוועקגעדרייט זיך אויף אַן אָפּצאַס. און דאָס ווייבל האָט זיך פאַר-שטעלט מיטביידע הענט די אויגן, אַז זי זאָל אים נישט זען.

עס איז געווען אין אַ זומערדיקן פרייטיק נאָכמיטאָג. די קרעטשמע איז פול מיט כלאָפּעס און פאַנעס. מענדל איז פאַרנומען אין קרעטשמע ביים שניטקראָם און אָקעווויט, יוכבד מיט שבת-מאַכן און די קינדער שרייען פאַרן טיר. אויף זייער געוואַלד איז אַרויסגע-קומען מארושאַ, געזען וואָס שלמהלע האָט געטאָן מיטן ווייבלס הייבל, האָט זי אָנגעהויבן מוסרן:

— דו, בחורעץ איינער, אַזוי באַהאַנדלט מען אַ ווייבל? אַ ווייבל דאַרף מען ליב האָבן, נישט שיטן זאַמד אויפן קאָפּ.

— כע, כע, — האָט דער יונגערמאַנטשיק צו איר אַרויסגע-שטעקט די צונג — דו ביסט דאָך פון בלעמס אייזל, און דו וועסט נישט האָבן קיין חלק לעולם הבא, און דו וועסט מגולגל ווערן אין אַ הונט און אין אַ קאַץ, ווייל דו קומסט נישט אַרויס פון יעקב אבינו, נאָר פון עשו הרשע.

— דו קומסט אַרויס פון עשו הרשע! דו ביסט אַליין אַן עשו! — האָט זיך די גויע געריכט מיטן יונגנמאַנטשיק — דו האָסט אַן עבירה געטאָן, געלאָזט דיין ווייבל שטיין אונטערן הימל מיט אַ בלויזן קאָפּ, מעג מען? מען וועט דיך דערפאַר אין גהינום ברענען און בראָטן, — האָט די גויע זיך אָנגענומען די קריוודע פונעם ווייבל.

שלמהלע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך ניט געקראָגן דעם סטאַניק וואָס קומט אים יעדן פרייטיק, האָט ער אים גע־פאָדערט.

— גיב מיר דעם סטאַניק און שוין!

— מאַך צו ערשט אַ ברכה, וועסטו קריגן דעם סטאַניק, — האָט די גויע געפאָדערט פון דעם יונגנמאַנטשיק.

— וואָס איז דיין עסק? איך וועל שוין מאַכן אַ ברכה. גיב מיר דעם סטאַניק.

— דו ביסט עשו הרשע און דו קענסט חלילה פאַרגעסן און עסן אָן אַ ברכה.

שלמהלע האָט זיך קיין אַנדער עצה נישט געקענט געבן און געמוזט נאָכקומען דער גויעס פאַרלאַנג, כאָטש עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס די גויע נעמט זיך אָן פאַר זיין יידישקייט. נאָר אַזוי ווי דער יאַגדע־סטאַניק האָט שוין אַרויסגעשמעקט פון דער גויעס האַנט, און געבראַכט אים דאָס וואַסער אין מויל אַריין, האָט ער אַ ברכה געמאַכט און געגומען דעם סטאַניק.

ביי די סטאַניקעס האָבן זיך מאַן און ווייב איבערגעבעטן. באַלד זענען זיי שוין ביידע מיט שלום־בית געזעסן אויף דער טיר־שוועל פון קרעטשמע און געטיילט זיך מיט די ביסנס פון סטאַניק.

לאַנג האָט מען זיי נישט געלאָזט זיצן אין שלום. מענדלס קול האָט זיך געהערט פון קרעטשמע:

— שלמה, שלמה!

און מאַרושאַ איז אַרויסגעקומען פאַר דער טיר:

— גיי, בחורעץ, אין שטוב אַריין, דער טאַטע באַדאַרף דיך שיקן צו די פויערים די צערקווע אויפעפענען.

אַז שלמה איז אין קרעטשמע אַריינגעקומען, האָט ער געזען דעם פאָטער אַרומגערינגלט מיט כלאָפּקעס און כלאָפּקעס, און אַ פויער, האַלב נאַקעט, אין אַ לאַנג העמד, באָרוועס, מיטן בלויזן קאָפּ, האַלט אַ קליין קינד איינגעוויקלט אין שמאַטעס אויף דער האַנט, האָט געקניט פאַר מענדלען:

— פאָטערל אונדזערער, האָב רחמנות, גיב דעם שליסל פון

צערקווע און לאָז קריסטלען דעם יונג. שוין פיר חדשים אַלט, און מיט גאָטס וואַסער נאָך נישט באַשפּריצט געוואָרן. ער קען אַוועק־שטאַרבן ניט געקריסטלט, וועט אים דער שטן צונעמען.

— יאַ, און דערנאָך וועלן אייעריקע דעם קסיאָנדז דערציילן, אַז איך האָב דעם שליסל אַן אָפּצאָלונג אַרויסגעגעבן, וועט ער מיך לאָזן שמייסן, ווי ער האָט עס געטאָן ביי יעפּרעמס חתונה. גענוג קריגט דער ייד שמיץ פאַר זיין אייגענער אמונה, נאָר פאַר אַ פרעמדן גלויבן שמיץ צו קריגן האָב איך קיין חשק ניט, וויל איך ניט.

— זאָלן מיר שטום ווערן, זאָלן אונדזערע מיילער אָפּגענומען ווערן, אויב מיר וועלן איין וואָרט זאָגן, — האָט זיך דער האַלב־נאַקעטער פּויער געבעטן, קניענדיק פאַר מענדלען. — העלף, פּאַ־טערל אונדזערער, דער יונג איז קראַנק און קען אַוועקשטאַרבן. אין טייוולישע הענט וועט ער אַריינפאַלן, דעם פּאַטער זיינעם קומען דערנאָך שטיקן. האָב רחמנות, פּאַטערל.

— נעם דעם שליסל, שלמה, און עפן די פּויערים די צערקווע אויף — האָט מענדל איבערגעגעבן שלמהן דעם שליסל פון צערקווע, וואָס איז געהאָנגען אויפן נאָגל אין איינעם מיט די שליסלען פון דער בראָנפן־קאַמער.

— גאָט וועט דיר באַצאָלן, פּאַטערל אונדזערער, גאָט וועט דיר באַצאָלן! — האָט דער האַלב־נאַקעטער פּויער געקושט מענדלען דעם שטיוול און איז אַרוים מיטן קינד אויף דער האַנט נאָך שלמהן.

— קום, פּאַטער, טו גאָטס זאַך, דער ייד האָט דעם שליסל געגעבן, — פּעדערט דער פּויער דעם רוסישן פּאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף דער באַנק ביים פּיעקעליק.

נאָר דער פּאָפּ האָט זיך נישט באַוואויגן. ער האָט מיט זיין ברייטן רוקן פאַרשטעלט דעם פּיעקעליק און איז געבליבן זיצן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען צוגעמויערט צו דער וואַנט.

— אויף וואָס וואַרטסטו, פּאַטערל? — האָט אים מענדל גע־פרעגט.

— געווען אַ פינגערהוט הייליקער ווייַן אין צערקווע, האָבן אים די נשמות אויסגעטרונקען, און אָן הייליקן וויין וועט גאָט

די נשמה נישט אויפנעמען אין קריסטלעכן גלויבן — האָט דער פּאָפּ געענטפערט.

— וואָס ווילסטו ?

— טו, מענדל, אַ קריסטלעכע זאַך, העלף אַ נאַקעטע נשמה קומען אונטער דעם קריסטלעכן גלויבן און שענק פאַר דער צערקווע אַ פלעשל מיט ווייַן, — שלעפּט דער פּאָפּ אַ ליידיקע פלאַש פון זיינע ברייטע טאַשן אַרויס און שטרעקט זי אויס צו מענדלען — גאָט וועט דיר באַצאָלן דערפאַר. מיר זענען אָרעמע מענטשן.

— אוי, געוואַלד, ער הייבט שוין ווידער אָן ! וואָס האָט זיך דער בעל-גוף אָנגעזעצט אויף מיר. דער קסיאָנדז וועט דאָך מיך צום טויט שמייסן. איך האָב דאָך אַ ווייב מיט אַ קינד. איך העלף גאָרנישט, איך טו גאָרנישט, איך ווייס פון גאָרנישט. ווילסט דעם שליסל פון צערקווע — נאַ דיר. פאַר מיר באַדאַרף איך אים נישט. ווילסט בראָנפן — נאַ דיר בראָנפן, דערפאַר האַלט איך די קרעטשמע, אַז איך זאָל פאַרקויפן בראָנפן, אָבער וואָס העלף איך ? וואָס ? איך העלף גאָרנישט, איך טו גאָרנישט, איך ווייס גאָרנישט, — האָט מענדל אָנגעגאָסן דעם פּאָפּ אַ קווערטל בראָנפן אין פלאַש אַריין, אַרויסשטופנדיק אים פון קרעטשמע.

שלמהלע האָט דעם פּאָפּ די צערקווע אויפגעעפנט און פלינק אַנטלאָפן, אַז ער זאָל נישט אָנרירן די ווענט פון צערקווע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פון דער ווייטנס, כדי ער זאָל נישט טרפה ווערן, הערנדיק דאָס געזאַנג פון דער צערקווע. און ווען דעם פּאָפּס באַס-שטים האָט דאָך דערגרייכט צו אים אין דרויסן, האָט ער מיט זיינע הענט פאַרמאַכט זיך די אויערן, אַז ער זאָל גאָרנישט הערן, און עס זאָל נישט פאַרשטאָפּן זיין מוח צו לערנען תורה.

דער טאַטע האָט אים שוין אָפּגעוואַרט ביי דער טיר פון קרעטש-מע מיטן פּעקל וועש אונטערן אָרעם און האָט אים גענומען אין מקווה אַריין אויסבאָדן זיך לכבוד שבת, וואָרעם דער שמש האָט שוין אין מאַרק פון שטעטל אויסגערופן, אַז די מקווה איז אונטער-געהייצט לכבוד שבת.

אַהיים געקומען פון דער מקווה אָפּגעצוואָגענע און אָנגעטאָנענע אין ריין־געוואַשענע העמדער מיט ווייסע ברייטע קאָלנערס, פאַר־וואָרפן איבער די גרינע קאַפּאָטעס, האָבן זיי שוין געפונען די קרעטשמע פאַרוואַנדלט אין אַ רואיקער שבת־נעסט. עס איז דאָ ניט געווען מער צו דערקענען, וואָס זאָל דערמאָנען אָן אַ קרעטשמע. צוגעדעקט זענען געווען די פעסלעך מיט בראָנפן מיט ווייסע ליי־לעכער, און פאַרהאַנגען זענען געווען די פּאָליצעס מיט די סחורות מיט טיכער און ליילעכער. אויפגערוימט איז געווען די קרעטשמע און פאַרוואַנדלט אין אַ שבת־שטוב, ווי עס וואָלט דאָ קיין מאָל קיין האַנדל ניט געפירט געוואָרן. זיבן כשרע שמאַלצענע ליכט האָבן געברענט אין דעם גרויסן מעשענעם שבתניק. און פון זיין פענדל האָט אַראָפּגעפינקלט „נרות של שבת". צוויי פּאָר חלות, איינע אַ גרויסע, פאַרן אַלטן באַלעבאָס, און איינע אַ קליינע פּאָר פאַרן יונגן באַלעבאָס, זענען געווען געגרייט אויף דעם ווייס־געדעקטן טיש, אין איינעם מיט אַ גרויסן זילבערנעם בעכער און אַ קליינעם זילבער־נעם בעכער.

די שוויגער מיט דער שנור זענען געזעסן ביים טיש, ביידע אָנגעטאָן אין לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע גרינע זיידענע קאַפּטנס, אין נייע באַשפּיצטע הויבן. די שטערנס זענען געווען פאַרבונדן מיט שטערנטיכלעך, און איבער די הערצער — האַרצברעטלעך, אויף וועלכע עס האָט געפינקלט דאָס צירונג וואָס זיי האָבן געקראָגן פון זייערע מאַנען. דבורהלע, ווי אַ קליין פאַרשטעלט יונג ווייבל, האָט נאָכגעטאָן אַלצדינג וואָס די שוויגער האָט געטאָן, און מאַרושאַ, אָנ־געטאָן לכבוד שבת אין אַ נייער שירץ און אַ ניי טיכל איבערן קאָפּ, איז געזעסן אויף אַ קליין בענקל ביים פּיעקעליק און געקוקט מיט גדולה אויף דער יונגער נייער באַלעבאָסטע. שוויגער און שנור האָבן ביידע געזונגען אַ ליד לכבוד שבת פאַר ליכט בענטשן:

אײַן שיין געזאַנג וועל איך אָנהייבן צו זינגען,
מיט פרישער, פריילעכער, הערלעכער שטימע,
צו ערן די הייליקע מלכה, די דאָ איז וואויל באַקאַנט.
שבת איז זי מיט אירן נאָמען גענאַנט.

גאָט דאָס מיט אים דאָס ליכט רוט,
אין מיין הויז זאָל ער שיקן די מלכה גוט.
פאַר אירט וועגן האָב איך דאָס הויז טאָן אויסרוימען.
וואָרעם טוט זי אַזוי לאַנג אין דרויסן זוימען?

פאַרוואָגלען טוט זי גאַנצע זעקס טעג,
אַזוי ווי אַ מענטש דער אין גלות איז געפּלאָגט,
ווי איין פויגל פון איין דאַך צום אַנדערן טוט זי פליען,
ביז די צייט דאָס דער הייליקער שבת קומט אַהערצוציען.

און ווען שלמהלע האָט גענומען דעם גרויסן סידור און האָט זיך שוין געקליבן מיטן טאַטן אין שול צו גיין, האָט זיך דערהערט ווי אַ גרויסע פּאַנסקע קאַרעטע, מיט אַ סך פערד געשפּאַנט, פאַרפאָרט פאַר דער קרעטשמע.

— הע, זשידזשע, עפן אויף, דער יאַסנע-ווייעלמאָזשנע פּאַן דאָמבראָווסקי קלאַפּט אין טיר, עפן אויף!

— אוי, דער גרויסער ווייעלמאָזשנע פּאַן דאָמבראָווסקי קלאַפּט אין טיר. איך קען נישט, פריץ לעבן, עס איז שבת היינט.

— זשידזשע, דרייסיק שמיץ וועל איך דיר לאָזן געבן, עפן אויף די טיר.

— איך קען נישט, פריץ לעבן, איך טאָר נישט, פריץ לעבן, עס איז ביים יידן שבת היינט!

— ווי אַזוי דערוועגסטו זיך, ייד? דער יאַסנע-ווייעלמאָזשנע פּאַן דאָמבראָווסקי וויל אַ שנעפּסל טרינקען.

— איך קען נישט, פריץ לעבן, איך טאָר נישט, פריץ לעבן, עס איז שבת היינט.

— שטעל אַ קוואָרט אַקעוויט אַרונטער אונטער דער טיר, אין דער גאַנצער שטאָט קיין טראָפּן נישטאָ.

— איך קען נישט, פריץ לעבן. די יידענע האָט שוין די ליכט געצונדן.

— פאַרשאָלטענער ייד! אַז דער ייד האַלט זיין שבת, מוז גאַנץ פוילן אָן אַקעוויט בלייבן . . . — האָט זיך געהערט אַ שטים פון דער צווייטער זייט טיר.

קאַפּיטל 6

אין דער ישיבה אַריין

אַז שלמהלע איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָט מען זיך געקליבן אים צו שיקן אין ישיבה אַריין קיין לובלין, וואו אַלע בכבודע יידישע באַלעבעסלעך זענען געפאָרן לערנען — אין דער באַרימטער לובלינער ישיבה. מענדל האָט זיך געקליבן קיין לובלין אויפן יאַר־מאַרק, וואו עס האָט היי־יאָר געזאָלט אויסזיצן דער וועד ארבע הארצות, דער יידישער סיים, פאַר וועלכן מענדל האָט זיך געוואָלט צום ערשטן מאָל פאָרשטעלן ווי דער פרנס און פאַר וועלכן מענדל האָט אויך געוואָלט פאָרברענגען אַ וויכטיקן ענין וואָס איז נוגע כלל ישראל.

אין אַ שיינעם פרייטיק־נאָכמיטאָג האָט זיך באַוויזן אין זלאַטשעוו דאָס שניידערל, שלמהס מלמד. האָט ער זיך פון מוצאי־שבת אָן אוועקגעזעצט ביי מענדלען אין קרעטשמע הינטער דעם פּיעקעליק מיט פינגערהוט און נאָדל אויפצונייען מלבושים מיטצונעמען פאַר שלמהלען אין וועג אַריין. דאָס שניידערל האָט גענייט מלבושים אַזוי ווי פאַר די יידן אַמאָל אין מדבר, אַז זיי זאָלן מיטוואַקסן מיט די יינגלעך. ער האָט צוגעלאָזן אַ סך סחורה כדי מע זאָל שפּעטער קאָנען ארויסלאָזן, מאַכן דאָס מלבוש לענגער און ברייטער. דאָס שניידערל האָט פאַר שלמהן אויפגענייט אַ ווינטערדיקע וואַטאָוועקע פון מענדלס אַ־מלבוש, און פאַר שבת און יום־טוב — אַ פּאָר ברייטע הויזן פון שוואַרץ ציץ, אַ צוויי־דריי פלאַקסענע העמדער. און גענייט האָט דאָס שניידערל כשרע מלבושים, מיט רונדיקע קאַנטן, אַז די מלבושים זאָלן נישט מחויב זיין ציצית, און געהיט זיך פאַר שעטנז. און קיין איין מינוט נישט באַלעמוטשעט ביים נייען, תהילים געזאָגט אָדער משניות געלערנט אויף אויסנווייניק.

געזאָגט האָט מען אויף דעם שניידערל, אַז ער איז אַ פאַרבאָר־גענער צדיק, איינער פון די ל"ו, אויף וועלכע די וועלט שטייט. דאָס שניידערל פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע וואָכן פון שטעטל און אויפהאַלטן זיך אין די געדיכטע וועלדער. טייל מאָל פלעגט ער פלוצעם אַריינפאַלן ערב שבת צו אַן איינזאַמען יידישן אַרענדאַר אין אַ יידישער קרעטשמע און פלעגט פאַר דעם פּראָסטן יידן קידוש מאַכן, אָדער באַווייזן זיך צו אַן איינזאַמער קימפּעטאָרין אין דער וואַכנאַכט אין אַ פאַרוואָרפענער קרעטשמע און מלחמה האַלטן מיט דער לילית וואָס איז געקומען דאָס קינד טייטן. געזאָגט האָט מען אַז גרויסע נשמות קומען צום שניידערל אין וואַלד און לערנען מיט אים די סודות פון דער תורה. מלבושים וואָס דאָס שניידערל האָט אויפגענייט זענען געווען אַ סגולה פאַר פאַרשיידענע קרענק. מען פלעגט זיי אָנטאָן אַ חולה מסוכן, איז ער געזונט געוואָרן, אַ שוואַ־רער געווינערין — האָט זי דאָס קינד געבוירן.

ביי מענדלען אין שטוב האָט מען אויף דעם שניידערל געקוקט ווי אויף אַ הייליקן און אויף זיין אַרבעט ווי אויף הייליקער אַרבעט. אַ שטילקייט האָט געהערשט ביים גרויסן פּיעקעליק וואו דאָס שניי־דערל איז געזעסן און גענייט די מלבושים פאַר שלמהלען. מען איז זיכער געווען אַז דעם שניידערלס מלבושים וועלן שלמהלען אָפּהיטן פון אַלדאָס שלעכטס און באַשיצן אים דורך דער גאַנצער לאַנגער צייט, וואָס ער וועט זיין ווייט פון דער היים צווישן פרעמדע מענטשן.

דעם שבת איידער שלמהלע איז געפאָרן אין ישיבה, איז ער געזעסן אין דער גרויסער שטוב, אויף דער האַלצערנער באַנק, און געלערנט זיין שיעור (קיינער איז ניט געווען). טאַטע־מאַמע זענען געשלאָפן). האָט די אַלטע דינסט מאַרושאַ גענומען דבורהלען, זיין ווייבל, און זי אויסגעפּוצט אין אירע שענסטע קליידער: אַ ווייס געוואַשן, גענאַדלט פּריסקעלע וואָס איז געווען אויפגעשטעלט און פאַרדעקט די אויערן און אַ ווייס געהאַפּטן שערצל איבער דעם גרינעם זיידענעם קליידל, און באַלאָדן זי מיט אַ באַרנע און אַן עפּל

און האָט זי אַריינגעשיקט צו שלמהלען. אַליין האָט זי זיך, די אַלטע, אַוועקגעשטעלט הינטער דער טיר און האָט דורך אַ שפּאַרע אַריינגעקוקט. דבורה האָט דערזען איר מאַן, איז זי ביי דער טיר געבליבן שטיין, אַריינגעשטעקט דעם פינגער אין מויל אַריין און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן איר ווייס שערצל. שלמהלע האָט ווייטער געלערנט, געוואָרפן אויף איר אַ בליק און ווייטער געלערנט. איז דאָס ווייבל פּלוצעם צוגעגאַנגען צו אים און האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים. שלמהלע האָט צוגעמאַכט די גרויסע גמרא און זי אָנגעקוקט.

אַ לאַנגע צייט האָבן זיך מאַן און ווייב אָנגעקוקט שווייגנדיק. דערנאָך האָט דאָס ווייבל אָנגענומען אַ ציצה פון זיין לאַנגן ארבע-כנפות וואָס האָט צוגעדעקט אים אין גאַנצן:

— דו פאָרסט אַוועק?

— יאָ! — האָט שלמהלע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך וויל ניט אַז דו זאָלסט אַוועקפאָרן.

— איך מוז פאָרן אין דער ישיבה אַריין תורה לערנען. דער רב האָט געהייסן.

— און ווען וועסטו טאָן צוריקקומען?

— ווען איך וועל שוין זיין גרויס אויפגעוואַקסן, און גאָר אין דער תורה הקדושה קענען גוט לערנען.

אַ ווייִלע האָט ווידער דאָס קינד געשוויגן. נאָך דעם האָט זי זיך פּלוצעם אָנגערופן:

— איך וויל אַהיים גיין, צו דער מאַמען אַהיים.

— דו קענסט נישט אַהיים גיין צו דיין מאַמען אַהיים. דו מוזט דאָ בלייבן, ווייל דו ביסט צו מיר מקודש געוואָרן כדת משה וישראל.

— איך בין צו דיר נישט מקודש געוואָרן.

— געדענקסט דענסטמאָל, ווען מיר זענען ביידע אונטער דער חופה געשטאַנען, ווען מען האָט די שול מחנך געווען, און איך האָב דיר אַ רינגעלע אָנגעטאָן.

דאָס מיידל האָט אויף דעם גאָרנישט געקענט ענטפערן.

— און איך וויל יאָ אהיים גיין. איך וויל דאָ נישט זיין — האָט זיך דאָס מיידל פּלוצעם אָנגערופן, צובייגנדיק איר קעפּל צו אים.

— פאַרוואָס?

— פאַר אַזוי.

— פאַרוואָס פאַר אַזוי?

— דערפאַר וואָס דו פאָרסט אַוועק.

— און אַז איך וועל דיר עפּעס מיטברענגען, וועסטו דאָ בלייבן?

— וואָס וועסטו מיר מיטברענגען?

— וואָס זאָל איך דיר מיטברענגען?

— אַ פּאָר גאָלדענע שיכלעך, ווי דיין מאַמע האָט, אויף הויכע אָפּצאָסן.

— יאָ, איך וועל דיר מיטברענגען.

— מיט גאָלדענע שנירן?

— יאָ, און וועסט נישט אהיים גיין?

— ניין, איך וועל גאָרנישט וויינען.

— אַזוי האָב איך דיך ליב, — האָט זיך אָנגערופן שלמהלע און געגלעט זי איבערן הייבל.

— און איך דיך אויך, — האָט זיך אָנגערופן דבורה און געצויגן זיין ציצה פון ארבע־כנפות.

אַ ווײַלע האָט ווידער דאָס פּאַרפּאָלק געשוויגן.

פּלוצעם האָט זיך דבורה אָן עפּעס דערמאָנט.

— אַן עפּל ווילסטו?

— יאָ, שאָקלט דאָס יינגל מיטן קאָפּ.

דבורה נעמט אַרויס פון דעם טעשל פון שערצל אַן עפּל און גיט אים.

— פון וואַנען האָסטו?

— מאַרושאַ האָט מיר געגעבן. פאַר דיר אַן עפּל, און פאַר מיר אַ באַרנע, — נעמט דאָס מיידל אַרויס אַ באַרנע פון צווייטן טאַש.

דאָס פּאַרפּאַלק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער האָלצערנער באַנק עסן דאָס אויבס.

— נאַ, פּאַרזוך פון מיין באַרנע, — זאָגט דאָס ווייבל.

— נאַ, פּאַרזוך פון מיין עפּל, — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק.

און צוזאַמענגנס אין דער פרי, ווען די ערשטע בליאַסקן פון דעם רויטן מאָרגנשטערן וואָס האָבן באַגאָסן אַ האַלבן הימל האָבן אַנטפּלעקט די וועלט פון דעם נאַכט-סוד אַרוים, איז הלל דער פערד-יונג פאַרפאָרן מיט דער בויד פאַר דער קרעטשמע. פון דער קרעטש-מע האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן קישנס און דעקעס און טיכער און זעקלעך און טאָרבעלעך עסן מיט פעסלעך בראָנפן וואָס מע האָט אָנגעגרייט פאַר דער גאַנצער נסיעה פון זלאָטשעוו קיין לובלין וואָס האָט געזאָלט פאַרנעמען צוויי-דריי וואָכן. אויף דער בויד האָט זיך אויך אויפגעזעצט חיים דער פּאַטשטאַר, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: דער „שומר ישראל", וואָס מען האָט אים מיטגענומען צו היטן פאַר גזלנים. חיים איז געווען אַ הויכער, שטאַרקער ייד, וואָס האָט געקענט רייטן אויף אַ פערד און האָט געוואוסט איינער אַליין פון אַלע יידן פון שטעטל ווי אומצוגיין מיט אַ ביקס און פולווער. באַקליידט איז געווען חיים אין זיינע אַמטקליידער, ווי אַ יידישער סטראַזשניק, מיט אַ ביקס פון פאָרנט און אַ ביקס פון הינטן, און אַרום בויך אַ גרויסן גאַרטל, אויף וועלכן עס האָט געהאַנגען אַ האָרן מיט פולווער.

געווען איז חיים אַ קהלשער מענטש. קהל פלעגט זיך מיט אים באַנוצן ווען מען האָט באַדאַרפט שיקן אַ שליח פון איין ישוב צום אַנדערן מיט אַ שליחות, אָדער ווען קהל האָט באַדאַרפט אַרויספאָ-דערן צום בית-דין אַ תקיף וואָס האָט נישט געוואָלט קומען — האָט מען געשיקט חיים פאַטשטאַר ער זאָל אים ברענגען מיט כוח.

חיים פאַטשטאַר האָט געהאַט אויסצופירן אין שטעטל אַלע פונקציעס ביי וועלכע מען האָט באַדאַרפט אַרויסווייזן גבורה. און אַזוי ווי מיט די הוילע הענט אַליין האָט ער נישט געקענט אַרויס-ברענגען פיל גבורה, האָט ער זיך אויך באַזאָרגט מיט געווער. מיט

דער בויד איז אויך מיטגעפאָרן ר׳ יונה איבשיץ, דער מגיד פון שטעטל, וואָס האָט יעדן שבת נאָכמיטאָג אַ מוסר־דרשה געזאָגט, וואו ער האָט געשילדערט מיט העלע פאַרבן דעם גיהנום מיט אַלע זיינע קעסלגריבער און דעם גן־עדן מיט אַלע זיינע מדרגות.

ר׳ יונה איז געווען אַזוי אויסגעקאָכט אין גיהנום, אַז ער האָט געוואוסט פון אַלע קאַלכאויוונס און פייערדיקע טעפּ, ווי ער וואָלט געווען אַ תושב פון דאָרט. איצט האָט ער זיינע דרשות צונויפגעזאַמלט אין אַ ספר און פירט עס קיין לובלין פאָרצולייענען עס פאַרן „וועד ארבע הארצות״, צו באַקומען דעם רשות דאָס ספר צו דרוקן, אויך צו קריגן אַ הסכמה פון אַ גדול־הדור פאַרן ספר און אגב, אין דער צייט פון אַ יאַריד, ווען עס זענען פאַרזאַמלט געווען אַזוי פיל רייכע סוחרים, זען וועגן אַ נגיד, וואָס וועט וועלן פאַרדינען חלק לעולם הבא און אַרויסגעבן דאָס ספר אויפן חשבון הגביר.

לסוף איז אויך אַרויסגעקומען פון קרעטשמע מענדל מיט זיין יינגל שלמהלען. די אַלטע מאַרושאַ, וואָס האָט אים נאָכגעטראָגן דאָס קעסטל, האָט אים צוגעוואונטשן אויף יידיש, אַז ער זאָל באַגערן צו לערנען. די מאַמע מיטן ווייבל זענען געשטאַנען פאַר דער טיר פון קרעטשמע:

— פאַר וואָס געזעגנסטו דיך ניט מיט דיין ווייבל, שלמהלע? אַ מאַן פאָרט אַוועק אויף אַזאַ לאַנגער צייט, באַדאַרף זיך געזעגענען מיטן ווייב, — האָט דער פאָטער געזאָגט.

שלמהלע אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט נאָך די פיס, אין גרויסן געלן שטריימל, איז צוגעגאַנגען צו דבורהלען, וואָס איז געשטאַנען ביי דער שוויגער, און ניט קוקנדיק אויף איר, נאָר ערגעץ אין אַ זייט, האָט ער געזאָגט:

— בלייב געזונט, דבורה!

דאָס מיידל האָט געשוויגן.

— זאָג דיין מאַן: „פאַר געזונטערהייט און באַגער צו לערנען״, — האָט זי די שוויגער געלערנט.

— פאַר געזונטערהייט און באַגער צו לערנען — האָט דאָס מיידל נאָכגעזאָגט דער שוויגער. צום ערשטן מאָל זינט די קינדער

האָבן חתונה געהאַט האָבן זיי זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין.

שוין האָט שלמהלע געוואָלט צוגיין צו דער בויד, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זיך די מאַמע נישט געקענט איינהאַלטן. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף איר בן־יחיד און אים באַגאָסן מיט טרערן און מיט קושן: „גאָט זאָל זיין דיין שיצער, ווי לאַנג איך וועל דיך נישט זען!" און נאָך איר די קאָזאַקישע דינסט, נאָר דאָס יונגע ווייבל האָט געקוקט ערנסט צו דער ערד.

— יוכבד — האָט מענדל דערמאָנט זיין ווייב — גאָט האָט דיך מזכה געווען און דו שיקסט דיין זון אין ישיבה אַריין, וואו עס זענען דאָ לומדים און גאונים, און דו וויינסט?

— פאַר גאָטס זכות — האָט זיך די מוטער די טרערן געווישט מיטן פאַרטוך.

שלמהלע האָט מיטן אַרבל אָפּגעריבן דער מוטערס קושן פון באַק און איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער בויד.

„מיטן רעכטן פוס, און רעכטן וועג,
וואו קיין רוח־רעה רוט,
נאָר אייטל גוטס
און לויטער רו! —
האָט די מוטער צוגעוואונטשן.

פאַמעלעך איז די פור איבערגעפאָרן דאָס שלאָפנדיקע שטעטל און איז אַרויסגעקומען צווישן די פּריצישע פעלדער. די געשניטענע בינטלעך ברויט וואָס זענען געלעגן אין פעלד האָבן זיך געגילדט אין דער זון. די גרעזער זענען פייכט געווען פון דעם פרימאָרגן־טוי, און אין דער ריינער פרישער לופט האָבן זיך געקייקלט קליינע וואָלקנדלעך רויך פון די פויערישע שטרויענע דעכלעך, וואָס האָבן היימיש געמאַכט דאָס לאַנד אַרום און אַרום. אָבער וואָס ווייטער מען איז געפאָרן און וואָס מער די זון האָט צעוואָרעמט דעם אויפקומענדיקן טאָג, אַלץ ווינציקער זענען געוואָרן די באַארבעטע פעלדער און די וועלט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין אַ לאַנגער ווייטער אומענדלעכקייט.

און מענדלס בויד איז פֿאַרבלאַנדזשעט געוואָרן אין אַ ים מיט הויכן שמעקעדיקן גראָז, מיט פֿאַרשידנפֿאַרביקע בלומען — אָן אַ שטעג און אָן אַ וועג. ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן האָט זיך געזען גאָטס באַפּלאַנצטע וועלט. טייל מאָל נאָר האָט זיך אויף אַ בערגל פֿאַרקליבן אַ וועלדל פֿון יונגע ווייסע ווערבעס, ביימעלעך וואָס האָבן מיט זייערע דינע איידעלע צווייגן־ריטלעך געפּלאָכטן אַ דעליקאַט געוועב און הינטער דעם געוועב האָבן אַרויסגעקוקט ווייסע אָפּגעריסענע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווי סטאַדעס שאָף איבער דעם אומענדלעכן הימל.

דאָ און דאָרט האָבן די ביימעלעך באַשאָטנט אַ שטיק פֿעלד און דאָס גרינס אונטער דער טונקלקייט פֿון שאָטן האָט אָפּערגעשפּילט פֿון ליכטיקן פֿעלד. און דאָרט האָט אַ קופּע רויטע ווילדע מאָן־קעפּלעך אויפֿגעפֿלאַמט אין דער הערלעכקייט פֿון דער זון. אַזוי האָט די סטעפּ געשפּילט מיט איר ליכט און פֿאַרב פֿון אירע פֿאַרשידנ־פֿאַרביקע בלומען און גרעזער — פֿאַר קיינעם נישט, נאָר פֿאַר זיך און פֿאַר גאָט איר באַשעפֿער.

דער שמאָלער וועג וואָס האָט געפֿירט פֿון שטעטל באַרג אַרויף אין טאָל אַראָפּ איז פֿאַרטרונקען געוואָרן אין דעם ים גראָז און מען האָט נישט געוואוסט וואו עס פֿירט דער וועג. דעמסטמאָל האָט הלל דער פֿערדיונג פֿריי געלאָזט די פֿערד, אַז זיי זאָלן מיט זייערע נאָזלעכער דערשמעקן דאָס וואַסער פֿון אומאַן. די פֿערד פֿלעגן פֿון צייט צו צייט אויפֿהייבן זייערע קעפּ, אויסשטרעקן זייערע פֿייכטע נאָזלעכער און הויך שנאָרכן אין דער לופֿטן און באַלד האָבן זיך זייערע רוקנס טיפֿער פֿאַרשטעקט אין די כּאַמוטעס און מיט מער אימפּעט געלאָזט זיך לויפֿן אין האַרץ פֿון סטעפּ.

קאַפּיטל 7

אין האַרץ פון סטעפּ

אַז די בויד איז אַריינגעקומען אין דער טיפעניש פון סטעפּ, האָט אַ געהיימע שרעק אָנגעפילט די הערצער פון די פאַרער. מיט אומרואיקע אויגן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן איבערצוקוקן, אויב עס ווייזט זיך נישט פון צווישן די גרעזער אַרוים אַ גרין טאַטעריש קאַפּל, אויב עס קוקט ניט פון צווישן די קוסטעס אַרויס אַ ווייס שעפּסן־היטל פון אַ קאָזאַק. די סטעפּ ביז אומאַן איז געווען אין סכנה. עס פלעגן אַריבערקומען צו שווימען פון יענער זייט דניעפּער די „זאַ־פּאַראָזשצעס" און לויערן אויף די יידישע סוחרים. אפילו די טאַטערן זענען אויף לייכטע שיפלעך פון זייער לאַנד מיטן דניעסטער אַראָפּ־געקומען און באַהאַלטן זיך צווישן די גרעזער אין דער סטעפּ, אָפּ־וואַרטנדיק יידישע בוידן מיט פּאַסאַזשירן, וואָס זיי האָבן גענומען געפאַנגען און אַוועקגעפירט אויף די שקלאַפנמערק קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל אָדער קיין סמירנע, וואו זיי האָבן געוואוסט אַז די טערקישע יידן וועלן פאַר זיי געבן אַ סך אויסלייז־געלט.

שווער איז דורך דעם געוואָרן מענדלס האַרץ און ער האָט גע־קוקט מיט האָפענונג און טרייסט אויף דעם רעטער, חיים פאַטשטאַר,־וואָס איז געזעסן אויפן קאַרשל פון בויד. אָבער דער „שומר ישראל" איז געווען איינגעקוועטשט אין דרייען אויפן קאַרשל, די נאָז באַ־גראָבן אין וואַלד האָר פון די וואָנצעס און די אויגן צוגעדעקט אונטער די שוואַרצע געדיכטע ברעמען, און איז געשלאָפן דעם שלאָף פון די גערעכטע.

נאָר בחינם האָט זיך מענדל און די זייניקע געשראָקן פאַר דער סטעפּ. קיין זאַך איז נישט געווען אַזוי רואיק ווי די סטעפּ, רואיק מיט

איר שפּיל און געזאַנג, וואָס זי האָט געזונגען אין דעם הערלעכן טאָג מיט אירע מיליאָנען טענער און קאָלירן פון אירע גרעזער און בלומען. עס האָבן געזשומעט און געררויעט זיך צווישן די גרעזער די פאַרשיידנאַרטיקע בינען און פליגן און האָבן אויסגעזען ווי אַ לייכטנדיקער פאַרשיידנפאַרביקער וואָלקן פון שטויב וואָלט זיך אויפגעהויבן פון די בלומען. פליענדיק, לעבעדיק בליעכץ באַהעפט זיך אין דער לופטן, אַזוי ווי די פאַרבן-רייכע געפליגל-ווערעם וואָלטן אַרויסגעקומען פון די בלומען און געלויכטן מיט דעם זעלביקן ליכט און פאַרב. דער טאָג האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין סטעפּ און די זון האָט צעגליט איטלעך גרעזל. די סטעפּ האָט פאַרשמעקט מיט אירע ריחות. זיסער האָניק-געשמאַק האָט זיך געגאָסן פון די ווייסע האָניק-בלומען און אָנגעפילט די ביינער פון יעדער באַשעפעניש מיט אַ זיסער שלעפעריקער לוסט און בענקשאַפט.

אָפטמאָל האָט דאָס טאָפּען פון די פערדישע פיס אויפגעוועקט אַ שלאָפנדיקע מחנה פייגל. פון צווישן די הויכע גרעזער אַרויס האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן אין דער לופטן שאַרן שוואַרצע פייגל, געקרייזלט זיך איבער דער בויד, אויפוועקנדיק אַלע שלאָפנ־דיקע באַשעפענישן מיט זייערע געשרייען און פליגל-גערוישן. דער־מאָלט איז די גאַנצע סטעפּ וואַך געוואָרן. די סטעפּ האָט גערעדט מיט לשונות פון פייגל און ווערעם, פון בליעכץ און שפּראַצונגען. פון אַלע קוסטעס און בלומען האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן פאַרשיידנ־פאַרביקע וואָלקנדלעך געפליגל-ווערעם וואָס זענען אויפגעוואַכט געוואָרן פון דעם געשריי פון די פייגל, און מען האָט שוין מער ניט געקענט זאָגן, וועלכע עס זענען בלומען און וועלכע געפליגל.

טיילמאָל האָט די בויד אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרהוילן סטאַוו; אַ קוועלכל האָט זיי פּלוצעם איבעררראַשט פון צווישן די גרעזער אַרויס; אַן איינזאַמער רויבפויגל, וואָס האָט געלויערט אויף אַ פיש אָדער אויף אַ וואָרעם, און האָט זיך געקרייזלט איבער דעם גע־רונצלטן וואַסערל. דערשראָקן איז געוואָרן דער איינזאַמער רויב־פויגל פון די פערדישע טריט און האָט זיך אָנגעהויבן צו טראָגן צו די וואָלקנס צו, אויפוועקנדיק די גאַנצע סטעפּ מיט זיין ליאַרעם־

געשריי. עס האָבן אים אָפּגעענטפערט אומגעזעענע ברואים, וואָס זענען ערגעץ־וואו פארבאָרגן געווען אין דער טיפעניש פון די גרעזער, אזוי ווי זיי וואָלטן איינער צו דעם אנדערן געטראָגן די שלעכטע בשורה: אנטלויפט, אנטלויפט, דער מענטש קומט די סטעפ באזיגן!

אָבער אונדזערע פּאסאזשירן האָבן דאָס אַלץ נישט געזען. פאַר־טאָן זענען זיי געווען מיט זיך. הלל דער פערדיונג וואָס האָט זיך גוט אָנגעגעסן מיט דער געפילטער קישקע וואָס איז איבערגעבליבן פון דער מלווה־מלכה סעודה, און וואָס יוכבד האָט אים מיטגעגעבן אויפן וועג, איז אַ ביסל שווערלעך געוואָרן. דער האָניק־געשמאַק האָט אין די ביינער געגאָסן, אין מויל איז טרוקן געווען און עס האָט זיך געוואָלט שלאָפן פון די ריחות פון סטעפ וואָס האָבן אין קאָפּ געשלאָגן. איז נאָכדעם ווי די פערד אין סטעפ האָבן מער נים געדאַרפט זייער וועגווייזער איז ער איינגעשלאָפן. אָבער דאָך האָבן די פערד געפילט אויף זיך די וואַכעדיקע נאָז פון זייער שומר אנשטאָט זיין שלאָפנדיק אויג.

זיין שנאָרכן האָט אָנגעשטעקט דעם „שומר ישראל", חיים פּאָטשטאַר, וואָרעם אזוי ווי הלל איז געווען אַ גרויסער עסער, אזוי איז חיים געווען אַ גרויסער טרינקער. „ער האָט אַנדערש נישט געקענט אַרויסווייזן זיין גבורה, אין וועלכער קהל האָט זיך אזוי שטאַרק געניייטיקט, נייערט ער האָט געמוזט צו ערשט אָנצינדן זיין כעס מיט אַקעוויט" (אזוי ווערט אָפיציעל דערציילט פון אים אין פּנקס פון זלאָטשעוו). אַ ייד אַ מיושבדיקער מיט אַ ווייב און אַ פּאָר קינדערלעך האָט אַנדערש נישט געקענט „איינשטעלן זיין לעבן" צו נעמען דעם „משחית" די ביקס אין האַנט אריין, סיידן ער האָט זיך פריער אָנגעטרונקען. ניכטערערהייט האָט ער מורא געהאַט פאַר אַ ביקס, פאַר אַ פערד און פאַר אַ הונט, ווי יעדער ייד. און אז מען האָט געדאַרפט אים שיקן מיט אַ שליחות איבערן סטעפ אין אַ צווייט שטעטל, אָדער שיקן אים אַרונטערברענגען דעם תקיף צום בית־דין, אָדער אימיצן מלקות שלאָגן, אָדער אין פּאָליש פאַר־שפּאָרן אויף דער קייט, — האָט ער אַנדערש נישט געקענט אויספירן

זיין שליחות, סיידן ער האָט זיך פריער אָנגעטרונקען. אויך איצט איידער ער איז געגאַנגען זיך אונטערנעמען די נסיעה קיין לובלין איבער דער סטעפּ, האָט אים מענדל פריער גוט אָנגעטרונקען און איבער דעם גאַנצן וועג אויפגעהאַלטן זיין קריגערישן גייסט און העלדישן מוט מיטן ביטערן טראָפּן וואָס מענדל האָט מיטגענומען אין זיין בויד. קוים האָט דער יידישער סטראַזשניק געטרונקען פון דעם אויפמונטערנדיקן טראָפּן, אַזוי האָט ער זיך אָנגעקליידט מיט גבורה ווי אַ פּוילישער כראַנזשע. און אויך איצט, ווען ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער בויד, האָט ער באַוויזן זיין גבורה דער־מיט, וואָס ער האָט גלאַט אַזוי, נישט־מיר נישט־דיר, געהאַלטן די ביקס אויפן פּלייצע, צוליב וואָס מענדל האָט זיך זייער געשראָקן, אַז דער „משחית" זאָל ניט פון דער העלער הויט אויסשיסן. נאָר אַזוי ווי חיים האָט געזען אַז זיין גבורה באַדאַרף מען נאָך ניט, קיין גזלנים באַווייזן זיך ניט, און דער קריגערישער מוט וואָס דער אָקע־ווייט האָט אַזוי געוועקט גייט פאַרלאָרן אין ניוועץ — האָט ער אים אָנגעווענדט אויף זיין שנאַרכן, וואָס האָט זיך געהערט פון זיינע נאַזלעכער, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זיין באַהאַרט פּנים ווי צוויי קוימענס פון אַ שטרויענעם דאַך; זיין שנאַרכן איז געווען ווי דאָס כאָרכלען פון אַ הייזעריק געוואָרענעם יעגער־האָרן.

דער אַנטרייבער און דער שומר האָבן זיך אַזוי לאַנג געשאָקלט אויפן קאַרשל פון בויד ביז זיי זענען איינער דעם אַנדערן געפאַלן אין די אָרעמס, און אַרומגענומען זיך ווי אַ געטרייע פּאָר, האָבן זיך זייערע נאַז־טענער פאַראייניקט אין האַרמאָניע, און זיי האָבן מיט זייערע נעזער איבערגעשראָקן די האָזן און זיי אַרויסגעיאָגט פון זייערע פאַרבאָרגענישן אַרויס.

דערפאַר אָבער האָט מענדל מיט ר' יונהן גערעדט פאַר די שלאָפנדיקע. נאָך דעם ווי מענדל האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן איבער גאָטס וועלט, און געזען ווי גרוים זי איז און ווי ליידיק פון מענטשן זי איז. האָט זיך אים פאַרגלוסט די גאַנצע סטעפּ צו באַזייען מיט יידישע ישובים. וויפל יידישע שטעט און שטעטלעך וואָלט מען געקענט אויסזעצן איבער

דער סטעפ, שולן בויען, בתי־מדרשים, מקוות און ישיבות. און טאקע האנדל אויך. יעדן חודש אין אן אנדער שטאט אן אנדער יארמארק. די פעלדער זענען פול מיט תבואות, און אויסגעפארענע וועגן פירן פון איין שטאט אין דער אנדערער אריין און יידן פארן איבער די וועגן מיט בוידן סחורה און האנדלען. און די תורה איז פאר־שפרייט איבער גאנץ אוקראינע. ווארעם וואו ברויט דארט איז תורה. און טאקע ער, מענדל, איז א גרויסער סוחר און א פרנס פון א גאנצן ישוב. ער האט זיינע געדאנקען מיטגעטיילט ר׳ יונהן.

— גרויס איז גאטס וועלט, ר׳ יונה — האט מענדל געזאגט מיט א קרעכץ — און די ערד וואו מיר פארן דא איז גוט, ר׳ יונה, שווארצע ערד. מען דערקענט זי לויט די גרעזער. וואו מיר פארן דא, ר׳ יונה, וועלן א מאל יידישע ישובים זיין. יידישע שטעטלעך וועלן זיין אויסגעשפרייט איבערן גאנצן לאנד. יידן וועלן האנדלען, פירן סחורות פון איין שטאט אין דער אנדערער און ישיבות מאכן, און די תורה וועט זיין פארשפרייט.

א מינוט האט ר׳ יונה שטיל געשוויגן, אויסגעהערט וואס מענדל זאגט, דערנאך האט ער זיך אפגערופן:

— די ערד איז דא גוט, דאס לאנד גרויס, נאר קיינער איז נישטא ווער עס זאל גאטס נאמען דערמאנען, א ברכה מאכן, דאווענען אויף איר. דורך דעם איז זי פול מיט שדים און רוחות רעות. און דו מיינסט, פרנס, אז דאס זענען פראסטע פייגל וואס לויפן אונדז נאך דער בויד, פראסטע גרעזער, אדער בינען, אדער ווערעם? דאס זענען אלץ נשמות, פארפאלענע, פארבלאנדזשעטע אין די וועל־דער, אין די מדבריות,ווארטן אויף א תיקון. געזען א בויד מיט יידן, לויפן זיי נאך, ווילן כאפן א ווארט תורה, א ברכה, כדי זיי זאלן קריגן דורך אונדז א תיקון און צוקומען צו זייער רו . . . אם ירצה השם, ווען יידן וועלן דא קומען און זיך באזעצן, שולן און בתי־מדרשים בויען, דאווענען און לויבן גאט, וועלן זיי די רוחות רעות פארטרייבן. עס וועט ווערן א ריין מקום און א ישוב.

— מיינט איר, ר׳ יונה, אז דא וועט א מאל א ישוב זיין, יידישע שטעטלעך און בתי־מדרשים?

— אודאי אזוי! ווי אנדערש? דאס מקום איז דאך אנגעגרייט פאר יידן. ווען די גויים האבן די יידן זייער שטארק געפלאגט אין גלות, און די שכינה כביכול האט געזען אז עס נעמט גארנישט קיין קץ און קיין ענד, דאס ביסעלע יידעלעך קען חלילה אונטערגיין, אזוי איז זי געקומען, די שכינה, פארן רבונו-של-עולם זיך אויסטענהן מיט אים און האט צו אים אזוי געזאגט: „ווי לאנג איז דער שיר? אז דו האסט ארויסגעשיקט די טויב פון דער תיבה, ווען דער מבול איז געווען, האסטו איר געגעבן אן איילבערט-צווייגל, אז זי זאל האבן וואו אירע פיס אפצורוען אויפן וואסער, און דאך האט זי נים געקענט אויסהאלטן דאס וואסער פון מבול און איז צוריקגעקומען אין דער תביה אריין. און מיינע קינדער האסטו ארויסגעשיקט פון דער תיבה אין א מבול אריין און גארניט האסטו באשאפן אויף וואס זייערע פיס זאלן זיך האבן אפצורוען אין גלות?' אזוי האט גאט גענומען א שטיק ארץ-ישראל וואס ער האט געהאט ביי זיך באהאלטן אין די הימלען ווען דאס בית-המקדש איז חרוב געווארן און עס אראפגעשיקט אויף דער ערד אראפ און געזאגט: „זיי אן אפרו פאר מיינע קינדער אין גלות.” דורך דעם הייסט עס פוילן, פה-לין, דאס מיינט מען אז דא זאלסטו נעכטיקן אין גלות. דורך דעם האט דא דער שטן איבער אונדז קיין שליטה ניט, און די תורה איז פארשפרייט איבער דער גאנצער מדינה: שולן, בתי-מדרשים און ישיבות, גאט צו דאנקען.

— און וואס וועט זיין לעתיד-לבוא, אז משיח וועט קומען וועט אוודאי גאט איבערפירן פוילן מיט אלע אירע ישובים, בתי מדרשים און ישיבות קיין ארץ-ישראל. ווי דען אנדערש?

מענדל האט זיך אין גאנצן באַרואיקט. נישט נאר בלויז פאר זיין זלאטשעוו נאר פאר גאנץ פוילן וואס ער האט קיין מאל ניט געקענט צורעכט מאכן אין זיין מוח — וואס וועט ווערן דערמיט ווען משיח וועט קומען.

און נאך דעם ווי מענדל האט באַרואיקט זיין גייסטיקן הונגער, האט זיך אנגעהויבן צו וועקן זיין קערפערלעכער הונגער. דער יונג הלל האט אים געהאלפן דערמאנען, מיט בעטלענדיקע בליקן, און

דער „שומר ישראל” האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ, אין באָרד און די פּאות די גאַנצע צייט וואָס דער מגיד האָט גערעדט און די לופט פון סטעפּ האָט געררייצט. און באַלד האָבן זיי געפונען אַ קוואַלכל, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט די הענט וואַשן.

יוכבדס פעטע געטריקנטע קעזלעך, שוואַרצער רעטעך און שטאַרקער אַקעוויט האָט געקוויקט דעם קערפּער ווי ר׳ יונהס ווער־טער דעם גייסט. און ווען קערפּער און גייסט האָבן זיך געזעטיקט, האָבן זיך אַלע איבערגעגעבן אין די אָרעמס פון שלאָף און איבער־געלאָזט די פערד אַליין זיך צו געפינען דעם וועג קיין אומאַן. און די פערד האָבן אויסגעשמעקט דעם אומאַנער וואַלד פון סטעפּ אַרויס און ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן און פאַראייניקט דעם הימל מיטן סטעפּ אין איין רויטן פייערדיקן פלאַם, האָט זיך אָנ־געהויבן אויפן עק האָריזאָנט צו שוואַרצן דער אומאַנער וואַלד און אין איינעם מיטן שטילן אָוונט זענען זיי אַריינגעפאָרן אין דער בראָם פון אומאַן.

קאַפּיטל 8

די אסיפה פון די פרנסים

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מענדלם בויד פאַרפאָרן פאַר ר׳ ברוך שענקערס אכסניא אין דער יידישער גאַס אין נעמיראָוו. הלל האָט אָנגעטראָפן דעם אַריינפאָר פון דער אכסניא באַלייגט מיט בוידן און פורן.

— היי, מאַכט פּלאַץ פאַר דעם פרנס פון זלאַטשעוו; רוק זיך דו פּאַרך־יונג, מצרימס מכות אויף דיין קאָפּ! מאַכט פּלאַץ, דער פרנס פון זלאַטשעוו פאָרט, געהערט? — האָט דער פערדיונג גע־שריגן.

— שריי ניט אַזוי, מלך אביונס משרת! מצרימס מכות מיט די קללות פון דער תוכחה צעלייגט אויף דיין קאָפּ! ר׳ זכריה סאַ־בילענקי, דער פרנס פון טשירין, זיין בויד שטייט, דרך ארץ! — האָט מען געשריגן פון דער צווייטער בויד.

געהערט ווענעס ס׳איז די צווייטע בויד, האָט מענדל באַפוילן דעם פערדיונג אָפּצושטעלן זיך, איז אַליין אַראָפּ פון דער בויד, צו־געגאַנגען צו דער אַנדערער:

— איז ר׳ זכריה דאָ?

— יאָ, געקומען מיט זיין ברודער ר׳ יעקב, פאָרן קיין לובלין צום יאַריד, זענען פאַרפאָרן צום ראש־הישיבה ר׳ יחיאל־מיכל, אַליין געהייסן דאָ שטיין מיט דער בויד איבער נאַכט.

ר׳ זכריה, דער פרנס פון טשירין, איז געפאָרן מיט פיר פערד נאַשפּיץ, ווי די גרויסע שררים, און זיין בויד איז געווען אַ גרויסע, פול אָנגעלייגט מיט קישנס און מיט דעקן און זי האָט פאַרנומען

דעם גאַנצן אַריינפֿאָר. מענדל האָט געהייסן זיין יונג זיך אָפּשטעלן אין אַ זייט, די פערד אַריינפירן אין שטאַל אַריין און זיי געבן גוט אָפּצועסן. אַליין איז ער אַריין אין דער אכסניא, וואוהין דער יונג און דער שומר האָבן אים אַריינגעטראָגן די פעקלעך און די קישנס. מענדל האָט אָנגעטאָן די נייע קאַפּאָטע, אויסגעפּוצט זיין יינגל, שלמהן, און איז אַרונטער זיך מעלדן צום ראש־הישיבה ר׳ יחיאל־מיכל, דעם רב פון נעמיראָוו.

אין בית־דין־שטוב ביי ר׳ יחיאל־מיכל האָט ער שוין געטראָפן די פרנסים פון אומאַן און קאַרסון, די צוויי ברידער ר׳ זכריה און ר׳ יעקב סאַבילענקי פון טשירין און די פרנסים און די שיינע באַלעבאַטים פון דער שטאָט נעמיראָוו, וואָס זענען געקומען מקבל פנים זיין די פרנסים פון דער פרעמד. ר׳ יחיאל־מיכל איז ניט געווען. ער איז נאָך געווען אין דער ישיבה, וואו ער האָט געזאָגט זיין שיעור פאַר די תלמידים. און די שמשים האָבן דערווייל מכבד געווען די פרנסים מיט האָניק־קיכלעך און רויטן בראָנפן פון דער רביצן.

ר׳ זכריה סאַבילענקי, דער פרנס פון טשירין, איז געזעסן ברייט אויף דער הילצערנער באַנק. די סאַבילענקים האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרויסע תקיפים און איבערהויפּט איז עפּעס געווען דער מער מיט ר׳ זכריהן וואָס איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם שר פון טשי־רין קאָניעצפּאָלסקי, וואָס איז אויך געווען דער שר פון זלאָטשעוו, און מענדל איז געווען אונטער זיין ממשלה. מענדל האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר זכריהן ווי פאַר אַן עלטערן פרנס. מענדל האָט גע־וואוסט אַז ער וועט ניט אַזוי לייכט צוגעלאָזן ווערן צו די פרנסים און ער האָט זיך געשראָקן אַ ביסל. ער האָט געקוקט מיט דרך־ארץ אויף ר׳ זכריהן וואָס איז געזעסן מיט דער גרויסער, לאַנגער, געלער באָרד פאַרשפּרייט אויף דער ברוסט, און זיינע אויגן זענען געווען באַהאַלטן אונטער די הויך פונאַנדערגעוואַקסענע געלע ברעמען. און דאָס פנים, כאָטש אָפּגעברענט פון דער זון, איז געווען פול מיט געלע זומערשפּרענקעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט ווי אינדזלען אויף אַ גרויסן געלן ים. ר׳ זכריה האָט זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט גאָרניט באַמערקט דעם נייעם פרנס פון זלאָטשעוו.

— שלום-עליכם דעם פּרנס פון זלאָטשעוו, — האָט ר׳ שלום-יעקב דער פּרנס הגליל פון נעמיראָוו, אָפּגעגעבן שלום-עליכם מענדלען.

— עליכם-שלום.

— וואָס הערט זיך אין זלאָטשעוו? מען זאָגט, אַז זלאָטשעוו וואַקסט אַן עיר ועם בישראל. ווערט באַלד שוין זיין אַזוי גרויס ווי טשירין, האָט דער נעמיראָווער פּרנס געזאָגט, וועלנדיק אַ שטאָך טאָן דעם גרויסן זכריה.

— מיטן רבונו-של-עולמס הילף. אונדזער ישוב האַלט אין וואַקסן.

זכריה האָט אויפגעהויבן זיינע הויכע געלע ברעמען און אַרום-געקוקט זיך. ער האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך, וואָס שלום-יעקב, דער נעמיראָווער פּרנס, האָט אים געוואָלט געבן, פאַרגלייכנדיק דאָס דאָרף זלאָטשעוו צו דער קהלה טשירין וואָס איז געווען אַ גרויסער באַזעסענער ישוב. ער האָט נאָר איין מאָל אויפגעהויבן זיינע ברע-מען, באַלד זיי צוריק אַראָפּגעלאָזט.

צווישן דעם פּריץ פון טשירין, כראַנזשע קאָניעצפּאָלסקי, און דעם פּריץ פון נעמיראָוו, דעם פירשט ווישניאָוויעצקי, איז געווען אַ באַשטענדיקע מחלוקה איבער דער הערשאַפט פון אוקראַינע. צום כראַנזשע האָט געהערט די גאַנצע סטעפּ וואָס איז געלעגן ביים „געלן וואַסער״ ביז אַרויס צום סעטש צו. ווישניאָוויעצקי אָבער האָט געהאַט דעם טיטל „דער פירשט פון רוס״. די מחלוקה איז ניט דורכגעגאַנגען אָן ווירקונג אויך אויף די יידן פון די צוויי פּריצים. אָבער צום מערסטן האָט זיך די מחלוקה אָפּגעשפּילט אויף די פּרנסים פון די צוויי שטעט, וואָס זיי זענען די שתדלנים פאַר די יידן ביי זייערע פּריצים. די פּרנסים זענען געווען אַזוי פאַרקאָכט אין זייערע פּריצימס מחלוקה, אַז זיי האָבן עס געמאַכט פאַר זייער אייגענע. זיי האָבן זיך געגרויסט מיטן פּריצס רייכטום און גיטער, און יעדער מאָל ווען די צוויי פּרנסים פון די צוויי פּריצים האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָט די מחלוקה פון זייערע פּריצים אויפגעפלאַמט.

— וואָרעם וואָס איז אייגענטלעך טשירין? אַ גרויסע קהילה

פון כלאַפּעס. זלאַטשעוו וועט עס איבערוואַקסן, מיט גאָטס הילף — האָט ר׳ שלום-יעקב געגעבן אַ שטאָך זכריהן.

דאָס האָט זכריה שוין ניט געקענט איבערטראָגן. ער וואָס איז דער גרויסער חשובביים כראַנזשע און דער כראַנזשע בּאַראָט זיך מיט אים וועגן אַלע זיינע עסקים — און וואָס איז זלאַטשעוו, און ווער איז דער גאַנצער מענדל? ער האָט ווידער אויפגעהויבן זיינע ברעמען און געווענדט זיך צו מענדלען:

— דאָס זייט איר, דער מענדל פון זלאַטשעוו, וואָס האָט גע־קראָגן רשות אויף דער שול? דער כראַנזשע האָט מיר פאַרציילט דערפון. שלום-עליכם, — האָט זכריה אויסגעשטרעקט צו אים זיין האַנט פון דער ווייטנס, בלייבנדיק זיצן אויף זיין אָרט, אויבענאָן אויף דער הילצערנער באַנק.

— און ווער איז דער בחור? — פרעגט זכריה אויף שלמהן.

— דאָס איז מיין זון. אַ באַלעבעסל, מיט גאָטס הילף. פאָרט קיין לובלין אין דער ישיבה.

— קיין לובלין? ווייניק ישיבות פאַראַן דאָ אין פאָדאָליע, אין קרעמענעץ, אין לוואָוו און טאַקע דאָ ביי ר׳ יחיאל-מיכלען, אין אייגענעם גליל? וואָס, אַזאַ גרויסער למדן איז ער אויסגע־וואַקסן, דער באַלעבעסל אייערער אין זלאַטשעוו, אַז איר האָט שוין פאַר אים ניט קיין ישיבה אין גאַנץ פאָדאָליע, נאָר איר מוזט אים פירן אַזש קיין לובלין?

— דער רב, זיין שווער, האָט אים מיטגעגעבן כתבים צו מורנו ר׳ נפתלי כ״ץ, דעם רב פון לובלין. דאָס יינגל האָט אַ גוטן קאָפּ, — האָט זיך מענדל פאַרענטפערט — און אַגב אורחא וויל איך, אַז דאָס באַלעבעסל זאָל לערנען דברי חול אויך, חשבונען און מיט שררים קענען רעדן, ווייל זלאַטשעוו וואַקסט, בעזרת השם, און מיר וועלן דאַרפן האָבן אַ שתדלן וואָס זאָל קאָנען פּויליש רעדן.

די לעצטע ווערטער האָבן נאָך מער געערגערט זכריהן. ער האָט זיך שוין אָנגערופן מיט כעס:

— מיט די כלאַפּעס אין זלאַטשעוו וועט ער זיך קענען אויך פּויליש אויסלערנען.

מענדל האָט שטיל געשוויגן און דרך-ארץ געהאַט פאַר אַן אַלטן פּרנס. אָבער דאָס איז שוין געווען צו פיל פאַר ר׳ שלום-יעקבן:

— וואָס מיינט דער פּרנס פון טשירין, אַז נאָר ער אַליין האָט געקראָגן רשות פון וועד צו זיין אַ שתדלן? איר טוט זייער גוט, ר׳ מענדל, וואָס איר שיקט אייער באַלעבעסל קיין לובלין — האָט ר׳ שלום-יעקב באַרואיקט מענדלען — מיר דאַרפן האָבן אין אונדזע־רע מקומות כשרע פּרנסים, עוסקי בצרכי ציבור באמונה, ניט ווי יענע וואָס נעמען אַראָפּ פון די פּרוכתן די פּערל און לייגן זיי אויף האַניק-לעקעך און מאַכן פון זיי די פּריצים מתנות, כדי נושא חן צו זיין אין די אויגן פון פּריץ.

— מיין ברודער האָט חלילה ניט צוגענומען די פּערל פאַר זיך — האָט ר׳ יעקב סאָבילענקי פאַרענטפערט זיין ברודער, — דער פּרנס פון טשירין האָט אַראָפּגענומען די פּערל פון יידישע ווייבער פון טשירין און געמאַכט דערפון אַ טייערע מתנה פאַרן פּריץ כראָנזשע קאָניעצפּאָלסקי, ירום הודו, אונטער וועמעס חסד מיר אַלע לעבן בשלום ושלווה, צו זיין חתונה מיט דער רייכער כראַבינע זאַמויסקי.

— אוודאי, אַז אַן אביון האָט חתונה מיט די זאַמויסקים מוז ער אַראָפּקומען צו די יידעלעך אין די שטעטלעך נאָך „שלובנע"-געלט. וואָס איז ער, אַ ווישניאָוויעצקי? די ווישניאָוויעצקים באַדאַרפן ניט אָנקומען צו יידישע פּערל אַז זיי האָבן חתונה.

זיין חרפה האָט ר׳ זכריה געקענט פאַרשווייגן. נאָר באַליידיקונ־גען קעגן זיין פּריץ האָט ער ניט געקענט אויסשטיין.

— נעמיראָווער פּרנס, איר שפּילט זיך מיט פייער, איר באַ־ליידיקט דעם כראָנזשע!

— און אַז יאָ, וואָס איז? וואָס האָב איך מורא פאַר אייער כראָנזשע? וואָס, איר וועט מיך לאָזן נעמען אין תפיסה ווי דעם סאָטניק כמעלניצקי? מיר לעבן דאָ, ברוך השם, ביי דעם פירשט ווישניאָוויעצקי, וואָס איז אַ מושל חסד. האָב איך גאָר ניט קיין מורא פאַר אייער פּריץ, טשירינער פּרנס!

ווער ווייס מיט וואָס דער קריג וואָלט זיך געענדיקט, ווען דער שמש וואָלט ניט פּלוצעם די טיר אויפגעעפנט און אָנגעזאָגט:

— ר׳ יחיאל־מיכל גייט!

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער. ר׳ יחיאל־מיכל איז אַריינגעקומען. ר׳ יחיאל־מיכל איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן. אָבער ער איז שוין באַרימט געווען אין גאַנץ פּאָדאָליע און וואָלין ווי דער גאון פון אוקראַינע. אַלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט. דער רב איז צו ערשט אַריין אין אַן אַנדער שטוב און האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט זיין אַלטע מוטער, און זי אַוועקגעזעצט אויבנאָן אין אַ פאָטערשטול ביים טיש, אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלענערן שטול לעבן איר, און האָט פאַר דער מאַמען פאַרגעשטעלט די פרנסים און אַלע בכבודע לייט, און האָט די גאַנצע צייט באַדינט די מאַמע מיט גרויס כבוד און דרך־ארץ.

דער רב האָט אויסגעפרעגט די פרנסים וואָס מען הערט ביי זיי און ווי עס וואַקסן די ישובים, און ווי עס האַלט מיט דער תורה. געהערט פון מענדלען, אַז מענדל פירט זיין זון אין לובלינער ישיבה, האָט ער זיך זייער געפרייט וואָס זלאַטשעוו האָט שוין די זכיה צו שיקן אַ תלמיד אין דער גרויסער לובלינער ישיבה. ער האָט אויסגעפרעגט שלמהלען עפּעס אין לערנען, וואָס שלמהלע האָט אים גלייך אָפּגעענטפערט, און דעם רב איז עס געפעלן און געהייסן דעם שמש ער זאָל אים געבן האָניק־קיכל, און מענדל האָט זיך געווישט די אויגן פאַר שמחה.

— שרייבט מיר אייער מרא דאַתרא אַז איך זאָל אים שיקן בחורים פון מיין ישיבה קיין זלאַטשעוו כדי זיי זאָלן לערנען מיט די יינגלעך. די שטאָטלייט וועלן זיי געבן עסן און נאַכטלעגער. געלויבט דער רבונו־של־עולם, די תורה וואַקסט אומעטום וואו יידן וואוינען. אפילו אין דער ווילדער סטעפּ, — ווענדט ער זיך צו דער מאַמען.

די אַלטע יידענע האָט געבויגן מיט איר הויכער, יום־טובדיקער, ווייסשפּיצנדיקער הויב, וואָס זי האָט אָנגעטאָן לכבוד די פרנסים און זי האָט געשעפּטשעט צום זון:

— זיי מכבד, זון, די פרנסים מיט לעקעך און בראָנפן.

דער רב האָט זיך אַליין אויפגעהויבן כדי מקיים צו זיין דער מאַמעס שליחות און האָט אָנגעגאָסן בראָנפן פאַר די פרנסים.

— און ווי לעבט איר מיט די שכנים, האָט איר שלום? איר וואוינט אַזוי אין נאַקעטן פעלד.

— ווי ווייט מיר קענען מיען מיר זיך צו לעבן אין שלום. די פריצים זענען נישטאָ אַ גאַנץ יאָר. מיר לעבן נאָר צווישן די יוונים, זיי זענען אונדזערע שכנים. מיען מיר זיך צו לעבן מיט זיי אין שלום. פיל מאָל צאָלן זיי נישט אָפּ דעם צערקווע־צינז וואָס די פוילישע גלחים האָבן אַרויפגעלייגט אויף זיי. זיי האַלטן דאָס פאַר אַ פחיתת הכבוד, מאָנען מיר ניט אויף פון זיי, נאָר מיר נעמען צונויף צווישן אונדז דעם צינז און מיר באַצאָלן פאַר זיי. זענען דערפון די פוילישע גלחים געוואויר געוואָרן, האָבן זיי אונדז זייער שטאַרק געשטראָפט, און נייטן אונדז אויפצומאָנען דעם צינז. און דאָס איז אַ גרויסער מכשול פאַר אונדז. מיר האָבן מורא אַז די יוונים זאָלן אונדז חלילה נים שלעכטס טאָן. און דאָס בין איך געקומען זאָגן דעם רב פון נעמיראָוו. עס וואָלט געווען אַ יושר גדול, אַז די פרנסים פון אוקראַינע מיט די רבנים זאָלן זען פועלן ביים וועד אין לובלין, אַז דער וועד הגדול זאָל זיך אַריינלייגן דערינען און מען זאָל אַראָפּ־נעמען דעם צערקווע־צינז פון די יוונים, אַדער יידן זאָלן עס ניט אויפמאָנען, ווייל דאָס קען חלילה ברענגען צו אַ גרויס אומגליק פאַר אונדז. מיר וואוינען נאָענט פון סטעפּ און מיר הערן רעדן אַז די יוונים ווילן פון אונדז אַ מאָל נקמה נעמען דערפאַר חלילה.

דער רב האָט אָפּגעזיפצט און שטיל געשוויגן.

— מכוח דעם וויל איך אויך רעדן, — האָט זיך אָפּגערופן ר׳ שלום־יעקב, דער פרנס פון נעמיראָוו. עס זיצט דאָ דער פרנס פון טשירין, ר׳ זכריה סאָבילענקי; דער פרנס פון זלאָטשעוו, ר׳ מענדל, האָט מורא צו זאָגן ווייל ער געהערט מיט דעם פרנס פון טשירין אונטער דעם קאָניעצפּאָלסקי. אָבער מיר זענען דאָ, ברוך השם, אונטער דעם שר ווישניאָוויעצקי וואָס ער איז אַ מושל חסד פאַר אַלע. מיר האָבן ניט קיין מורא. און איך וויל דאָ זאָגן בפני הרב פון נעמיראָוו, אַז עס איז דערגאַנגען צו אונדזערע אויערן,

אז דער פרנס פון טשירין ר׳ זכריה טוט זייער שטארק דריקן די יידן און להבדיל די יוונים. ער לייגט ארויף אויף זיי גרויסע צינזן פאר מתנות פארן שר. ער האט אויסגערעדט פארן שר אויף זייערן א סאטניק מיטן נאמען כמעלניצקי, אז דער סאטניק וויל זיך בונ־טעווען, האט מען דעם סאטניק גענומען אין תפיסה. און פאר דעם זיינען די יוונים זייער שטארק ברוגז אויף די יידן און עס קען דערפון ארויסקומען א מכשול פארן גאנצן כלל — האט דער פרנס פאר־ענדיקט זיין אנקלאגע קעגן ר׳ זכריהן.

ר׳ זכריה איז געזעסן די גאנצע צייט וואס ר׳ שלום-יעקב האט געמאכט אויף אים די אנקלאגע פארן רב ר׳ יחיאל-מיכל א שטאלצער און א שווייגנדיקער. ער האט זיין לאנגע געלע בארד צעקעמט מיט צוויי פינגער און געהויבן מיט זיינע געלע הויכע ברעמען, וואס זענען געזעסן ווי צוויי אויפגעשטעלטע פעכערס אויפן ראנד פון זיין שטערן איבער זיינע אויגן, און פון צייט צו צייט געווארפן א בליק פון אונטער זיי אויף זיין קעגנער און געשוויגן.

— נעמיראווער רב, — האט זיך ר׳ זכריה אנגערופן — איך נעם חלילה ניט צו דעם צינז פאר מיר. מיר יידן לעבן נאר אין זכות פון די שררים וואס באשיצן אונדז מיט חסד פון אלעם שלעכטן און גיבן אונדז פריווילעגיעס צו בויען שולן און צו מאכן ישובים, און מיר זיצן מיט אונדזערע ווייבער און קינדער בשלום ושלווה ווי אין קיין לאנד ניט. דורך דעם דארפן מיר זיין זייער געטריי צו די פוילישע שררים וואס קיניגן איבער אונדז מיט פיל חסד און צו דעם גרויסן שטארקן קעניג וולאדיסלאוו, ירום הודו, וואס האט באנייט די פריווילעגיעס פון די פוילישע קעניגן צו אונדז און האט צוגעגעבן נאך נייע. מיר דארפן זיי זיין אונטערטעניק און דינען געטריי, ווארעם ווען ניט זיי וואלטן מיר חלילה געווען ווי די כלאפעס, רחמנא לצלן. און אז זיי היישן אונדז אויפמאנען צינז פון די כלאפעס פאר די צערקוועס, מוזן מיר מקיים זיין זייערע בא־פעלן, ווארעם די כלאפעס געהערן צו די פוילישע שרים לעולם ועד. און ווער איז עס דער גאנצער כמעלניצקי, איבער וועלכן דער פרנס פון נעמיראוו האט אויפגעהויבן אזא גוואלד? ער קומט אריין צו

מיר אין קרעטשמע. און איך הער ווי ער סודעט זיך מיט די כלאפּעס צו שרייבן אַ בריוו צום טאַטערישן כאַן, אַז ער זאָל קומען העלפן די כלאַפּעס זיך באַפרייען פון די פוילישע שרים. ער מיינט אַז איך הער גאָר ניט, אָבער אַלץ וואָס ער זאָגט פאַרצייכן איך מיט אַ קרייד. אוודאי דאַרף איך דעם סאַטניק איבערגעבן אין די הענט פון די שרים. דער כראַזשע, ירום הודו, האָט מיר רשות געגעבן, אַז ווען איך וועל הערן פון דעם סאַטניק כמעלניצקי אַזעלכע מרידה־רייד, זאָל איך אים לאָזן שמייסן פאַר דער טיר פון מיין קרעטשמע.

ר׳ יחיאל־מיכל האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און נאָכקלערן, נאָך דעם האָט ער זיך געווענדט צו דער מאַמען, פאַרבויגן זיך פאַר איר און אַזוי געזאָגט:

— מיט דער מאַמעס רשות וועל איך ענטפערן דעם פּרנס פון טשירין. דהיינו: עס איז אמת, אַז מיר לעבן ברשות פון די פוילישע שרים און דעם קעניג וולאַדיסלאַוו ירום הודו וואָס האָט באַנייט די פּריווילעגיעס פון די פוילישע קעניגן עליהם השלום, נאָר מיר לעבן ניט אין זייער זכות, נאָר אין דעם זכות פון רבונו־של־עולם און פון דער תורה הקדושה. און ניט זיי זענען מגין אויף אונדז, נאָר דער רבונו־של־עולם מיט זיין גרויסן חסד. אונדזערע הייליקע ספרים הייסן אונדז אַז מיר זאָלן לעבן בשלום מיט די שכנים, און מכל־שכן נאָך מיט אַזעלכע שכנים וואָס זענען געפּלאָגט און געיאָגט פון זייערע נושכים ונוטרים און זייער אמונה ווערט פאַרשעמט. זייער אמונה איז ניט קיין עבודת כוכבים, זיי גלייבן אין דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, און עס איז אַ מצווה מסייע זיי צו זיין, אַז זיי זאָלן קענען דינען גאָט לויט זייערע וועגן. מיר יידן דאַרפן פילן און וויסן וואָס עס הייסט געררודפט צו ווערן פאַר דער אמונה. דורך דעם געפעלט מיר זייער די עצה טובה פון דעם פּרנס פון זלאַטשעוו, אַז דער וועד הגדול זאָל זען עפּעס צו טאָן מכוח דעם ענין, אַז די שתדלנים זאָלן פועלן, אַז מען זאָל מבטל זיין די גזירה פון צערקווע־ציגז, און ווען חלילה נישט, זאָלן מיר יידן דערמיט ניט האָבן צו טאָן. זלאַטשעווער

פרנס, איך וועל אייך, אם ירצה השם, מיטגעבן אַ בריוו צום לובלינער רב מכוח דעם ענין.

דערויף האָט זיך געהערט דעם שמשם קלאַפּן מיט אַ הילצערנעם האַמער אין די לייסטלעך פון דער טיר. האָט זיך דער רב אָנגערופן:

— רבותי, עס איז צייט מנחה צו דאַוונען, — און ווענדנדיק זיך צו דער מוטער, האָט ער געזאָגט:

— מיט דיין רשות, מאַמע, וועלן מיר זיך אויפהייבן.

— יחיאל-מיכל, נאָכן דאַוונען וועסטו פאַרבעטן די פרנסים צו אונדז אויף וועטשערע, — האָט די מוטער געזאָגט און זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט. און דער זון האָט זי מיט גרוים כבוד און דרך־ארץ אָפּגעפירט ביז צו דער שוועל פון דער צווייטער שטוב.

קאַפּיטל 9

דער מגיד פון פּאָלנע

גאָטס שטילקייט און ריינקייט האָט געררוט איבער די בערגלעך ארום דער שטאָט נעמיראָוו, ווען די יידישע בוידן, אָנגעשטאָפּט מיט בעטגעוואַנט און יידן, האָבן זיך פריילעך געקוילערט איבער דעם געל־זאַמדיקן וועג. די פייכטקייט פון דער נאַכט האָט נאָך טיף געררוט איבער די פעלדער און איבער דעם וועג צום טייך בוג צו. נאָר ווען זיי זענען אויף דעם צווייטן ברעג טייך געקומען, האָט שוין די זון צעגאָסן זיך אַ קלאָרע און אַ יונגע איבער דעם לויטערן און בלויען הימל, און זי האָט געטריקנט די פייכטע גרעזער און די טוי־באַדעקטע בלעטער פון די הויכע ליפּע־ביימער וואָס זענען געשטאַנען אויפן וועג.

די געל־גאָלדענע פעלדער זענען שוין אַלע געווען געשניטענע, אַראָפּגענומענע, און דאָ און דאָרט האָט זיך געגרויט אַ פּויעריש פלאַקסן־העמד, האָט אויפגעפלאַמט אַ קאָלירטע פּאַטשיילע אויף אַ קאָפּ פון אַ פּויערטע וואָס האָט אין דעם פריען פרימאָרגן געאַרבעט אין פעלד. פעטע שעפּסן, באַוואַקסן מיט שוואַרצער וואָל, האָבן זיך געקייקלט ווי די רונדיקע טינטלעך איבער די לאַנגע ברייטע פעלדער און געגריזשעט די שטעכעדיקע אָפּגעשניטענע שטרויען פון ברויט. זיי האָבן מפסיק געווען פון זייער עסן און נאַאיוו נאָכגעקוקט מיט זייערע תמעוואַטע אויגן די דורכפאָרנדיקע בוידן און נאָכגערופן זיי מיט זייער קינדיש־צערטלעכן „מעע".

פון צייט צו צייט האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ פאַרזאָרגטן בעטלער וואָס איז געזעסן פאַר זיך אויף אַ שטיין אויפן וועג, און האָט פאַר זיך אַליין געגרימפּלט אויף אַ קליינער, האַנטגעמאַכטער לירע, ברו־מענדיק אַ ליד. באַלד האָט דער וואָלקן שטויב וואָס די בוידן האָבן

איבערגעלאָזט נאָך זיך צוגעדעקט דעם בעטלער, נאָר זיין ליד האָט אַנגעשטעקט די יידישע בעלי־עגלות, און עס האָבן זיך באַלד איבער גאָטס פרייליכער וועלט צעגאָסן יידיש־חזנישע ניגונים:

לְכָה, דוֹדִי, לְכָה, דוֹדִי,

לְכָה, דוֹדִי, לִקְרַאת כַּלָּה,

פְּנֵי שַׁבָּת נְקַבְּלָה.

געפאָרן איז מען שוין נישט אליין. צו ערשט איז געפאָרן, פאַר־שטייט זיך, ר' זכריהם גרויסע בויד מיט פיר פערד נאַשפּיץ און אויפגעהויבן אַזאַ וואָלקן שטויב פאַר זיך און הינטער זיך, אַז עס האָט פאַרשטויבט די וועלט. דערנאָך די אַנדערע בוידן. אין די בוידן האָבן זיך געפונען יידן לומדים פון פאַרשיידענע שטעטלעך, טייל זענען געפאָרן צום וועד מיט שאלות, טייל צו באַקומען אַ רשות אויף ספרים וואָס זיי האָבן מחבר געווען. די יידן וואָס האָבן געקענט לערנען האָבן זיך פאַרקליבן אין איין בויד. זיי זענען געזעסן אויסגעבעט אויף קישנס און דעקן און האָבן זיך געשפּאַרט אין לערנען. איינער האָט דעם אַנדערן געהאַלטן ביי דער באָרד, ביי די לאַצן און געצוואונגען אים אויסצוהערן זיין פּשטל, אויף וועלכן יענער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן פאַרעקשנט זיך אויף ניט, און באין אופן נישט געוואָלט נאָכגעבן. און די קולות פון דער תורה האָבן זיך געהערט פון די וועגן אַראָפּ און האָבן אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע האָזן אין פעלד וואָס זענען אויף מיילן ווייט אַנטלאָפן פון די גוואַלדן פון די יידן.

דורכן גאַנצן לאַנגן ווינטער אַרבעטן די יידן פון פּאָדאָליע אוים לעדער, כאַליאַוועס אויף שטיוול, זוילן, און פירן עס אַנגעלאָדן אויף בוידן אין לובלין אויפן יאַרמאַרק. די פעלצן־נייער פירן גע־וואַשענע שעפסענע פעלצן אַנגעלאָדן אויף די בוידן. פוטערנע היטל־מאַכערס, טעפּ־קנעטערס פירן כלים. אַנדערע בוידן זענען מיט הויזזאַכן, אַנדערע בוידן מיט טליתים, ארבע־כנפות און ציצית.

די אַרבעט פון אַ גאַנץ יאָר פירט מען צום האַרבסט יאָרמאַרק, ווען דער פּריץ האָט דעם פויערס תבואה אין די שייערס אָנגעזאַמלט און ער פאָרט אויפן יאָרמאַרק איינקויפן אויפן ווינטער. עס לויפן די יידן סוחרים פון איין בויד צו דער אַנדערער, האַנדלען איינער מיטן אַנדערן, טוישן געלט, קויפן בינטלעך פויערשן פלאַקס, זעקלעך וואָל, קאַלבסלעדער, אָקעוויט, ווי אויף אַ בערזע. שדכנים לויפן פון איין בויד צו דער אַנדערער און פירן צונויף שידוכים, פאַרקנסן קינדער, נישט געזעענע כלות, נישט געזעענע חתנים, און מחותנים גיבן זיך די הענט, און מען שטעלט זיך אָפּ אין די קרעטשמעס טרינקען לחיים. די בעלי עגלות פּרואוון איבעריאָגן איינער דעם אַנדערן, און שטיקלעך תּפילות, קדושות, יקום־פורקנס, לכה־דודים ווערן פאַרפאַלן צווישן די קנאַלן פון די בייטשן און די וואָלקנס שטויב.

געדאַוונט האָט מען אין פעלד, ביי די וואַסערלעך צווישן די שטייענדיקע ביימער. צום ערשטן מאָל האָבן די נאַקעטע פעלדער געהערט די קדושהלעך און די פייגל זענען געקומען צו פליען נאָך די קרישקעלעך פון יידישע עסנס.

אין באַר האָט מען איבערגענעכטיקט. אַ גרויסע יידישע קהילה געווען, און דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן די בוידן פון וויניצע, פון סטאַראָגראַד, פון קאָרסון, פון אַנדערע קהילות. נייע יידן, נייע לומדים מיט נייע סוחרים. און קיין קאָנסטאַנטינאָוו איז שוין אַריינגעפאָרן אַ קאַראַוואַן מיט בוידן, אָנגעפּאַקט מיט קאָלירטע קישנס און דעקן אין וועלכע עס זענען געזעסן יידן אויסגעבעט. מען האָט אויסגעזוונגען אַלע חזנישע שטיקלעך אויפן וועג, אויסגעשפּאַרט זיך די גאַנצע תורה און אויסגעהאַנדלט אַ האַלבע מדינה. די ישובים זענען שוין איצט געווען געדיכטער, דאָס לאַנד באַוואוינט, די שטעטלעך מיט יידן און די דערפער להבדיל מיט כלאָפּעס. אויף יעדן וועג אַ יידישער אַרענדאַר, וואו מען שטעלט זיך אָפּ די פערד אָנצוטרינקען און להבדיל אַ ברכה צו מאַכן. עס שטייען פאַר די שענקען די יידישע אַרענדאַרן מיט די קאָלירטע הויזן און ברייטע אַרבע־כנפותן און בעטן אַריין די למדנים צו זיך, ווילן די זכיה האָבן אונטער זייער דאַך אַ מנחה במנין צו דאַוונען, אַ לחיים צו הערן.

און די אָרענדאַרקע שלעפּט פון די קעלערס די גרויסע טעפּ מיט זויערמילך און סמעטענע, פּרעגלט ציבעלעס, און אגב פאַרהערט מען דעם אָרענדאַרס קינדער, און מען זאָגט מוסר דער אָרענדאַרקע, אַז זי זאָל זיין אָפּגעהיט מיט יידישקייט. און שדכנים פּרעגן זיך אויף כלות און נדן. און אַלע טרינקען צוזאַמען פון איין גאַנשער, עסן צוזאַמען און לייגן זיך איינער אין אַנדערנס בעטגעוואַנט אריין, ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וואָלט געוואָרן איין גרויסע משפחה.

נאָר באַלד קומט מען אָן אין די גרויסע ווישניאָוויעצער וועלדער. די בוידן האַלטן זיך געדיכטער איינע לעבן דער אַנדערער, און די שומרים נעמען אַרויס די „משחיתים", פאַר וועלכע מען שרעקט זיך. אין ווייטן וואַלד, צווישן די טרוקענע בלעטער, שאַרכט ווער און מען האַלט אויף דעם אָטעם, און מען פרעגט איינער דעם אַנדערן: געהערט?

און יידן דערציילן זיך מעשיות פון שדים און רוחות, וואָס רוען אין די וועלדער און וואַרפן אָן אַ שרעק אויף די קינדער, וואָס פאָרן מיט אין די בוידן אין די ישיבות אַריין. און דער וואַלד ווערט וואָס אַ מאָל געדיכטער, טונקעלער און פאַרהוילן. עס רוישן די אַלטע ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרוואונדערט און געשראָקן פאַר די יידישע בוידן וואָס זענען אַריינגעקומען אין זייער מיטן אַריין און זיי אויפגעוועקט פון זייער פאַרהוילענעם לאַנגיעריקן שלאָף.

די טריט פון די פערד דערשרעקן די שלאָפנדיקע חיות אין וואַלד. פון דער ווייטנס הערט זיך זייער געברום און זייערע שווערע טריט וואָס שאַרן צווישן די טרוקענע בלעטער. עס האָרכן זיך איין די מקובלים נאָך די טריט אין וואַלד און שעפּטשען מיט די ליפּן אומפאַרשטענדלעכע תפילות. די טאַטעס הענגען אָן אויף די העלדזער פון די קינדער קמיעות, גיבן זיי סדורימלעך אין די הענט אַריין. די יידן האַלטן זיך אָן ביי די ציצית צו פאַרטרייבן די רוחות וואָס לויפן אַרום די בוידן, און עס ברעכן דורך די בוידן דעם אומבאַטראָטענעם וואַלד. עס שמעקט די זשיוויצע וואָס גיסט זיך פון די ביימער, און עס שמעקט דער וואַלד מיט פייכטקייט פון שוואָמען. עמעץ ווער ברעכט ביימער אין וואַלד, עמעץ ווער שרייט און רופט נאָך

הילף אין וואלד. די מקובלים פארשטאפן זיך די אויערן אז זיי זאלן נישט הערן די רוחות רופן. די אלטע יידן זאגן תהילים און די קינדער שלאפן איין אין שרעק.

שבת האט מען געהאלטן אין פאלנע, געוואלט הערן ר׳ שמשון אסטראפאליער דרשענען. צייט יארן האט דער אסטראפאליער אנגע־זאגט וועגן שלעכטע צייטן וואס וועלן קומען. ער האט געשראקן דעם עולם מיט זיינע דרשות, ביז דער וועד האט ארויסגעגעבן אן איסור אז ער זאל נישט שרעקן דעם עולם. דעם אסטראפאליערס דרשות האבן געשמטט איבער דער וועלט. האט מענדל גענומען שלמהלען און איז אוועק שבת נאכמיטאג אין בית־המדרש וואו ר׳ שמשון האט געדרשנט.

דאס בית־המדרש האט זיך שוין געבראכן מיט יידן פון דער גאנצער געגנט ארום. פון אומעטום, אז מען איז געפארן אויפן יאר־מארק, האט מען זיך אפגעשטעלט שבת אין פאלנע צו הערן ר׳ שמשונען. די ווענט פון בית־המדרש זענען נאס געווען פון די פארעם און מען שטייט קעפ איבער קעפ, און אין דער הייך, פארן ארון־הקודש, שטייט ר׳ שמשון אין א ווייסער קאפאטע אנגעטאן, א גרויסער טלית הילט ארום זיין הויכן דארן קערפער, און עם ברענען צוויי שווארצע אויגן פון זיין בלייך פנים ארוים. דאס בלייכע פנים וואס קוקט ארוים פון זיין שווארצער בארד ווי פון א ראם, איז אויסגעמאטערט. און ציטערנדיק שטרעקט אוים דער בלייכער ייד זיינע צוויי ביינערדיקע הענט פון דער ווייסער קאפאטע ארוים און שיט מיט פייער פון זיין מויל, שילדערנדיק פאר דער שווארצ־קעפיקער מאסע דאס פייער פון גיהנום.

ער פירט זיי דורך אלע זיבן געצעלטן פון גיהנום. דא ווייזט ער, ווי די מלאכי חבלה כאפן דעם מענטשן, ווען ער פארמאכט נאר די אויגן און טראגן אים אוועק אין די ווינטטע מדבריות, זיי ווארפן אים אריין אין זומפן צווישן שלאנגען און עגדישן. און באלד פירט ער איבער זיין קרבן און לאזט אים שווימען אין א פייערדיקן ים מיט אנדערע קרבנות. און באלד שילדערט ער פאר דעם שרעקנ־דיקן עולם ווי די מלאכי־חבלה ווארפן זייערע קרבנות אין די קא־

כעדיקע טעפּ וואָס שטייען אויף די גיהנום-פייערן. אברים פון מענטשן שווימען אַרום אין די זידנדיקע טעפּ. און אַט באַלד מאַכט ער צוריק לעבעדיק זיין קרבן, כדי ער זאָל אים קענען אויפסניי פייניקן, מיט אייזערנע צוואַנגען אים רייסן די האָר פון קאָפּ, אָפּקע־מען די הויט מיט אייזערנע קאַמען און צופּן די נעגל מיט פייערדיקע צוואַנגען. און דערנאָך ברענגט ער זיין קרבן צוריק אויף דער וועלט אין אַ גלגול פון אַ פערד, וואָס אַרבעט אָפּ זיינע יאָרן ביי אַ מענטשן, וועמען ער האָט שלעכטס געטאָן אין זיין פריערדיקן לעבן, אָדער ער לאָזט מגולגל ווערן זיין קרבן אין אַ וויינענדיקן הונט וואָס שלעפּט זיך אין וויסטע מדבריות אַרום און קען נישט צוקומען צו קיין ישוב. אַ פּחד פאַלט אָן אויפן עולם. הייסע אַנגסטן שלאָגן אַרויס פון די פּנימער. אין דער ווייבערשער שול הערט זיך אַ פאַרשטיקט כלי־פּען . . .

און די ווייסע קאַפּאָטע מיט די דאַרע ביינערדיקע הענט איבער די שוואַרצע קעפּ שטייט אַלץ און שרעקט און שרעקט, שיט פייער פון גיהנום איבער די קעפּ פון די יידן. קיינער איז פאַר אים נישט גוט גענוג, אַז ער זאָל פריי זיין פון די גיהנומדיקע יסורים, אַלעמען איז ער מגלגל און ברענגט זיי צוריק אויף דער וועלט אינעם גע־שטאַלט פון בהמות און חיות וואָס זוכן אַ תיקון.

באַלד אָבער הייבט ער אָן נביאות צו זאָגן וועגן אַ שרעקלעכן יום-הדין וואָס שטייט פאַר צו קומען אויף יידן. ער שיט מיט פּסוקים וואָס טייטן אָן אויף דער צייט, אויף מלחמת גוג ומגוג וואָס דאַרף באַלד קומען. מיט לעבעדיקע פאַרבן מאָלט ער אַ גרויסע מלחמה, ווי אַן אומדערבאַרעמדיקער שונא באַפאַלט דאָס לאַנד אַזוי ווי אַ היישעריק און פאַרטיליקט מיט שווערד און פייער אַלץ וואָס ער טרעפט אויף זיין וועג. קיין זאַך האַלט אים נישט אָפּ, קיין געוויין, קיין געבעט, קיין טרערן. ער טראָגט זיך אַזוי ווי אַ פייער פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, און לעקט אויף אַלצדינג מיט זיין פייערדיקער צונג, ווי דער אָקס לעקט אויף דאָס גראָז. קיינער ווייס נישט וואָס דער מגיד מיינט דערמיט. אַ פינצטערע שרעק, ווי אַ כמאַרע וואָלט דעם הימל פאַרדעקט, פאַלט אָן אויף די יידן. אַ ציטער

גייט דורך דורך די לייבער, ווען ער מאַלט גאָטס כעס. נאָר איין זאַך קען אָפּהאַלטן די שרעקלעכע גזירה: תשובה, תפילה וצדקה. באַלד אָבער פאַרמאַכט ער דעם שער הרחמים, מיט אייזערנע טויערן פאַר־שליסט ער אים און לייגט אוועק פייערדיקע שווערדן און פייערדיקע חיות אויפן שער הרחמים צו פאַרטרייבן די יידנס תפילות וואָס שלאָגן אָן אין טויער. אַלץ איז שוין צו שפּעט, דער גזר־הדין איז שוין אונ־טערגעשריבן און ער לאָזט נישט איבער קיין איין שטראַל האָפענונג, נאָר פינצטערניש, פינצטערניש און פינצטערניש . . .

קאַפּיטל 10

דער לובלינער יאַרמאַרק

נאָך צוויי וואָכן נסיעה איז הלל אָרייַנגעפאָרן מיט דעם „שומר-ישראל" אויפן קאַרשל דורך דעם קראָקעווער טויער אין דער פיל-באַרימטער שטאָט לובלין. שוין פון דער ווייטנס האָט די שטאָט געוואונקען מיט די הויכע טורעמס פון אירע קירכן און שלעסער. מענדל האָט נאָך פון גאַנץ ווייט געוויזן שלמהלען דעם שפּיץ פון דעם רמ"אָס שול. דער יאַרמאַרק איז שוין געווען אין פולן גאַנג. מיט שוועריקייטן האָט זיך דער פערדיונג געקירעוועט אַ וועג דורך די פיל אָנגעשטעלטע פאַנסקע קאַטשן. הלל האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייט און איז פאַרפאָרן אין די יידישע גאַסן, וואו דער יאַרמאַרק איז געווען אין העכסטן ברען.

שטעלן מיט פאַרשיידענע סחורות האָבן פאַרשטעלט די גאַסן. דאָ זענען געלעגן שטויסן מיט פעלצן, דאָרט אויף דרענגער זענען געהאַנגען שטיוול; שטעלן מיט וואָלענע סחורות. פויערישע קאָליר-טע בענדער האָבן אויפגעפלאַקערט אין דער זון אויף די קעפּ פון די יידישע ווייבער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר זייערע שטעלן און פאַר-קויפט די סחורות; עלפנביין-קאָליר אין איינעם מיט געל-גאָלד-פאַרב. און אַ שטורעם פון געשרייען און שפּראַכן האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. נירענבערגער דייטשע מייסטערס האָבן פאַרקויפט זילבערנע און מעשענע כלים. אפילו פערסיער זענען אַראָפּגעקומען מיט אָריענטאַלישע פאַרביקע שטאָפן, קאָלירן פון בורשטין און קאָלירן פון עלפנביין; פאַרבן פון צעגאָסענעם קופער און דאָס בלוי-קלאָרע ליכט ווי די בלויקייט פון הימל; טונקל-בלויקייט פון נאַכט-

קאַליר און ווייסקייט פון שניי, און שימערנדיקע קאַלירן, ווי דער שוים, און דאָס צנועהדיקע ליכט פון פערל אין איינעם מיט דער רויט-ברע־נענדיקער פאַרב פון די קרעלן, — אַלע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין ברענענדיקן ים פון טיכער, קליידער און טעפּיכער.

די פאַרבן האָבן זיך באַוועגט ווי אויף אַ מאַסקן-באַל. עס האָט געברענט אויף די קעפּ פון די וואָיעוואָדעס, קאַסטעלאַנען, אויף די קעפּ פון די הוזאַרן און כראַנזשעס פושן פון פאַרשיידענפאַרביקע פעדערן. דאָ און דאָרט האָט אויפגעברענט דאָס ליכט פון אַ טייערן שטיין פון טורבאַן אויף אַ קאָפּ פון אַ טאָטער, וואָס האָט זיך געהויבן איבער דעם ים קעפּ און געוואָונקען פון דער ווייטנס.

דערשראָקן איז געוואָרן מענדל, דערשראָקן דער קליינער באַלעבעסל שלמהלע, דערשראָקן אפילו דער „שומר-ישראל", חיים פּאַטשטאַר, פאַר די פיל מענטשן. נאָר איינער, הלל דער פערדיוגג, האָט זיך נישט געשראָקן. איינגעקאָרטשעט אויפן קאָרשל, האָט ער פעסט איינגעהאַלטן די פערד, אויסגעקירעוועט זיך אַ וועג צווישן די שטעלן, מענטשן און פורן. ער האָט זיך אויף גאָרנישט אומגע־קוקט, גאָרנישט איז אים אָנגעגאַנגען. ער איז געווען פאַרנומען מיט קירעווען די פערד, וואָרעם דער וועג איז באמת געווען אַ שווערער.

שווער איז אָנגעקומען מענדלען צו קריגן אַן אכסניא. לובלין איז פול געווען מיט יידן. פון פיר עקן פון פוילן זענען אָנגעפאָרן יידן קיין לובלין פאַרקויפן אָדער איינקויפן אויפן יאַרמאַרק. פון די ווייטסטע געגנטן זענען געקומען רבנים און פרנסים מיט שאלות און דין-תורות, צום וועד ארבע הארצות, לאָדן זיך איין קהילה מיט דער צווייטער און פאָרברענגען זייערע טענות פאַר די רבנים. אַלע גאַסן, בתי-מדרשים, שולן און אכסניות זענען פול געווען מיט יידן. יעדער רב איז געקומען מיט זיינע תלמידים. מקובלים אין ווייסע קאַפּאָטעס זענען מיטגעקומען מיטן פויזנער רב, שעפּטל הורוויץ, וואָס איז געווען אַ גרויסער מקובל. שאַרפע קעפּ למדנים, זענען מיטגעקומען מיט דעם לוואָווער רב, דעם שפּע־טערדיקן מחבר פון ט"ז וואָס איז געווען אין וועד. אויסלענדישע

יידן, דייטשן, אין גרויסע סאַמעטענע היט, פּראַגער יידן אין ברייטע שוואַרצע זיידענע מאַנטלען, איטאַליענישע יידן וועלכע עס איז שווער צו דערקענען צי זיי זענען יידן: זענען געווען געקליידט אין קורצע פאַרביקע קליידער ווי די איטאַליענער, מיט שווערדן אין דער זייט. אַ סך פון זיי זענען געקומען האַנדלען אָדער לערנען אין דער ישיבה. באַרימט זענען געווען די ישיבות פון פוילן, ווי אַ מאָל די ישיבות פון בבל. און פון דער גאַנצער וועלט האָבן די יידן געשיקט זייערע קינדער צו לערנען אין די פוילישע ישיבות. עס זענען אָנגעקומען אַ סך יונגעלייט פון פאַרשיידענע קאַנטן און מדינות צו קריגן סמיכות אויף הוראה פון דעם און דעם גרויסן רב וואָס וועט זיך געפינען ביים וועד. מחברים מיט ספרים זענען געקומען זוכן פון די רבנים הסכמות, אַנדערע זענען געקומען צו קריגן אַ רשות צו ווערן אַ שוחט אָדער אַן אַנדער כלי־קודש.

און די אַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין בית־המדרש־געסל, וואו עס האָט געוואוינט דער רב, וואו עס איז געווען די גרויסע ישיבה און וואו עס איז געווען פאַרזאַמלט דער וועד. דאָרטן אין דעם געסל איז געווען דער יידישער יאַרמאַרק. די גאַסן זענען געווען באַלייגט מיט שטענדערס ספרים. דאָרטן האָבן די שדכנים געהאַט זייערע געוועלבלעך, אין וועלכע די באַלעבאַטים וואָס האָבן געוואָלט נעמען תלמידי־חכמים פאַר איידעמס זענען אַריינגעקומען צו די שדכנים און האָבן זיך אויסגעקליבן איידעמס ישיבה־בחורים, למדנים, לויט דעם נדן וואָס זיי זענען געווען ביכולות צו געבן. דאָרט האָבן אויך געהאַט פאַרשיידענע בעלי־מקובלים, בעל־שם־טובס זייערע קרעמלעך אין וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט פאַרשיידענע קמיעות אָפּצוהיטן פון שלעכטע רוחות און שדים, קוויטלעך אויסצוהענגען אויף די ווענט קעגן לילית. נשים צדקניות האָבן אין געוועלבלעך פאַרקויפט תחינות, מענה־לשונס און סגולות פאַר געווינעריגס, הירשנציין, וואָרצלען פאַר זויגקינדער, וואַקסענע הענטלעך און פיסלעך און רפואות פאַר ציינווייטיק און אָפּשפּרעכן עין־הרעס.

סופרים זענען געזעסן אין געוועלבלעך, געשריבן פאַרשיידענע שטר־מכירות פאַר סוחרים, שטרות און קוויטלעך פאַר הלוואות.

בחורים האָבן אויסגעצייכנט מיט פאַרבן קונציקע קאַלירטע צייכנונגען, תנאים, כתובות, מגילות — דאָס איז געווען די חזקה פון די ישיבה־בחורים; דאָס געלט איז געגאַנגען אין איין קופה און האָט געהערט צו די בחורים פון דער ישיבה. גאָלדשמידן האָבן פאַרקויפט טייערע כלי־קודש, אויסגעהאַמערטע קידוש־בעכערס, אתרוגים־פושקעס און בשמים־ביקסן, חנוכה־לאָמפּן, וואָס האָבן געשפּילט אַליין.

נאָר דער עיקר איז דאָרט געגאַנגען דער האַנדל מיט ספרים. די לובלינער דרוקערייען וואָס האָבן געמעגט דרוקן ספרים אָן צענזור זענען געווען באַרימט איבער דער וועלט, און יידן פון דער גאַנצער וועלט זענען געפאָרן אין לובלין איינקויפן יידישע ספרים. אויף גרויסע טישן זענען אויסגעלייגט געווען די ספרים אין די בתי־מדרשים, אין די ספרים־געוועלבער, דער באַרימטער לובלינער ש״ס. די טלית־יידן האָבן דאָרט געהאַט זייערע שטענדערס מיט די וואָלענע טליתים און כפול־שמונהדיקע ציצית. די גאָלדענע און זילבערנע עטרות האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פון די שטענדערס.

דאָרט, אין דעם געסל ביים אַריינגאַנג צו דער מקווה, האָבן די יידישע רופאים געהאַט זייערע געוועלבלעך, אין וועלכע זיי האָבן דאָס שלעכטע בלוט אָפּגעלאָזט, רפואות פאַרשריבן, ציינער געריסן, און ווייבער טוקערינס האָבן דאָרט פאַרקויפט סודות צו עקרות, ווי אַזוי קינדער צו האָבן, און „סימנים" אויף יינגלעך און „סימנים" אויף מיידלעך; בשמים און קרייטעכצער צו געווינען דעם מאַנס האַרץ.

און יידן פון גאַנץ פוילן וואָס זענען אַ גאַנץ יאָר פאַרוואָרפן אין די קרעטשמעס האָבן זיך איינגעקויפט יידישקייט פאַר גאַנצע ווינטערס. און צווישן די סוחרים זענען אַרומגעגאַנגען די נשים צדקניות, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די מצווה צו באַזאָרגן די בחורים פון דער ישיבה מיט נאַכטלעגער און וועש, זענען זיי אַרומ־געגאַנגען מיט גרויסע פושקעס, פאַרחתמעט מיט דער חתימה פון דער ישיבה און אויסגערופן: „נאַכטלעגער פאַר די בחורים! העמד־לעך, שטיוועלעך פאַר די לומדי־תורה!"

נאָך דעם ווי מענדל האָט אַריינגעגעבן זיין יינגל אין דער ישיבה האָט ער זיך געווענדט צום וועד מיט זיין עסק וועגן דעם צערקווע־

שטייער, וואָס די פּוילישע פּריצים צווינגען די יידישע אַרענדאַרן אויפצומאָנען פון די קאָזאַקישע פּויערים. מיט דעם בריוו, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם נעמיראָווער רב, האָט מען אים צוגעלאָזט צום וועד. דער וועד איז געזעסן אין דער גרויסער שטוב פון לובלינער קהל. דער יושב-ראש איז געווען ר׳ נפתלי כ״ץ, וואָס איז געווען אַ גרויסער מיוחס און אַן אייניקל פון דעם פּראַגער גאון פון דער מאַמעס צד. אין וועד זענען געזעסן גרויסע רבנים פון פּויזן, לוואָוו, קראָקע, און שתדלנים מיט פּרנסים ווי ר׳ אברהם פּרנס הוועד פון לובלין און ר׳ משה מונטאַלטים, וואָס איז געווען פון די יוצאי הישפּניא און אַ גרויסער חשוב אין קעניגלעכן הויף. עס זענען אַרומגעזעסן דרייסיק גרויסע רבנים און פּרנסים. פאַר זיי האָט מענדל פאַרגעבראַכט זיין בקשה, אַז די שתדלנים זאָלן זען אויסצופועלן, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען די גזירה פון די יידישע אַרענדאַרן אויפצומאָנען דעם צערקווע-צינז פון די קאָזאַקן, ווייל פון דעם קען אַרויסקומען אַ גרויסע צרה פאַר יידן. דער וועד האָט אויסגעהערט מענדלען, און דער לובלינער רב האָט געזאָגט אַז עס איז אַ גלייכע זאַך; נאָר דאָרט פאַרן וועד איז אויך געווען געלאַדן זכריה סאַבילענקי, ווייל ער איז געווען אַ פּרנס פון דעם זעלבן מקום און אַ גרויסער שתדלן.

ר׳ זכריה האָט געזאָגט אַז מען וועט חלילה דורך דעם אַרויסרופן דעם צאָרן פון די גלחים מיט די יעזואיטן. זיי וועלן זאָגן אַז יידן רעדן אָפּ די כלאָפּעס זיי זאָלן ניט ווערן קיין קאַטאָליקן, און דורך דעם קען אַרויסקומען אַ גרויסע צרה אויף יידן. און אַזוי ווי דער וועד האָט דערהערט דערמאָנען דאָס וואָרט גלחים, אַזוי איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלן אויף אַלע גרויסע רבנים און פּרנסים. ר׳ שעפּטל הורוויץ, דער רב פון פּויזן, האָט אָנגעהויבן צו קרעכצן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם עלילת-דם וואָס איז געווען פאַר צוויי יאָרן אין זיין גליל אין לענטשיץ און די קדושים וואָס די גלחים האָבן פאַרפייניקט צום טויט. זיין אויסגעבליכט פּנים איז פינצטער געוואָרן, די אויגן האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דעם שטערנביין, און ער האָט געזיפצט:

— אַן עת צרה רוקט זיך אָן אויף יעקב.

און די פּרנסים האָבן געענטפערט:

אַז ביי דער רעגירונג קענען זיי אַלץ פּועלן, נאָר די גלחים און דעם קלויסטער האָבן זיי מורא אָנצורירן, ווייל אַ גרויסע צרה קען חלילה דערפון אַרויסקומען פאַרן כלל.

אַזוי האָט מען מענדלען אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ קרעכץ און אָפּגעשיקט צום רבונו של עולמם הילף.

און מיט דעם איז מענדל אַהיים געפאָרן.

און ווען מענדל איז שוין געזעסן אויף דער בויד אַהיים צו פאָרן מיט חיים „שומר-ישראל" און הלל דעם פערדיונג, האָט ער געזען צווישן די ביידעלעך און קראָמען, אין בית-המדרש-געסל, שטייט אויף דער שוועל פון אַ קרעמל דאָס הייליקע שניידערל, שלמהלעם דרדקי מלמד, און רופט אַריין קונים. איז ער אַראָפּ פון דער בויד און איז אַריין אין געוועלב עפּעס קויפן, זעט ער אַז דאָס געוועלבל איז גאָר פּוסט, פיר ליידיקע ווענט, פרעגט ער דעם שניידער:

— וואָס האָט איר צו פאַרקויפן? איר שטייט דאָך אין אַ ליידיק געוועלבל!

האָט אים דאָס שניידערל געענטפערט:

— איך פאַרקויף תשובה, תפילה וצדקה!

צווייטער טייל

קאַפּיטל 1

עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן

זעקס יאָר איז שלמה אָפּגעווען אין דער לובלינער ישיבה און צוגעגרייט זיך פֿאַר דער שטעל וואָס ער האָט באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען אין לעבן, צו זיין אַ פּרנס ביי יידן. ער האָט געלערנט ביים ראש-הישיבה, ביים לובלינער רב, און געוואוינט האָט ער אין אכסניא מיט אַנדערע באַלעבעסלעך ביי דער גברת האשה שרה יפה, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דרוקעריי פֿון ספרים אין לובלין. ביי איר האָט ער אויך געגעסן שבתים און יום-טובים, און ביי איר טיש האָט ער זיך אָפּגעלערנט מדות טובות ומנהגים טובים, ווייל זי איז געווען אַ גרויסע גברת און אַ בת נדיבים.

פֿון דער היים פֿלעגט אים די מאַמע צושיקן מיט סוחרים וואָס זענען געפֿאָרן אויף דעם יאָרמאַרק געטריקנטע קעזלעך, אַ טינטל האָניק, און דער טאַטע — אַ פּאָר נייע שטיוועלעך, אַ פּעלצל אויף ווינטער, אַ בריוול מיט אַ גרוס פֿון „זוגתך", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצורופֿן ביי אים אויסטערלישע געפֿילן אין זיין האַרץ און אַ רויטלען אויף זיינע באַקן.

נאָך זעקס יאָר, ווען שלמהלע האָט געענדיקט די הוראה, און האשה מרת דבורה, זיין ווייבל אין דער היים, איז שוין געוואָרן אויסגעוואַקסן, זענען זיך די מחותנים צוזאַמענגעקומען און באַשטימט: היות עס איז ניט גוט וואָס מאַן און ווייב זענען צעשיידט, אַזוי זאָל מען שלמהלען אַהיים ברענגען פֿון דער ישיבה.

מענדל איז געפֿאָרן אויפֿן יאָריד קיין לובלין אַהיים ברענגען זיין זון. דער טאַטע האָט אים ניט דערקענט. שלמהלע איז דורך דער צייט אויסגעוואַקסן, אויסגעזען ווי אַ יונג רבל, מיט שטריימל

און פאות, און דער טאטע האט אנגעהויבן דרך־ארץ קריגן פאר אים. שלמהלע האט זיך נאכגעפרעגט אויף אלעמען, אויף דער מאמען און אפילו להבדיל אויף דער דינסט מארושא, נאר נישט אויף זיין ווייבל.

— און פארוואס פרעגסטו נישט אויף זוגתך? — האט דער טאטע געשמייכלט. שלמה איז רויט געווארן.

— זי איז אן עין־הרע אויסגעוואקסן א פארשוין, וועסט זי נישט דערקענען. זי איז אין דער היים ביי אירע עלטערן.

— פאר וואס נישט ביי דער מאמען? — פרעגט שלמהלע.

— זי האט מורא פאר דיר, אז דו וועסט אהיים קומען זאלסטו איר נישט דאס הייבל פון קאפ רייסן, ווי דו פלעגסט עס טאן ווען דו ביסט געווען א קינד.

שלמהלע האט געשוויגן. דעם פאטער האט באנג געטאן וואס ער האט אים פארשעמט.

— עס איז דער מנהג אזוי, פאר יום־טוב, איידער דער מאן קומט אהיים, גייט דאס ווייבל צו טאטע־מאמע. אם ירצה השם ווען דו וועסט אהיים קומען וועט זי קומען צו אונדז וואוינען.

שלמה האט שוין געוואלט רעדן וועגן עפעס אנדערש, נאר דער טאטע האט אים ווידער דערמאנט:

— נא דיר געלט און קויף עפעס מיט אהיים דיין זוגתך א שיינע מתנה אויף יום־טוב.

שלמה האט גענומען געלט פון פאטער, עפעס אהיים קויפן פארן ווייבל. איז ער געגאנגען אויפן יארמארק, און געטראפן דארטן שטיין א יידן, וואס האט אויסגערופן:

— ווארשעווער גאלדענע שיכלעך צו פארקויפן, מתנות אויף יום־טוב פאר די נשים צדקניות.

שלמה האט זיך דערמאנט אין די גאלדענע שיכלעך וואס ער האט צוגעזאגט זיין ווייבל איידער ער איז אוועקגעפארן אין ישיבה אריין.

ער האט באצאלט דעם סוחר פאר די שיכלעך און דער ייד האט אים צוגעוואונטשן:

— גאָט זאָל העלפן אַז די צדיקת וואָס וועט טראָגן די שיכלעך זאָל זוכה זיין צו טראָגן זיי בקדושה ובטהרה.

ער האָט דעם יידן אָנגעקוקט. דער ייד איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט, ווי ער וואָלט אים ערגעץ וואו געווען געזען.

דערנאָך האָט זיך שלמה דערמאָנט, אַז דער ייד איז געווען דאָס שניידערל, און די זאַך האָט אים פאַרוואונדערט.

עס איז געווען אין יאָר ת"ח צו פורים צו. איבער די ווייסע פעלדער האָט זיך פריילעך געגליטשט אַ פויערישער שליטן מיט פאַרשוינען. די שאָטנס פון די פאַרשוינען, פערד און שליטן זענען געקראָכן איבער דעם פעלד נאָכן שליטן נאָך. דער בלאָטיקער וועג האָט זיך געשלענגלט באַרג אַרויף און טאָל אַראָפּ אין דעם ווייסן ים-פעלד. דאָ און דאָרט האָבן שוין פון ווייסן ים אַרויסגעקוקט ברייטע און גרויסע שוואַרצע פעלדער ווי אינדזלען. עס איז שוין געווען פאַר-נאַכט-צו, נאָך אַ שיינעם זוניקן טאָג.

דער הימל איז געשטאַנען איבער די קעפּ אַ קלאָרער און אַ בלויער, ווי ער וואָלט געווען אויסגעוואַשן און אויסגעצוואָגן פון אַלע ווינטערדיקע כמאַרעס אויף פּסח. בלויע, קלאָרע שטיקער הימל-וואָלקנס האָבן זיך פריילעך געבאָדן, און די זון, אַ רויטע און אַ גאָל-דענע, איז געשטאַנען הינטער דעם בראַצלאַווער וואַלד און זי האָט אַרויסגעקוקט מיט גאָלדענע בליקן דורך די נאַקעטע ריטער פון די ביימער. אַ מחנה שוואַרצע גאַפּעס זענען נאָכגעלאָפן נאָך די מענטשן. נישט האָבנדיק קיין פּלאַץ וואו זיך אָפּצושטעלן, האָבן זיי זיך געקרייזט אין דער לופטן אַרום דער בויד, אַראָפּנידערנדיק און אַנרירנדיק קוים דעם שניי, וואו זיי האָבן איבערגעלאָזט שפּירן פון זייערע פיסלעך. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ וויאָלעט-רויטער קאָליר, וואָס האָט זיך געוואָרפן פון ווייסקייט פון שניי און בלויקייט פון די הימלען. עס האָט זיך געהערט דער פייכטער געשמאַק פון די צעפוילטע וואָרצלען און פון דער געזונטער נאַקעטער ערד. אָפּט מאָל האָט דער שליטן דורכגעקרייצט אַ שטיק שניי פעלד, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָנגעזען וועלפישע טריט. און איטלעך מאָל

ווען די שליטן-בויד האָט אָנגעטראָפן אויף די וועלפישע געטאָקטע טריט אין שניי, האָט זיך געהערט אַ שטים פון דער בויד:

— הלל, מיר זענען אין נאַקעטן פעלד צווישן חיות רעות, און די נאַכט פאַלט צו, הלל.

— מירן באַלד זיין, באַלעבאָס לעבן. אָט זעט זיך שוין די תיפלה פון בראַצלעוו.

— וואָס טויג מיר די תיפלה, הלל? מיר דאַרפן דאַוונען מנחה, און עס ווערט שפּעט. אין פעלד איז אַ סכנה זיך אָפּצושטעלן.

— מירן באַלד זיין, באַלעבאָס לעבן.

— מיר וועלן פאַרשפּעטיקן שמונה-עשרה, הלל.

— מירן נישט פאַרשפּעטיקן שמונה-עשרה חלילה, מיר וועלן נאָך זיין פאַר מנחה.

און הלל האָט זיך גענומען יאָגן די פערד אויף פאַרשיידענע לשונות וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט גערעדט צו זיי אויף יווניש: „סטופּייטי, בראַטי"; ער האָט גערעדט צו זיי אויף יידיש: „ברידערלעך קליינע, טוט אַ טובה, איילט זיך צו, דער באַלעבאָס דאַרף דאַוונען מנחה". נאָר צום בעסטן האָבן זיי פאַרשטאַנען, ווען הלל האָט גענומען דאַוונען אַ שטיקעלע שחרית. הלל האָט זיך צעלאָזט אויפן קול איבער די נאַקעטע פעלדער. די פערדלעך האָבן אונטערגעשפּרונגען איבער דער פרישער נאַסער ערד. דער וועג האָט זיך גערוקט אונטער זייערע פיס און באַלד זענען זיי אַריין אין די בלאָטיקע גאַסן פון בראַצלאַוו.

אין אכסניא ביי ברכיהן אין בראַצלאַוו האָבן זיך אָנגעטראָפן אַ סך בוידן און שליטנס. די אכסניא איז פול געווען מיט יידן פון גאַנצן קאַנט. אַ סך זענען געקומען פון אַ יאַריד און האָבן געוואָלט אַריבער מיטן פּאַראָם דעם טייך קיין נעמיראָוו. דאָס אייז אָבער האָט שוין געלאָזט און גרויסע קריעס זענען געגאַנגען איבערן טייך. האָבן אַ סך יידן אָן עין-הרע פון דער גאַנצער געגנט פאַרזאַמלט זיך ביים קרעטשמער ברכיהן און געוואַרט מען זאָל קענען אַריבער דעם טייך.

מענדל האָט באַגעגנט באַקאַנטע, ר' גדליהן פון טשירין, ר'

יחזקאל קאַלניק, נעמיראָווער יידן, ר׳ יונה דעם מגיד, ר׳ משה פון נעמיראָוו, און נאָך אַ סך יידן. אַלע זענען געווען בגלופין, אויפגערוימט, און כאַסקל-ברוך דער שענקער האָט געקלאַפּט ברכיהן אויף דער פּלייצע און געשריגן מיטן קול:

— זאָג זוגתך, אַז זי זאָל אָפּקאָכן אויף וועטשערע קליסקעס.

— און געפילטע קישקע — האָט יוחנן-אהרן, דער פישער פון נעמיראָוו, צוגעלייגט.

— מיט שמאַלצענע גריוון.

— און צימעס, צימעס ווי שבת.

נאָר זיי האָבן נישט געדאַרפט זאָגן.ביים פּיעקעליק איז געשטאַנען די יידענע, ביי אַ גרויס פייער האָט זי אין אַ גרויסן קעסל געקאָכט וועטשערע. און דער געשמאַק פון דער קישקע מיט דעם געפילעכץ און די קליסקעס האָט זיך שוין געהערט אין שטוב.

— וואָס איז די שמחה? — פרעגט מענדל.

— גאַרנישט. גלאַט אַזוי. משנכנס אָדר מרבין בשמחה. פאַר דעם זענען מיר דאָך יידן. עס איז דאָך אַ פּשוטער קל-וחומר: מה-דאָך די גויים וואָס דינען צו האָלץ און צו שטיין פרייען זיך, היינט מיר, יידעלעך, וואָס דער רבונו של עולם איז אונדזער פאָטער, דאַרפן מיר דאָך על אחת כמה וכמה — זיך אוודאי און אוודאי פרייען! — האָט זיך אָפּגערופן ר׳ כאַסקל פון קאָלסק און אַריינגעשטעקט דעם גרויסן פינגער אין מענדלס באָרד אַריין.

— און מנחה האָט איר שוין געדאַוונט?

— פון מיטן טאָג אָן מיט הלל!

— וואָס איז די שמחה? — פרעגט מענדל פאַרוואונדערט.

— שוטה, האָסט פאַרגעסן אין וואָס פאַר אַ יאָר מיר לעבן? מיר לעבן אין יאָר „זאת״, אין — ת״ח. און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

— וואָס האָט זיך אָנגעהויבן?

—האָסט ניט געהערט? מלחמת גוג ומגוג, ווי דער אַרי-הקדוש האָט בנביאות געזאָגט — האָט ר׳ יונה געזאָגט מענדלען.

— איך קום פון לובלין, ווייס פון גאָרנישט.

— כמעלניצקי הרשע, דער סאטניק פון טשירין, האט צונויפ־גענומען כמה וכמה אלפים יוונים און איז ארוים אין מלחמהביים געלן וואסער מיט די פוילן.

— וואס הערט זיך מיט זלאטשעוו ? — האט מענדל געפרעגט דערשראקן.

— שוטה, עס איז אתחלתא דגאולה, מלחמת גוג ומגוג, און ער גייט ארום און פרעגט זלאטשעוו ? פרנס עם־הארץ ! — האט זיך יונה פון אים אפגעקערט און איז אריין אין א צווייטער שטוב וואו עס זענען פארזאמלט געווען א סך יידן אין טליתים. טייל האבן געדאוונט, טייל האבן געזונגען, טייל האבן געלערנט און די פריי־לעכע קולות האבן ארייננגעדרונגען פון דער צווייטער שטוב.

— וואס הערט זיך מיט זלאטשעוו ? — איז מענדל אריין צווישן עולם א דערשראקענער און אלעמען געפרעגט.

— וואס זלאטשעוו ? זיי זענען ביים „געלן וואסער". די שרים פאטאצקי און קאלינאווסקי האבן צונויפגענומען כמה וכמה אלפים זעלנער און זענען ארוים קעגן זיי אין מלחמה, — האט אים ר' כאסקל פון קאלניק בארואיקט.

— געלויבט השם־יתברך, — האט מענדל אפגעאטעמט. — ער וועט אזא שווארצן סוף האבן ווי פאווליק פאר־א־יארן. מ'וועט אים קעפן אין ווארשע — האט מענדל זיי בארואיקט, — אבער וואס איז די שמחה ? — האט מענדל זיי געפרעגט.

— שוטה, דאס איז דאך די שמחה. דער ארי הקדוש האט דאך דערויף נביאות געזאגט. און עס איז א וואונק דא אין דער תורה אז היי־יאר וועט משיח קומען. מען זעט עס דאך באשיינפערלעך, „אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בטוח", אז עס וועט אויפשטיין אויף מיר א מלחמה בין איך ב„זאת" זיכער. וואס מיינט ב„זאת" ? ב„זאת" מיינט בגמטריא ת"ח. דאס הייסט, אז אין שנת ת"ח וועט אויפשטיין אויף מיר א מלחמה, און איך בין זיכער — אט האסטו עס פון אויבן אויף ! — האט אים כאסקל פון קאלניק ווידער גע־שטעקט דעם פינגער אין דער בארד אריין. — און דו, שוטה, גייסט ארום און פרעגסט זיך : פארוואס יידן פרייען זיך ? היי, ברכיה,

היים דיין זוגתך אַריינלייגן אין טאָפּ נאָך אַ קישקע מיט שמאַלץ געפּילעכץ על חשבון הפּרנס מזלאָטשעוו, — האָט כאַסקל פון קאַלניק געשריגן צום אַרענדאַר.

— צוויי קישקעס! — האָט מענדל אויסגעשריגן, אָנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער שמחה.

— און ווער איז דער בחור? — האָט כאַסקל געוויזן אויף שלמהלען.

— אַ באַלעבעסל, קומט צוריק פון לובלינער ישיבה מיט היתר הוראה אין קעשענע. מיין זון, אָן עין־הרע.

— דיין זון מיט היתר הוראה אין קעשענע? אַ שטיק מילץ אין טאָפּ אַריין על חשבון הבאַלעבעסל ר׳ שלמה בן ר׳ מענדל פאַר דעם היתר הוראה אין קעשענע! — האָט כאַסקל ווייטער געשריגן.

— און מנחה האָט איר שוין געדאַוונט, יידן? וואו דאַוונט מען דאָ מנחה ביי אייך? — האָט מענדל זיך דערמאָנט אין מנחה.

— דאַוונען? דאָ איז מען עוסק באכילה, דרינען דאַוונט מען, — האָט כאַסקל אָנגעוויזן מענדלען.

מענדל האָט נאָך פאַרכאַפּט די לעצטע קדושה פון מנחה.

נאָך מעריב האָט ברכיה געגרייט דעם טיש. אין שטוב איז שוין געווען טונקל. פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס געדרויש פון קריעס אייז אויפן וואַסער. ער האָט אין שטוב אויפן פּיעקעליק אָנגעצונדען אַ פּאָר שטיקלעך קין. און צוויי־דריי פּלעמלעך האָבן געברענט אין דער שבת־מנורה. די בעלי־עגלה־יונגען האָבן אַריינגע־בראַכט די סמאָלענע שטורקאַצן פון די וועגן און אָנגעצונדן. מען האָט צונויפגעשלעפּט אַלע טישן און בענק און געמאַכט איין גרויסן טיש צום עסן. די יידן האָבן זיך געוואַשן און זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם טיש.

ברכיהם ווייב האָט דערלאַנגט אויפן טיש די גרויסע מיסקע מיט די קישקעס און די מילצן און די לעבערס, פון וועלכע עס איז אַ גרויסע פּאַרע געגאַנגען. און ברכיה האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ פּעסעלע מיט אָקעוויט און אַ כלי. צו ערשט האָט מען גענומען

צו קאַפּעטשקעס אויף לחיים. דערנאָך האָט מען געצויגן די קישקעס פון דער מיסקע און געריסן שטיקלעך מיט די הענט און מכבד געווען איינער דעם אַנדערן. און צווישן קישקע און בראָנפן האָט מען מכבד געווען דעם אומאַנער חזן ער זאָל זאָגן אַ שטיקל. האָט ער געזונגען אַ ויגדל. דערנאָך האָט זיך דאָרט געפונען אַן אומאַנער ייד, אַ קלעזמער, וואָס איז אַרומגעפאָרן אויף די יאַרמערק און ער האָט געקענט גאַנץ שיין שפּילן אויף אַ פידעלע, האָט ער משמח געווען דעם עולם מיטן פידעלע. אויך איז דאָרט געווען אַן אַלטער פון די יוונים להבדיל וואָס האָט געקענט שפּילן אויף אַ לירע, וואָס די יידן האָבן אים מכבד געווען ווייל ער איז געווען זייער אַלט. ער פלעגט אָפט גיין צווישן די יידן, אויף יידישע חתונות און שמחות, און מהנה זיין יידן מיט זיין לירע און געזאַנג, האָט ער געזונגען אַ שיינעם געזאַנג פון אַן אַלטן קעניג, וואָס די קינדער האָבן פון אים דאָס מלכות אויסגענאַרט און אים פון זיין קעניגרייך פאַר־שטויסן.

און צווישן די געזאַנגען מיט דעם שפּילן האָבן יידן גערעדט וועגן משיחן, וועגן דער גאולה וואָס איז נאָענט, וועגן מלחמת גוג ומגוג. און דערנאָך ווען דער עולם איז געוואָרן אַ ביסל בגלופין, זענען די ווייבער אויך אַריינגעקומען אין שטוב. און מתוך חדווה, וואָס משיח קומט באַלד, האָט מען זיך מתיר געווען, און די ווייבער האָבן אַ שיינעם טאַנץ אויסגעפירט. די קלעזמאָרים מיט דעם זקן דעם שפּילער האָבן זיי צוגעשפּילט, און די יידן האָבן זיי צוגע־פּאַטשט, און מתוך חדווה ושמחה, האָבן יידן זיך פאַרגעסן און טייל האָבן גענומען האַנטעכער, טיכער און געגעבן די ווייבער אין האַנט אַריין און געטאַנצט מיט די ווייבער.

און די אַלטע און פרומע יידן זענען געזעסן און האָבן צוגע־זען און האָבן גאָרנישט געזאָגט, ווייל די חדווה איז געווען זייער גרויס, און מען האָט שוין געמיינט אַז משיח קומט באַלד.

אַזוי האָבן זיך יידן געפרייט אַ גאַנצע נאַכט. פיל ניגונים זענען געזונגען געוואָרן, און פיל רמזים, פּסוקים, און גמטריות זענען גע־לערנט געוואָרן אויף דעם יאָר ווען משיח וועט קומען. און דער

אַלטער, דער שפּילער, האָט זיך אויך אָנגערופן, אַז צווישן די יוונים רעדט מען אויך זייער שטאַרק, אַז אין דעם יאָר וועלן גרויסע זאַכן געשען. אין קיעוו איז ער געווען, האָט ער געהערט דערציילן, אַז אין צערקווע האָט דער פּאָפּ אויפן באַלעמער אַ שריפט געפונען, געווען צוגעשיקט פון זייער גאָט ישוע הנוצרי, אַז זיי זאָלן זיך ריכטן אויף דעם יאָר . . .

נאָר ביי דער וואַנט, אין אַ ווינקל, זענען געזעסן דריי מקובלים וואָס האָבן נישט גענומען קיין חלק נישט אין עסן און נישט אין דער שמחה: איינער אַ דיקער, איינער אַ יונגער און איינער אַן אַלטער. דער דיקער האָט געפאַסט כדי לייכטער צו מאַכן זיין גוף וואָס איז אים זייער שווער אָנגעקומען, ווייל זיין גוף איז געווען אַ גרויסער בעל־כוח און זיין נשמה פלעגט זיך אָפט פאַרלירן אין גרויסן גוף. אַז מען האָט דערלאַנגט די גרויסע טעפּ מיט די קישקעס און די לונגען, האָט ער נישט געקענט אויסהאַלטן, ווייל די תאווה האָט זיך זייער געשטאַרקט אין אים. האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, איז די תאווה געקראָכן דורך דער נאָז און מויל, און ער האָט אָפט מאָל געעפנט זיינע אויגן און געפרעגט זיין שכן:

— וואָס עסט מען דאָרט, האַ?

— קישקע, — האָט אים דער שכן אָפּגעענטפערט.

— אַזוי? — האָט ער ביטער אָפּגעזיפצט. און כדי זיך צו פייניקן האָט ער געקוקט אויף דער קישקע.

דער זקן האָט געהאַט אַ גרויע באָרד, און דער יונגער איז געווען אַ דאַרער, הויט און ביינער. זיי האָבן אויך געפאַסט צוליב אַן ענין וואָס קיינער ווייסט נישט. האָט דער יונגער נישט געקענט צוזען די שמחה פון די יידן ,איז ער אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריגן:

— וואָס פרייט איר זיך בחינם? אין דער מגילה שטייט „ותכתוב", איז דער אות „ת" מיט אַ גרויסן כתב און דער אות „ח" פון „חור" איז אויך מיט אַ גרויסן כתב, וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט אַז די גזירה פון המן איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שנת ת"ח.

דער עולם איז געבליבן אַ דערשראָקענער און האָט זיך אומגע־קוקט ווער עס זאָגט די ווערטער.

— רשע, האָסט נישט געקענט צוזען ווי יידן פרייען זיך? אַזוי פיל דינען יידן דעם רבונו-של-עולם דורך עצבות, און טאָמער ווילן זיי אים אַמאָל דינען מתוך שמחה, לאָזטו נישט! — האָט דער זקן אָנגעשריגן אויף דעם יונגנמאַן — פרייט אייך, יידן, פרייט אייך. עס שטייט אין דער תורה: „ב„זאת" יבוא אהרן אל הקודש", וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט ב„זאת", וואָס מאַכט בגמטריא אין שנת ת"ח וועט אהרן אַריינקומען אין בית-המקדש אַריין, אין שנת ת"ח וועט די ישועה קומען.

שלמה האָט געקוקט אויף דעם אַלטן. ער האָט אים דערקענט. עס איז געווען דאָס הייליקע שניידערל.

אין דער צווייטער שטוב זענען געשטאַנען יידן איבערגעצויגן די טליתים איבער די קעפּ ווי יום-טוב און האָבן געדאַוונט, זינגענדיק הויך אויפן קול די קדושה מיט אַ יום-טובדיקן ניגון.

קאַפּיטל 2

שלמהלע קומט אַהיים

פאַר דער טיר האָט די מאַמע און די אַם אָפּגעוואַרט שלמהלען וואָס איז אַהיים געקומען פון דער ישיבה. נישט די מאַמע און נישט די אַם האָבן אים דערקענט. געענדערט האָט זיך שלמהלע, אויסגעוואַקסן אַ יונגערמאַן. עס האָט שוין געשפּראָצט דאָס שוואַרצע בערדל וואָס איז באַהאַפטן געוואָרן מיט די לאַנגע געקרייזלטע פאות. דאָס בערדל האָט געגעבן זיין פּנים אַן עלטער אויסזען. די מאַמע האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר איר זון. דער כבוד פון דער תורה האָט גערוט אויף אים און זי האָט נישט געוואוסט צי זי מעג אים דוצן. און מאַרושאַ וואָס איז געשטאַנען הינטער דער מאַמעס רוקן האָט זיך די אויגן געווישט און געכליפּעט.

— אויסגעוואַקסן איז דאָס קעלבל און דערקענט נישט די קו וואָס האָט אים געקאָרמעט.

די שענסטע שטוב פון דער קרעטשמע איז געוואָרן אָפּגעגעבן פאַרן יונגן פּאָרפאָלק. צוויי שלאָפבענק וואָס דער טאַטע האָט באַשטעלט ביים דרעקסלער פאַרן יונגן פּאָרפאָלק זענען געשטאַנען ביי דער וואַנט אין דעם נידעריקן שטיבל, באַלייגט מיט בעטגעוואַנט ביז אַ האַלבן באַלקן אַרויף. אָפּגעשיידט זענען די בעטן געווען איינס פון דאָס אַנדערע און פאַרהאַנגען מיט אַ גרין צייגן פאָרהענגל. אַ גרויסער קאַסטן, באַשלאָגן מיט אייזערנע רייפן און אַרויפגעזעצט אויף אייזערנע רעדלעך, איז געשטאַנען אין ווינקל שטוב, פול אָנגעפּאַקט מיט מלבושים און העמדער און צירונג. און אַ לעדערנער רימען איז געווען צוגעבונדען צום קופערט, כדי ער זאָל שטענדיק גרייט זיין, אין אַן עת־צרה, ווען עס וועט חלילה

קומען אַ בהלה, זאָל מען זיך קענען איינשפּאַנען אין אים און מיט־שלעפּן מיט זיך. אַ טיש צום עסן און צום לערנען, אַ הילצערנע שלאָפבאַנק און אַ וויגל מיט אַ שטענדער אָנגעגרייט פאַר דעם קינד וואָס וועט קומען. דאָס וויגל און דער שטענדער זענען געווען אַ טייל פון גאַרניטור מעבל, וואָס דער טאַטע האָט באַשטעלט פאַרן יונגן פּאָרפאָלק. נאָר דאָס וויכטיקסטע שטיק מעבל אין שטוב איז געווען די פּאָליצע מיט ספרים. די ספרים זענען געווען דער וויכטיקסטער פּונקט וואָס איז געוואָרן איינגעשריבן אין די תנאים און דער שווער דער רב האָט זייער שטאַרק אָפּגעהיט אַז דער פּונקט פון די תנאים זאָל ווערן ריכטיק אויסגעפירט. ספרים זענען געווען טייערער ווי צירונג, ווי דער נדן. און נישט נאָר בלויז מיט געלט אַליין איז דער אוצר ספרים געוואָרן איינגעשאַפט, לאַנגע יאָרן מיען זיך פון רב און די ליבע און נחת פון מענדלען האָבן דעם אוצר ספרים צוזאַמענגעבראַכט.

שטייט שוין די נעסט פאַרטיק פאַרן יונגן פּאָרפאָלק און די „זי" איז נישטאָ. ביי דער שוויגער איז דאָס ווייבל אָפּגעזעסן זעקס יאָר און געוואַרט אויף איר מאַן, ווען ער וועט צוריקקומען פון דער ישיבה אַ גרויסער תלמיד־חכם ווי איר פאָטער איז. שוין איז דער מאַן צוריק דאָ, און דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך נאָך נישט געזען. ביי דער מוטער אין שטוב האַלט זי זיך אויף ביז ערב פּסח. דעמאָלט וועט די שוויגער מיט דער מאַמען זי אַריינפירן אין דער נעסט וואָס זיי האָבן אויסגעבויט פאַרן יונגן פּאָרפאָלק.

אויף שבת הגדול איז שלמהלע פאַרבעטן געוואָרן צום שווער צום טיש. פריייטיק פאַר נאַכט, ווען ער איז אַריינגעקומען נאָך דער מקווה מקדש השבת צו זיין, אין זיין נייעם מלבוש מיט פוטער באַנייט, וואָס ער האָט זיך פון לובלין מיטגעבראַכט, האָט ער צום ערשטן מאָל זיין ווייבל דערזען. געשטאַנען איז זי אין דער צווייטער שטוב אין איינעם מיט דער רביצן, איר מוטער, און די שבת־ליכט געבענטשט. איז דאָס דבורה זיין ווייב? געדענקט האָט ער זי ווי אַ קינד, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט. און דרינען, ביי די שבת־ליכט מיט דער מאַמען, שטייט אַ יונגע יידישע בת־מלכה, אַ הויכע שלאַנקע

געשטאלט, איינגעהילט אין אַן אויסגעהאַפטענעם שלייער מיט זילבער באַניט. די געהאַפטענע הויב מיט צירונג באַפּוצט, באַדעקט איר הויכן ווייסן שטערן ווי אַ קרוין אויפֿן שלאַנקן מיידלשן קאָפּ. די ווייסע איידעלע פֿינגער פֿאַרשטעלן אירע אויגן, איר פּנים, און ער זעט נאָר איר בייגיקע יונגע פֿיגור שטיין שטאָלץ, ווי אַ יונגער ציפּרעס בוים איבער די ברענענדיקע ליכט. אירע ווייסע פֿינגער צעשפּרייטן זיך, און פֿון צווישן די דורכזיכטיקע לויכטנדיקע פֿינגער אַנטפּלעקן זיך צווי גרויסע שוואַרצע אויגן, קוקן אויף אים שטיל מיט טיפֿער בענקשאַפֿט און מיט אַ צניעותדיקער פֿאַרשעמטקייט. דאָס האַרץ שלאָגט שטאַרק און אַ בענקשאַפֿט דערוועקט זיך אין אים. אים דאַכט זיך אַז ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך די אויגן. ער האָט זיי געזען אין די לאַנגע ווינטערנעכט ביי דער גמרא אין דער ישיבה. אַ ציטערדיקע איידלקייט ציט דורך זיינע גלידער און ער קוקט צו איר, אָבער ער קען נישט אויסהאַלטן איר פֿייכטן בענקענדיקן בליק, און ער לאָזט אַראָפּ די אויגן. אַ מינוט שפּעטער הייבט ער זיי ווייטער אויף. אָבער אירע אויגן זענען שוין איצט פֿאַרשטעלט און ער זעט נאָר אירע לויכטנדיקע עלפֿנביין-פֿינגער און ער שטייט אַ פֿאַרטראַכטער.

ער הערט שוין נישט דאָס חריפֿהדיקע פּשטל וואָס דער שווער האָט מחדש געווען. עס קלערט שוין נישט דער יונגערמאַן וועגן דעם רמב"ם, מיט וועלכן ער האָט געפּלאָנט צו שטורעמען די פּעס-טונגען וואָס זיין שווער האָט אַזוי קונציק צונויפֿגעשטעלט. עס קלערט שוין דער יונגערמאַן וועגן גאַנץ אַנדערע זאַכן. די אויגן, די שוואַרצע, די שטאָלצע קאַרשנאויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך די דינע פֿינגערלעך ביים ליכט-בענטשן, שיינען איצט פֿאַר אים, און ער דערמאָנט זיך אַז ער האָט זיי געזען אַזוי אָפֿט דורך דער צייט פֿון זיין לערנען אין דער ישיבה. ווען עס איז טרויעריק געוואָרן אין די פֿאַרנאַכטן און די גרויסע שאָטנס פֿון די ווענט, פֿון די ספֿרים, האָבן איינגעשלונגען די ישיבה, האָט ער געזען די אויגן. אַזוי האָט געקוקט רבֿקה אויף יצחקן, ווען ער האָט זי באַגעגנט אויפֿן וועג. אַזוי האָט רחל געקוקט אויף יעקבֿן, ווען ער האָט זי

אָנגעטראָפן מיט די שעפסן ביים ברונעם. און אַזוי קוקט די שכינה צום רבונו של עולם, ווען זי קומט יעדן תשעה באב אויף די חורבות פון בית-המקדש און טרעפט איר פריינד דעם רבונו של עולם זיצן אין טרויער און צוויי גרויסע טרערן רינען אַראָפּ פון זיינע אויגן און זידן אויף די וואסערן פון ירדן. און אַזוי קוקט די שבת מלכתא, ווען זי נידערט אַראָפּ פון די הימלען און קומט אריין אין יידישע שטובן אריין, ווען די מאַמעס בענטשן די שבת-ליכט.

און ווי דער יונגערמאַן קלערט אַזוי, דערזעט ער פּלוצעם, ווי עס נעמט זיך פון דער צווייטער שטוב אַ הייליקע געשטאַלט. ער פילט, ווי אירע טריט דערנענטערן זיך, כאָטש ער זעט זי נישט. ער האַלט די אויגן געבויגן צו דער ערד, נאָר אינעווייניק אין אים ווערט ליכטיק און עס שימערט מיט זילבער.

אין דער טיר פון שטוב שטייט דבורה. ער האָט איר נאָך נישט אין פּנים געקוקט, נאָר עס שיינט אַ ליכט מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ אין די אויגן.

— שלמהלע, זוגתך וויל דיך זען, — זאָגט די רביצן.

שלמה האָט געעפנט די אויגן און געזען דבורהן פאַר זיך. זיי זענען געווען אַליין.

דבורה איז געווען די ערשטע וואָס האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו איר מאַן:

— שלמה, — האָט זי געזאָגט, — ווען דו ביסט אין ישיבה געפאָרן, האָב איך זייער געוויינט. איך האָב נישט געוואָלט אַז דו זאָלסט אין ישיבה פאָרן, ווייל איך בין אַ קינד געווען און האָב נישט געטאָן פאַרשטיין, אַזוי האָסטו מיין געוויין איינגענומען און האָסט מיר געטאָן עפּעס פאַרשפּרעכן. אַזוי בין איך געקומען איצט מאָנען פון דיר, צי דו האָסט דיין פאַרשפּרעכן געהאַלטן?

שלמה האָט נישט געענטפערט, נאָר ער איז צוגעגאַנגען צום קאַסטן, אויפגעעפנט און געזאָגט:

— דאָ האָסטו וואָס איך האָב דיר געטאָן פאַרשפּרעכן.

דאָס מיידל איז געבליבן שטיין פאַרן קופערט אַ פאַרוואונדערטע און אַן איבערראַשטע. פון קאַסטן האָבן אַרויסגעשיינט די גאָלדענע שיכלעך. זי האָט זיי אַרויסגענומען און באַקוקט די הויכע אָפּצאַסן, לויט וואַרשעווער אַרט געמאַכט, און דאָס סלוצקער זיידן געוועבטע קאַפּטנדל מיט עטרה-זילבער באַנייט.

לאַנג האָט דבורה באַטראַכט דעם מאַנס מתנות. נאָך דעם האָט זי זיך פון קאַסטן אויפגעהויבן און געזאָגט:

— אַזוי, האָסטו מיך נישט געטאָן פאַרגעסן. אַזוי גאָר, ווען דו ביסט אַזוי ווייט געווען פון דאַנען און אַזוי לאַנג, האָסטו דאָך געטאָן אין מיר געדענקען און דיין לייטזעליקייט מיר געשאָנקען.

— דו ביסט דאָך מיין ווייב, מקודש געוואָרן צו מיר כדת משה וישראל, — האָט דער מאַן אָפּגעענטפערט.

— איך ווייס נישט, צי איך בין ראוי צו זיין דיין ווייב, שלמה. איך בין אַ זינדיקע אשה, ווייס נישט ווי מיט גאָט און לייטן אומ-צוגיין. איך בין אומגעלערנט און דו ביסט דאָך אַ גרויסער תלמיד-חכם, פיל תורה האָסטו דאָך אין דער ישיבה געלערנט און פיל לייטישקייט ביי מענטשן אין דער פרעמד.

— גאָט האָט דיך געטאָן באַשענקען מיט זייער פיל חן, דבורה, אַזוי ווי די מאַמע רחל, — האָט שלמה געזאָגט אין דער שטיל.

דבורה האָט אים אָנגעקוקט מיט איר פייכטן בליק, וואָס שלמה האָט נישט געקענט אויסשטיין. אַ מינוט האָט זי געשוויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— אויף דעם האָב איך ביי גאָט געטאָן בעטן ביי טאָג און ביי נאַכט, אַז ער זאָל מיר חן געבן אין דיינע אויגן. היינט, אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, וואָס דאַרף איך נאָך מער?

— וואָס האָסטו געטאָן דורך דער גאַנצער צייט, ווען איך בין אין ישיבה געווען, דבורה?

— די מאַמע האָט מיך געלערנט ווי אַ גוט פרום ווייב צו זיין,

און די שוויגער האָט מיך געלערנט ווי אונדזערע קינדער צו דערציִען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

שלמה איז צוגעגאַנגען צו איר, אָנגערירט מיט דער האַנט איר הייבל, נישט קוקנדיק אויף איר.

— גאָט זאָל אונדז געבן נחת און פרייד אַלע אונדזערע טעג, דבורה.

— אָמן! — האָט דבורה אָפּגעענטפערט.

קאפיטל 3

שבועות

איבער דער וועלט איז געקומען דער שיינער יום־טוב פון קבלת התורה און אין איינעם מיטן יום טוב דער פרילינג אין סטעפּ. זלאַטשעוו איז פאַרפלייצט געוואָרן אין אַ טייך פון פייכטן גרינעם סאַמעטענעם גראָז וואָס האָט אַריינגעשטראָמט פון סטעפּ אין שטעטל אריין.. דאָס גרינס האָט געשפּראָצט פון אַלצדינג אויף וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און נישט נאָר די דעכלעך פון די הייזער האָבן געבליט און די ווענט פון די הייזער. עס האָט אוים־געזען ווי די הייזלעך וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, באַצירט און באַבלימלט מיט ווילדן וויין, וואָס האָט געקלעטערט אויף די ווענט. און זייערע קעפּ האָבן באַשיצט קרוינען גרינע צווייגן פון די ליפּע־ביימער, וואָס זענען געקראָכן איינער צום אַנדערן און איינגעפלאָכטן זיך און געהאַנגען איבער די הייזלעך ווי אַ חופּה. יעדער רינשטאָק אין זלאַטשעוו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלומען־קאָרעטע, און יעדער זומפּ איז צוגעדעקט געוואָרן מיט „פאַרגעס־מיך־ניט"; געל־גאָלדענע „אייגעלעך" האָבן אַראָפּגעוואונקען פון די מאָך־באַוואַקסענע דעכער. אין יעדן פענצטער פון זלאַטשעוו האָבן אַרויסגעקוקט הויכע קוסטעס פון יאַסמין און ווייסער בעז האָט באַשמעקט די שטיבלעך.

און איבער זלאַטשעוו האָבן גענומען יאָגן די פרילינגסווינטן פון סטעפּ, ווינטן פון באַפרייטע קוועלנדיקע וואַסערן וואָס זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון געפרוירענעם אייז, ווינטן פון דעם גרויסן גרינעם ים וואָס גיסט זיך אַרום זלאַטשעוו מיט זיינע בערגלעך און טאָלן, מיט זיינע בליענדיקע וועלדער און באַבלומטע סטעפּעס.

און עס זענען געקומען די פּאַרנאַכטן ווען די ביימער און דאָס גרינס האָט זיך אָנגעהויבן צו הילן אין טונקעלע שאָטנס; איז זלאָטשעוו געווען אין סכּנה אין גאַנצן פאַרפלייצט צו ווערן אין דער גרינער סטעפּ און קיינמאָל ניט אַרויסצוקומען מער.

ערב שבועות, ווען די קינדער פון זלאָטשעוו האָבן זיך געשפּילט אַרום דעם קלאָץ ביים שטאָטברונעם וואָס איז געשטאַנען אין מאַרק, איז פון וועג אָנגעקומען אַן אַלט יידל מיט אַ קליין ווייס רונדיקן בערדל און האָט געטראָגן אַ גרויסן זאַק און אַ גרינעם צווייג-שטעקן אין האַנט. די קינדערלעך האָבן זיך צוגעקוקט מיט נייגעריקייט צום פרעמדן וואָס קומט אַן אין שטעטל, ווייל זעלטן-ווען האָט זלאָטשעוו געהאַט אַן אורח. פּלוצעם האָט זיך אַ יינגל מיט געקרייזלטע פּאותלעך און באַרוועסע פיס אויפגעכאַפּט פון קלאָץ און געשריגן:

— דאָס שניידערל גייט, דאָס שניידערל גייט!

די קינדער האָבן דערקענט דאָס שניידערל און זענען אים אַנטקעגן געלאָפן, מיט אַרויסגעשטאַרצטע העמדער פון זייערע הייז־לעך, און מיט פנימער, איינגעשמירטע פון יאַגדעס.

— שניידערל, שניידערל, האָפּ! האָפּ!

— אַוועק! אַוועק! — האָט דאָס שניידערל געמאַכט מיטן שטעקן.

— קומט צו אונדז אַהיים, שניידערל.

— צו אונדז, צו אונדז!

— ניין, צו אונדז! איר וועט שלאָפן אויף דער שלאָפבאַנק.

אָבער דאָס שניידערל האָט געהאַט זיין אייגענע אכסניא אין שטעטל. דאָס איז געווען אין פּאָליש ביים שולכל. די קינדער האָבן אים באַגלייט מיט פרייד אין שולכל אַריין. דאָרט אין פּאָליש האָט ער אַוועקגעלייגט זיין גרויסן זאַק פון וועלכן ער האָט אַרויסגענומען מתּנות און געטיילט די קינדערלעך: איינעם אַ פייפל, אויסגעשניטן פון אַ צווייגל; אַ צווייטן אַ האָניק-קיכל וואָס ער האָט באַהאַלטן פאַר אים פון לעצטן שטעטל, און אַ דריטן וואָס האָט שוין געקענט לייענען — אַ ספרל. און אַזוי ווי עס איז נאָך געווען גענוג צייט

אין מקווה צו גיין, האָבן זיך די קינדער געקליבן אַרום אים, און ער האָט זיי גאָר אַ שיין געזאַנג אויסגעלערנט צו זינגען לכבוד יום-טוב.

יום טוב אין אָוונט האָבן זיך די זלאַטשעווער באַלעבאַטים געריסן איבער דעם שניידער, ביי וועמען ער זאָל יום-טוב עסן. אַלע האָבן געוואָלט פאַרדינען די מצווה פון הכנסת אורחים, ווייל זייער זעלטן האָבן זיי געקענט מקיים זיין די מצווה אין זלאַטשעוו.

דעם ערשטן טאָג יום-טוב האָט ער געגעסן ביי מענדלען, וואָס דאָס איז זיין חזקה געווען, ווייל ער איז געווען דער פרנס. אוןביים טיש איז דאָס שניידערל גאָר פריילעך געווען, געזונגען און גערעדט, וואָס איז גאָרנישט זיין מנהג געווען. ער האָט זיך זייער געפרייט איבער שלמהלען וואָס איז שוין פון לובלינער ישיבה געקומען און געפאָדערט פון אים שכר-לימוד-געלט, וואָס ער האָט אים אויסגע-לערנט דאַווגען, און שלמהלע האָט אים מכבד געווען דערפאַר מיט אַ כוס מעד. אַז דאָס שניידערל האָט געטרונקען דעם מעד, האָט ער געקרעכצט.

— אויסגעוואַקסן זלאַטשעוו אַן עיר ואם בישראל נעבעך.

האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען זיין קרעכצן און זיין „נעבעך".
מען האָט זיך זייער געוואונדערט דעריבער, און קיינער האָט אים נישט איבערגעפרעגט, ווייל וואונדערלעך זענען געווען די וועגן פון שניידערל.

צומאָרגנס באַגינען, דעם צווייטן טאָג יום-טוב, איז שלמהלע געזעסן ביי זיך אין שטיבל און האָט געלערנט זיין שיעור. די פענצ-טערלעך זענען געווען אָפן און עס האָבן אַריינגעקוקט אין דעם נידעריקן שטיבל אַריין די ביימער וואָס זענען געוואַקסן הינטערן פענצטערל. אַ זים קול פון די פייגל האָט זיך געהערט פון דרויסן. און אַ זיסער האָניק-געשמאַק האָט זיך געטראָגן פון די ווייסע האָניק-בלומען פון דער סטעפּ און האָט אָנגעפילט דאָס קליינע נידעריקע שטיבל פון דעם יונגן פּאַרפּאָלק. דאָס ווייבל איז געשטאַנען איבערן קופערט און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אירע שיינע

קליידער און אירע צירונגשטיקער, און מיט זיי זיך אויסגעפוצט און אויסגעצירט צו גיין מיט דער שוויגער אין שול אריין. א גרויסער חן איז געלעגן אויף איר אין דעם יום-טובדיקן פרילינג-פרימארגן. אירע באקן זענען איידל געווען. עס האט נאך גערוט אויף זיי די פרייד פון דער נאכט, און אירע גרויסע אויגן זענען באצויגן געווען מיט א גלאנציקן טוי, אזוי ווי זיי וואלטן זיך נאך נישט אויפגעוועקט פון דעם נאכט-חלום פון וואנען זיי קומען. און א גרויס ליבשאפט האט אין דעם יונגנמאנס הארץ זיך אנגעצונדן צו זיין ווייב, און א גרויס רחמנות און איידלקייט האט ער געפילט צו איר. און איר הארץ איז אויך פול געווען מיט ליבשאפט צו אים, ווייל זיין קול התורה יום-טוב אין דער פרי האט געקלונגען זייער זיס אין אירע אויערן, ווי דאס קול פון די פייגל וואס זענען גליקלעך. ווארעם זיי האבן זיךביידע זייער ליב געהאט, אזוי ווי עס איז די טבע פון יונגע מענטשן די ערשטע צייט נאך דער חתונה. אזוי האט ער מער לערנען נישט געקענט, האט ער זיין שטריימל אויף דער גמרא ארויפגעלייגט און האט זיך אין שטוב ארויף און אראפ געדרייט. און זי, דאס יונגע ווייבל, האט זיך געטאן פוצן און צירן פאר אים מיט אירע שיינע זאכן. און ווען זי איז שוין געווען גאר שיין אויסגעצירט, האט זי זיך פון קאסטן אויפגעהויבן און איז צוגעגאנגען צו איר מאן, אז ער זאל זי בענטשן פארן שול-גיין. אזוי האט ער זיינע צוויי הענט ארויפגעלייגט אויף איר שיינעם קאפ און אזוי געזאגט:

— דיין שיינער חן זאל קיינמאל נישט ווערן אפגעטאן פון דיר ווי פון אונדזער מאמע רחל.

און דאס ווייבל האט גענומען איר קרבן-מנחה-סידור, מיט די זילבערנע טאוולען, וואס דער שווער האט איר געשאנקען, און איז מיט גרויס פאראד, אויסגעצירט אין אירע יום-טובדיקע קליידער, אין שול געגאנגען.

דער עולם איז געווען אין שול פארזאמלט. אויסגעצירט לכבוד יום-טוב שטייען די ווייבער אין דער ווייבערשער שול, און דורך

די קליינע פאַרהאַנגענע שטאָכעטלעך קוקן זיי אַראָפּ אין דער מענער־שול אַריין. צווישן דער מאַמען און דער שוויגער שטייט דבורהלע, אויסגעפּוצט אין דעם נייעם שטערנטיכל, מיט דעם גרויסן שמוקשטיק באַהאַנגען, וואָס דער שווער האָט איר געשאָנקען ווען זי איז געקומען צו אים לכבוד יום־טוב, אָנגעטאָן אין די גאָלדענע שיכלעך, וואָס שלמהלע האָט איר פון דער ישיבה געבראַכט. זי קוקט אַראָפּ און זי זעט דורך די שטאָכעטלעך ווי שלמהלע, איינגעהילט אין גרויסן טלית, שטייט אויפן באַלעמער און האַלט די ספר־תורה אין דער האַנט מיט זייער פיל ליבע און זינגט אַ ליד לכבוד יום־טוב. מיט זיין זיסער שטים צערטלט ער ווי אַ זינג־פויגל דעם ניגון פון אקדמות און לייגט אין וואָרט אַריין אַלע טעמים פון טראָפּ. און ווי דבורה הערט זיך אַזוי איין אין שלמהלעס קול, קומען זייער זיסע געדאַנקען וואָס גנבענען זיך אַריין און רופן אַרויס צערטלעכע רויטלעכקייט אויף דעם ווייבלס באַקן און אַ פייכטן שעמעדיקן בליק אין די אויגן. זי באַהאַלט אירע אויגן אין דער פלאַכקייט פון אירע הענט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז די מאַמע זאָל נישט אַראָפּלייענען פון איר פּנים דעם זיסן געדאַנק וואָס זי קלערט . . .

און נאָך ווי אין אַ חלום הערט זי דאָס געזאַנג פון איר מאַנס שטים, ווען פון דרויסן רייסט זיך אַריין אַ גוואַלד און פאַרטויבט דאָס יום־טוב־געזאַנג. קיינער דערוועגט זיך אָבער נישט דעם טלית אָפּצוּלייגן, אַרויסצוגיין זען וואָס עס איז געשען. און שלמהלע מיט זיך העכער אויפצוהייבן זיין שטים און נאָך מיט מער טעם צו באַזיסן זיין געזאַנג, אָבער דער רעש פון גאַס קומט נענטער אַריין אין שול און פאַרטרייבט דעם יום־טוב. דאָ און דאָרט רוקט זיך שוין ווער אַרויס פון שול. עס קלאַפּט דער גבאי אויפן באַלעמער, און באַלד רייסן זיך אין שול אַריין ווייבער, קינדער און מענער, און אַ געמורמל גייט דורך:

— שלוחים געקומען!

— פון קאַרסון צוויי שלוחים געקומען!

— אויף פערד געקומען צו רייטן, יום־טוב מחלל געווען!

— עס איז סכנת נפשות.

עס הערט שוין נישט קיינער שלמהלעס צערטלען זיך, פֿאַר־שטומט איז געוואָרן דאָס יום־טוב־געזאַנג. מענדל קלאַפּט אויפֿן באַלעמער, דער עולם לויפֿט אַריין און אַרויס פֿון שול.

מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ וויינען.

— וואָס איז געשען?

— שאַ, שאַ, — קלאַפּט מענדל אין באַלעמער.

אין דעם רייסט זיך די טיר פֿון שול אויף און אַ שרעקעדיק קול רופֿט:

— ייִדן, זייט אייך מציל דאָס נפש!

קאַפּיטל 4

גלות זלאַטשעוו

אויפן יום-טובדיקן באַלעמער, באַפּוצט מיט גרינס לכבוד שבועות, צווישן די זילבער-באַקליידטע ספר-תורות, שטייען צוויי וואַכעדיקע יידן, פאַרשטויבט פון וועג, וואָס זענען אום יום-טוב געקומען צו רייטן.

— כמעלניצקי הרשע האָט די צוויי פּוילישע גענעראַלן פּאָ-טאָצקי און קלינאָווסקי מנצח געווען, — דערציילן די יידן — און ער ציט מיט זיינע חיילות אויף גאַנץ אוקראַינע. דער כאַן פון די טאַטערן גייט מיט אים, די קהילה פון קאָרסון האָט ער חרוב ומחריב געמאַכט. פיל יידן זענען אומגעקומען. עס זענען נאָר ניצול געוואָרן די רייטער, וואָס זענען אום יום-טוב געקומען אַריינ-צורייטן קיין זלאַטשעוו, כדי אָנצוזאָגן אחינו בני ישראל פון זלאָ-טשעוו, אַז די סכנה איז זייער גרויס, און זיי זאָלן נישט קוקן אויף דעם יום-טוב נאָר מציל זיין זיך דאָס נפש, וואָרעם כמעלניצקי מיט די יוונים און טאַטערן ציען אַהער צו דער שטאָט צו.

איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה אין שול. די ווייבער האָבן געכאַפּט די קליינע קינדער אויף די הענט און נישט געוואוסט וואו צו לויפן. טייל האָבן געשריגן אַז מען זאָל די פערד שפּאַנען צו די בוידן און אַנטלויפן פון שטאָט אום יום-טוב. אָבער קיינער האָט זיך נישט דערוועגט דאָס צו טאָן. זיי האָבן זיך גאָרנישט געקענט פאַר-שטעלן אַז זייער לעבן זאָל אונטערגעשניטן ווערן אַזוי אומגעריכט. קיינעם האָט זיך נישט געהויבן די האַנט צום באַוועגן אַ זאַך אין דעם שיינעם יום-טוב. און דערווייל זענען וואָס אַ מאָל מער פרויען, מענער און קינדער געקומען אין שול צו לויפן, אַזוי ווי זיי וואָלטן

געזוכט זיך צו באַהאַלטן אין גאַנץ הויז. קיין איינער אין שטאָט איז אין שטוב נישט געבליבן, אַלע האָבן געפילט אַז זיי מוזן זיין צוזאַמען אין דער שול.

איז דער פּרנס, מענדל, אַרויף אויפן באַלעמער אַ בלייכער און געקלאַפּט אויפן טיש און געזאָגט אַזוי:

— יידן, מיר וועלן נישט גיין פון דאַנען! מיר האָבן אַ ישוב געבויט, אַ שול. אויף וועמען וועלן מיר דאָס אַלץ לאָזן? עס קען דאָך נישט זיין, אַ וועלט קען דאָך נישט חרוב ווערן! אַ טאָג, צוויי, און הילף וועט קומען. דער שר וווישניאָוויעצקי וועט אָנציען מיט פּוילישן חייל, אויך אַנדערע שררים. מיר וועלן זיך דערווייל אויס־באַהאַלטן, איינשליסן זיך אין שול, און אפשר האָט כמעלניצקי אָפּגעצויגן מיט זיינע חיילות קיין טשירין. ער האָט דאָרט זיין היים — וואָס האָט ער צו אונדז? מיר האָבן אים קיין שלעכטס נישט געטאָן. נעמען אַ שטאָט און חרוב מאַכן בידים, לאָזן אַלצדינג אויף הפקר? מיר וועלן נישט גיין!

מענדלס רייד האָבן באַרואיקט. די יידן, וואָס זענען דאָ געווען לכתחילה, ווי מען האָט געבויט דעם ישוב, איז זלאַטשעוו אַזוי טייער געווען, אַז זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם שטראַל האָפענונג, וואָס דער פּרנס האָט זיי געגעבן, אַז כמעלניצקי האָט אָפּגעצויגן קיין טשירין, ווייל דאָרט האָט ער זיין היים. דאָס אומגליק איז געקומען איבער זיי אַזוי פּלוצעם, אַזוי אומגעריכטערהייט, אַז זיי האָבן גאָר נישט געקענט פאַרשטיין די סכנה. און באַלד האָט זיך אַרום מענדלען געקליבן אָן עולם יידן, בעל־מלאכות, פערד־סוחרים, וואָס זענען אַרומגעפאָרן אין סעטש און האָבן געהאַנדלט מיט די קאָזאַקן, אָפּט־מאָל זיך דאָס לעבן איינגעשטעלט און זענען געווען גיבורים, יידן מיט אָפּגעברענטע פּנימער פון דער סטעפּישער זון, מיט שטאַרקע שוואַרצע בערד און הויכע ברעמען, יידן מיט ברייטע אַקסלען און גרויסע שווערע הענט — הענט וואָס האָבן געבויט שטעט, און זיי האָבן מיטגעשטימט מיטן פּרנס:

— ווער עס וויל גיין, זאָל גיין. מיר וועלן מיט אונדזער פּרנס בלייבן.

— מיר ווען מיט אונדזער שול בלייבן.

— די שול, אויף וועמען וועט איר פאַרלאָזן די שול? די יוונים וועלן זי דאָך פאַרברענען!

אין שול איז שטיל געוואָרן. דער רב האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויף אויפן באַלעמער און געקלאַפּט אין שולחן:

— יידן טאָרן נישט איינשטעלן דאָס לעבן בחינם. ושמור את נפשך שטייט אין דער תורה. און אַ מאבד את עצמו לדעת האָט קיין חלק לעולם הבא. און פקוח נפש איז אפילו דוחה שבת, אפילו יום-כפור. דורך דעם בין איך גוזר בתור רב אויפן פרנס הקהל, אַז ער זאָל דער ערשטער נעמען און שפּאַנען דעם וואָגן און גלייך אַרויס פון דער שטאָט, וואָרעם עס איז גרויס סכנת נפשות.

דער פרנס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז געבליבן זיצן אויפן באַלעמער.

— ווער עס וויל גיין, זאָל גיין. איך וועל דאָ איבערבלייבן מיט דער שול. גאָט האָט געבויט אַ שול, וועט ער זי באַשיצן, און אויף הפקר איבערלאָזן אַ שטאָט וועל איך נישט.

דער עולם, דערזעענדיק אַז דער פרנס בלייבט, האָט זיך נישט געאיילט אויסצופירן דעם רבס געבאָט. אַרום מענדלען האָבן זיך צונויפגעקליבן די יידן קצבים, פערדהענדלער, סוחרים פון סעטש — און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט דער ערשטער מחלל צו זיין דעם יום-טוב.

אין שול איז געוואָרן זייער שטיל. אַלע האָבן געקוקט אויפן רב, וואָס דער רב וועט טאָן. נאָר דער רב האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט, איז אַרויפגעגאַנגען צום ארון, אַרויסגענומען צוויי ספר-תורות אויף יעדע הענט, און האָט גענומען אַרויסטרעטן פון שול.

— יידן, ראַטעוועט די ספר-תורות! — האָט דער רב געזאָגט.

נאָר דער רב האָט עס שוין נישט געדאַרפט זאָגן. ווען מען האָט געזען אַז ער טראָגט אַרויס די ספר-תורות פון שול, איז געוואָרן אַ גרויסע יללה. ערשט איצט האָט מען פאַרשטאַנען דאָס אומגליק. מען האָט זיך דערמאָנט, ווען מען האָט די ספר-תורות אַריינגעשטעלט אין שולכל. האָט מען שרעקלעך אָנגעהויבן צו וויינען.

קיינער האָט גאָרנישט געקענט רעדן. קיינער האָט גאָרנישט געקענט טראַכטן. מען האָט גענומען די ספר־תורות און דער עולם איז אַרויס פון שול נאָכן רב.

דער אַלטער ר׳ שמואל האָט שוין נישט געלעבט. אַזוי האָט זיין ספר־תורהלע גענומען אַן אַנדער ייד אויף די הענט און האָט עס אַרויסגענומען פון שול.

און דער רב האָט זיך אָנגערופן:

— יידן, זייט מחלל יום־טוב, איך בין גוזר אויף אייך! שפּאַנט די וועגן און ראַטעוועט דאָס ביסל גוטס. איך וועל עס אויך טאָן.

דער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזט נאָכן רב פון שול. עס איז שוין געוואָרן אַ געלאַף. דאָ און דאָרט האָט מען שוין פערד צו די בוידן געשפּאַנט. מען איז פאַרפאָרן מיט די בוידן, קינדער אויפגעזעצט, גוטס פון הייזער געשלעפּט, ספרים און בעטגעוואַנט. טייל האָבן פון די הייזער אַרויסגעצויגן די קאַסטנס, אין וועלכע זיי האָבן געהאַט זייערע פאַרמעגנס, איינגעשפּאַנט זיך אין די רימענס און געשלעפּט די קופערטן אויף די רעדלעך איבער דער גאַס צום בית־עולם. אַנדערע האָבן געכאַפּט וואָס איז זיי צום ערשטן אין האַנט געקומען: אַ כלי, אַ בגד, אַ שטיק מעבל. אַנדערע זענען נאָך געווען אין די טליתים אָנגעטאָן, פון דאַווענען. און זלאַטשעוו איז אַרוים נאָך זייער רב פון שטאָט אויפן וועג קיין נעמיראָוו.

און אין שול אויפן באַלעמער איז אַליין געזעסן דער פּרנס הקהל, אַזוי ווי אַ שטיין, האָט געהערט די טריט פון די פערד, דאָס גערויש פון די רעדער. דאָס לויפט זלאַטשעוו, זלאַטשעוו רינט אוים — און ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַרום אים זענען געווען פאַרזאַמלט די בעלי־מלאכות און די פערד־סוחרים און האָבן געשוויגן.

שלמהלע איז געשטאַנען לעבן פאָטער. ער האָט אויך געהאַלטן מיטן רב אַז פּיקוח נפש איז דוחה אַלץ און געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל פאַרלאָזן די שול און מיטגיין מיט די יידן. נאָר דער פאָטער איז אַלץ געזעסן ווי אַ שטיין:

— גאָט האָט געבויט אַ שול, וועט ער זי באַשיצן, — האָט דער פּאַטער געברומט אין דער באָרד אַריין.

געזען אַז דער פּאַטער בלייבט, איז ער אויך געבליבן מיטן פּאַ־טער. און אין איינעם מיט אים דבורה מיט מענדלס גאַנצער משפּחה. און די אַלטע גויע מאַרושאַ איז געשטאַנען ביי דער טיר פון שול און געוויינט.

— פּאַניטשו, אַנטלויף, די ברידערלעך וועלן קומען פון סטעפּ, זיי וועלן קיינעם נישט שוינען, ראַטעוועט זיך דאָס לעבן.

נאָר קיינער האָט זי נישט באַמערקט, ווייל זי האָט זיך נישט דערוועגט אין שול אַריינצוגיין, נאָר געשטאַנען ביי דער טיר און געוויינט פאַר זיך.

די געוואַלדן און דער געלאַף פון דרויסן האָבן זיך שוין אָנ־געהויבן איינצושטילן. זלאַטשעוו איז געוואָרן ליידיק און אויס־גערונען. די סטעפּ האָט צוריקגעקראָגן איר חלק וואָס מענטשן האָבן גערויבט פון איר. אין שול איז איצט שטיל געוואָרן. אַ קאַלטקייט האָט געבלאָזן פון די באַהאַלטענע ווינקעלעך. דורך די צוויי רויט־בלויע פענצטערלעך וואָס זענען געווען אין באַלקן האָבן אַריינ־געדרונגען צוויי שטראַלנדיקע זיילן און האָבן זיך איבערגעוואָרפן איבער דער שול, באַלייכטנדיק דעם אָפענעם אָרון מיט די נאַכט־שטערן, וואָס זענען אויסגעמאָלט אויף אים. פאַרן עמוד האָט זיך געברענט איינזאַם אַ ליכט וואָס דער שמש האָט געהאַט אָנגעצונדן צום יום־טובדיקן דאַווענען. אַרום דעם באַלעמער האָבן נאָך גע־האַנגען די גרינע קוויטשערס און גרינס, וואָס איז געווען דער מנהג צו באַפּוצן די הייזער און די שול לזכר דעם באַרג סיני. אויפן באַלעמער זענען געזעסן די איינזאַמע וועכטער, דער פּרנס מיט די יידן וואָס זענען איבערגעבליבן מיט אים צו היטן די שול.

פּלוצעם האָט זיך ווער אויפגעהויבן פון אַ ווינקל און איז צוגעקומען צום באַלעמער. עס איז געווען דאָס שניידערל. קיינער האָט ביז איצט נישט באַמערקט, ווי ער איז געזעסן די גאַנצע צייט אין אַ ווינקל און זיך געזאָגט זיינע קאַפּיטלעך תהילים. מענדל

מיט די יידן האָבן זיך פאַרוואונדערט ווען זיי האָבן אים דערזען. דאָס שניידערל האָט זיך צוגעקוקט צו די יידן און אַזוי געזאָגט:

— איר היט די שול? מיט וואָס וועט איר זי באַשיצן? מיט גבורה? באַדאַרף דען גאָט אייער גבורה? איז דען נישט אַ שטיין, אַ שטיק האָלץ שטאַרקער פון אייך? פעלט דען גאָט גבורה?

קיינער האָט אים נישט אָפּגעענטפערט.

האָט זיך פּלוצעם געזען פון ווינקל, פון וואַנען דאָס שניידערל איז אַרויסגעקומען, אַ בלאַס פייער אויפפלאַמען. דאָס פייער האָט אונטערגעכאַפּט דאָס פּרוכתל וואָס איז געהאַנגען פאַרן ארון וואָס איז געווען דערביי. און באַלד האָט דער עמוד אַ דורכגעווייקטער אין אייל געפלאַקערט אין פייער.

— פייער, פייער, די שול ברענט!

— ווער האָט עס געטאָן? — האָבן זיך די יידן אויפגעכאַפּט און געוואָלט צולויפן צום פייער.

— שטייט, איך האָב עס געטאָן! — האָט דאָס שניידערל צוריק־געהאַלטן דעם עולם. — אַז דער רבונו־של־עולם איז געגאַנגען די יידן אַרויסטרייבן פון ארץ־ישראל, זאָגט די גמרא, זענען די יידן חייב מיתה געווען. אַזוי האָט גאָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף שטיינער און אויף העלצער. ער האָט דאָס בית־המקדש פאַרברענט און יידן מציל געווען. וואָס ווילט איר בעסער זיין פון רבונו־של־עולם? וואָס זענט איר געגאַנגען באַשיצן, שטיינער און העלצער? באַהאַלט אייער גבורה, גאָט וועט דאַרפן אייער גבורה פאַר אַ העכערן ענין, ווען עס וועט קומען די צייט, ווען מיר וועלן זוכה זיין דערצו. זייט מציל די נפשות, זיי געהערן נישט צו אייך, זיי געהערן צו גאָט!

די יידן האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם שניידערס רייד. איינ־ציקווייז האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַרויסצורוקן פון דער שול, און עס איז שוין נישט געווען וואָס צו באַשיצן אויך. פּרוכתן, דורכ־געזאַפּטע מיט אייל, און דאָס האָלץ האָבן זיך געצונדן ווי קינעלער.

— גלייכער אַזוי! מיר האָבן זי פאַרברענט אַליין איידער די גויים האָבן זי אומריין געמאַכט. קומט, יידן, לאָמיר שפּאַנען די

וועגן! — האָט דער פּרנס געשריגן, און האָט גענומען די אייגענע און איז אַרויס פון דער שול.

— שטייט אויף, אַלטע, העלף בינדן די זאַכן, עס ווערט שפּעט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין הלל צוגעפאָרן מיט דער בויד פאַר דער קרעטשמע, און פון שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו טראָגן די ספרים און די קופערטן. עס איז שוין געווען די העכסטע צייט, ווארעם אין קרעטשמע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט דער פּאָפּ מיט אַ פּאָר קאַזאַקישע פּויערים און האָבן אָנגעהויבן צו ראַבעווען דעם בראַנפן פון קרעטשמע.

— איך האָב דיר שטענדיק געזאָגט, אַז די ברידערלעך וועלן קומען פון סטעפּ. אויף לייכטע פערדלעך קומען זיי צו פליען, דער מלאך מיכאל באַגלייט זיי — האָט דער פּאָפּ, אַ שיכורער שוין פון בראַנפן, געוואַקלט זיך און געשריגן גוטמוטיק צו מענדלען.

— דו הינטישער זון, — קלאַפּט מאַרושאַ מיט אַ פּאַנטאָפל דעם שיכורן פּאָפּ איבער קאָפּ — אַז דער פּאַן איז ניטאָ, קריכן די חזירים פון דער רובע אַרויס.

און ווען דעם פּרנסעס בויד האָט די לעצטע פאַרלאָזן זלאַ־טשעוו, האָט זיך מענדל אומגעקוקט צום לעצטן מאָל אויף דער שטאָט. ער האָט געזען ווי די שול ברענט אַן איינזאַמע און עס האָט אים דערמאָנט אין אַ ברענענדיק ליכט נאָך אַ טויטן.

קאַפּיטל 5

נעשה ונשמע

איבער דער סטעפּ האָבן זיך געשלעפּט לאַנגע קאַראַוואַנען בוידן מיט יידישע ווייבער, קינדער און בעטגעוואַנט, וואָס האָבן אָנ־געצויגן פון דער גאַנצער געגנט אַרום — קיין נעמיראָוו. ביי נאַכט האָט מען מורא געהאַט ווייטער צו פאָרן פאַר חיות־רעות, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וואַסער. די ווייבער און די קינדער זענען געפאַלן אין שלאָף, און די מענער האָבן זיך געשטעלט אויף דער וואַך אָפּצוהיטן די בוידן פון חיות־רעות און שלעכטע טאַטערן.

האָבן זיי אָנגעלייגט אַ פייער. די אַלטע יידן זענען געזעסן אַרום פייער און האָבן געזאָגט פרומע קאַפּיטלעך תהילים און די יונגע זענען געשטאַנען אויסקוקן.

עס איז געווען דער צווייטער טאָג שבועות אויף דער נאַכט, ווען יידן זענען זיך משמח מיט דער תורה. דאָס פרומע שניידערל האָט נישט געלאָזט דעם עולם אַריינפאַלן אין עצבות.

— יידן, לאָמיר זיך משמח זיין מיט דער תורה!

דער עולם האָט אים ניט אָפּגעענטפערט. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע ענינים. דער צער פון פאַרלאָזן די שטאָט איז ביי זיי געווען זייער גרוים און זיי האָבן פאַרגעסן אין יום־טוב, אין בטחון אין רבונו־של־עולם. דורך דעם האָט אים קיינער נישט אָפּגעענטפערט.

— קליינע יידן, שוין ביים ערשטן נסיון פאַרלירט איר דעם בטחון! — האָט ווער געזאָגט צווישן עולם.

— און אפשר איז עס אַ דרך אַזעלכער. ער וויל זען די יידן

משמח זיין זיך מיט דער תורה נישט אין די הייזער אין שטאָט, אין די שולן, נאָר אויפן נאַקעטן פעלד.

— און די יידן וואָס האָבן מקבל געווען די תורה אויפן הר סיני האָבן אויך נישט געהאַט קיין שטאָט און קיין הייזער, און קיין שולן נאָך נישט, נאָר זענען געלעגן אין נאַקעטן פעלד ווי מיר — און דאָך האָבן זיי געזאָגט „נעשה ונשמע".

— „נעשה ונשמע"! — האָט זיך ווער אָנגערופן צווישן עולם.

און עס איז געווען ווי אַ טרייסט וואָלט אַריינגעפאַלן אין עולם, ווי אַ פונק פון האָפענונג האָט אָנגעצונדן זייערע הערצער און עס האָט זיך צעפלאַקערט דער בטחון. יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, צו זען דעם טעם, און באַלד האָט ווער פון זיי דאָס ספר־תורהלע אַרויסגענומען, דאָס זלאָטשעווער ספר־תורהלע וואָס איז געגאַנגען מיט די יידן אין גלות אַריין, און אַלע האָבן הויך אויפן קול אויסגעשריגן: נעשה ונשמע. און דער עולם נאָך אים האָט שוין אָפּגעענטפערט מיט אַ הילכיק קול: — נעשה ונשמע!

אימיצער האָט אָנגעהויבן צו זינגען הלל, קאַפּיטלעך תהילים, דער עולם נאָך אים. די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געזען דאָס ליכטיקע פייער וואָס ברענט זיך אין סטעפּ, און די יידן טאַנצן מיט זייערע ספר־תורהלעך אַרום פייער:

— נעשה ונשמע.

און די סטעפּ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג סיני.

הויך האָט געקנאַקט דאָס פייער, און די יידן מיט די ספר־תורות אַרום פייער, און וויט און ברייט האָט אָפּגעקלונגען אין סטעפּ:

נעשה ונשמע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען אַריינגעקומען קיין נעמיראָוו. נעמיראָוו איז געווען פול מיט פרעמדע יידן פון גאַנצן קאַנט, וואָס זענען אָנגעקומען צו לויפן צו ראַטעווען זיך אין דער באַפעסטיקטער שטאָט פון כמעלניצקים קאָזאַקן. די קהילה נעמיראָוו מיט איר פרנס ר' ישראל און דעם רב ר' יחיאל־מיכל האָבן געטאָן פאַר די אַנטלאָפענע אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט. די פרעמדע יידן האָבן געוואוינט אין בתי־מדרשים; די ווייבער מיט די קינדער אין ווייבער-

שולן. און די שטאָט־ווייבער האָבן צונויפגעשלעפּט בעטגעוואַנט, מלבושים, און אויסגעבעטט פאַר די ווייבער מיט די קינדער. אין שולהויף, אין יידישן געסל, האָבן געברענט גרויסע פייערן אונטער גרויסע קעסלען עסן פאַר די הונגעריקע. דער וואָס האָט געהאַט אַ קרוב צי אַ באַקאַנטן, אַ וויטן צי אַ נאָנטן, האָט אים אויפגעזוכט, און באַלד איז נעמיראָוו געוואָרן איין גרויסע קהילה. סיי די היימישע סיי די פרעמדע זענען געשלאָפן אַלע אין איינעם אין קהלשע שטיבער און געגעסן בשותפות פון די קהלשע קעסלען.

געהערט האָט מען אַז כמעלניצקי האָט אָפּגעצויגן קיין טשירין, אין זיין מקום אַריין. דאָרט האָט ער אויסגעהרגעט די גאַנצע יידישע קהילה מיט ר׳ זכריהן בראַש, וועלכן ער האָט אָנגעטאָן גרויסע עינויים פאַר דעם טויט. ר׳ זכריה מיט דער גאַנצער קהילה טשירין זענען געשטאָרבן על קידוש השם, ווי עס פּאַסט פאַר יידן. האָבן זיך אַליין אָנגעטאָן אין טליתים, אין קיטלען און זענען זיך צונויפגעקומען אין שול — און דאָרט זענען זיי אַלע אומגעקומען. געהערט האָט מען אויך, אַז ער האָט עטלעכע יידישע קהילות פאַרברענט, זלאַטשעוו אויך. נאָר איין בטחון איז געווען אין שר ווישניאָוויעצקי, וואָס האָט אַהער געצויגן פון יענער זייט דניעפּער מיט אַ סך חייל מלחמה צו האַלטן מיט כמעלניצקין. האָט מען געוואַרט ביז דער שר ווישניאָוויעצקי, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער אוהב ישראל, וועט בעזרת השם מנצח זיין דעם רשע און יידן וועלן זיך קענען צוריקקערן אין זייערע חרוב געוואָרענע קהילות.

אָבער באַלד איז באַקאַנט געוואָרן אַז כמעלניצקי האָט מנצח געווען דער שר אוהב ישראל. פירשט ווישניאָוויעצקי האָט אָפּגעצויגן אין דער ליטע און דאָס גאַנצע לאַנד איז איבערגעבליבן אָן אַ באַשיצער, הפקר פאַרן שונא. און אויף קיין הילף פון וואַרשע האָט מען זיך אויך נישט געקענט ריכטן, וואָרעם נאָך קעניג וולאַדיסלאַוו טויט האָבן זיך די שררים נישט געקענט אייניקן, וועמען מען זאָל אויסקלייבן פאַר אַ קעניג איבער פּוילן. און דאָס קעניגרייך פּוילן איז איבערגעבליבן ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

האָט דער רב ר׳ יחיאל-מיכל פון נעמיראָוו פאַררופן אַן אסיפה פון אַלע פּרנסים און נכבדים וואָס האָבן זיך געפונען אין נעמיראָוו צו באַראָטן זיך וואָס מען זאָל טאָן. וואָרעם די סכנה איז געווען זייער גרויס.

אויף דער אסיפה זענען געווען חילוקי-דעות. טייל האָבן געזאָגט אַז מען זאָל פאַרלאָזן די שטאָט און גיין קיין טולטשין וואָס איז אַ שטאַרקערע פעסטונג. אַנדערע האָבן געראָטן דאָ צו פאַרבלייבן.

— וואו אַהין וועלן מיר גיין? וואו אַהין וועלן מיר לויפן? אַ גאַנצע מדינה יידן וועט אַנטלויפן? וואו וועלן מיר זיך אָפּשטעלן? און קיין טולטשין וועלן זיי נישט קומען? אַז עס וועט נישט קומען קיין הילף חלילה, וועלן זיי דאָך די גאַנצע מדינה איינגעמען ביז לוואָוו, ביז צו דער ווייסל. עס קען דאָך נישט זיין אַז פּוילן זאָל אונטערגיין. די שררים וועלן דאָך ניט לאָזן פאַרברענגען זייערע אייגענע שטעט מיט די דערפער מיט כל-טוב. עס מוז דאָך אָנקומען הילף. אַ מדינה קען דאָך נישט איבערבלייבן אויף הפקר!

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פונעם פּרנס פון זלאָטשעוו און האָבן איינגעפונען אַז עס איז טאַקע נישטאָ וואו צו אַנטלויפן; אַז נעמיראָוו מיט אירע רבנים און פּרנסים, מיט אירע גבורים און מיט דער גרויסער קהילה יידן זאָלן דאַרפן אַנטלויפן, איז דאָך עק וועלט, און עס קען דאָך נישט זיין, אַז די שררים זאָלן איבער-לאָזן גאַנץ אוקראַינע אויף הפקר!

— נאָר וואָס דען זאָלן מיר טאָן? — האָבן די יידן געפרעגט.

— נעמיראָוו האָט אַ פעסטונג. פון איין זייט דער טייך און אַרום — די וואַלן. מיר זענען ברוך השם אין נעמיראָוו אַ פּאָר טויזנט יידן פאַרזאַמלט. קודם כל לאָמיר זיך באַפעסטיקן אין דער פעסטונג, כדי די יוונים פון מקום און די פּוילן זאָלן נישט קענען זי אַרויסגעבן צו די קאָזאַקן, ווען זיי וועלן צוקומען צו דער שטאָט. און מיר וועלן זיך אַזוי לאַנג ווערן ביז הילף וועט אָנקומען פון פּוילן. עס קען דאָך נישט זיין אַז אַ מלוכה זאָל לאָזן אַ גאַנצע מדינה אונטערגיין!

די עצה איז אַלעמען געפעלן און עס איז געבליבן אַז מען זאָל זיך צוהערן צו דער עצה טובה פון זלאָטשעווער פּרנס.

נאָר אין אַ ווינקל פון בית-דין שטוב איז געזעסן דאָס שניידערל און האָט געברומט פאַר זיך:

— גבורה, מיט גבורה ווילן זיי העלפן דעם רבונו-של-עולם? באַהאַלט די גבורה פאַר זיך! עס וועט קומען אַ צייט, ווען איר וועט דאַרפן די גבורה פאַר זיך, פאַר אַ העכערן ענין.

נאָר קיינער האָט אים איצט נישט געהערט. די פּרנסים פון די קליינע שטעטלעך וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט ביים רב, זענען אַלץ געווען יידן אין דעם ערך וואָס מענדל, וואָס האָבן אליין געבויט זייערע שטעט, פון וועלכע זיי זענען געווען די פּרנסים און זיי האָבן ליב געהאַט דאָס מקום, פון וואַנען זיי זענען געקומען און נישט געוואָלט עס לאָזן אויף הפקר. האָבן זיי אַלע מסכים געווען מיט מענדלס עצה און גענומען באַלד זי אויספירן.

נעמיראָוו איז פון איין זייט אַרומגערינגלט מיטן טייך און פון די אַנדערע פרייע זייטן האָט אַ געמויערטער וואַל אַרומגערינגלט די שטאָט. אין די ווינקלען פון די וואַלן זענען געווען הויכע געמויערטע טורעמס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר אַלטע פאַרראָסטע קאַנאָנען, צו וועלכע עס זענען נישט געווען קיין קוילן און קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי זיי צו באַנוצן. אָבער די יידן האָבן נישט געטראַכט פון שיסן, נאָר ווי זיך צו באַשיצן. האָבן זיי ערשטנס פאַרשטאַרקט די טויערן פון דעם מויער. די יידישע קאָוואַלעס האָבן געשמידט לאַנגע אייזערנע פּרענטן, ריגלען און אייזערנע קייטן, מיט וועלכע זיי האָבן באַפעסטיקט די טויערן. און אַרום דעם מויער האָבן זיי אויסגעשטעלט טישן, לייטערס און געבויט אַ הילצערנע באַפעסטיקונג, אָנגעזאַמלט אַ מאַסע שטיינער, שטעכעדיקע העלצער און טעפּ געזאָטן וואַסער.

אין שטאָט האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע הונדערט פּאָליאַקן, אַ פּאָר צענדליק דייטשע בעלי-מלאכות, וואָס האָבן געקענט שיסן מיט ביקסן. די יידן אָבער האָבן זיי נישט געוואָלט אָנפאַרטרויען

די מויערן פון דער פעסטונג און נישט די טורעמס. זיי האָבן זיי געלאָזט שטיין אויף די לייטערס אויף דער מויער — העלפן אוועקטרייבן די קאָזאַקן ווען זיי וועלן זיך דערנענטערן. דאָס ערשטע וואָס די יידן האָבן געטאָן — זיי האָבן באַהאַלטן די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך און זייערע פאַרמעגנס אין די טורעמס, און אַליין אַרויף אויף די מויערן.

אין נעמיראָוו איז וואָס אַ מאָל ענגער געוואָרן. וואָס אַ מאָל זענען מער יידן געקומען אַנצוציען פון די קליינע שטעטלעך און האָבן געבראַכט די טרויעריקע בשורה, אַז כמעלניצקי האָט אַרויסגעשיקט זיין גענעראַל קריווע-נאָס מיט אַ גרויסער צאָל קאָזאַקן און טאַטערן און זיי ציען אויף נעמיראָוו. איז אַ שרעק אָנגעפאַלן אויף די יידן. האָט דער רב ר׳ יחיאל-מיכל ווידער צונויפגעזאַמלט דעם עולם שבת אין דער נעמיראָווער שול און האָט זיך אָנגעטאָן אין טלית און אַוועקגעשטעלט זיך דרשענען פאַר דעם עולם.

— רבותי! מיר ווייסן נישט וואָס עס שטייט אונדז פאָר, — האָט דער רב געזאָגט. — אָן ערנסטע צייט קומט אויף נעמיראָוו. אפשר פאַרלאַנגט פון אונדז דער רבונו-של-עולם אַז מיר זאָלן מקדש השם זיין, זענען מיר מוכן ומזומן. אפשר קומט דער שונא גאָרנישט איינגעמען אונדזערע גופים, נאָר אונדזערע נשמות? פאַר אונדזערע גופים האָבן מיר אָנגעגרייט אַ שוץ: מיר האָבן באַפעסטיקט די וואַלן. האָבן מיר אָבער אויך אָנגעגרייט אַ שוץ פאַר אונדזערע נשמות? ווען דער רשע וועט קומען און וועט חלילה זאָגן: „תן לי את הנפש״, וועל איך אייך לאָזן לעבן, וועט איר גענוג שטאַרק זיין ניט קיין רחמנות צו האָבן אויף אייערע לעבנס, אויף אייערע ווייבער און אויף אייערע קינדער, און מקדש השם זיין ווי די עשרה הרוגי מלכות האָבן געטאָן, ווי די אַלע הקדושים והטהורים?

אין שול איז שטיל געוואָרן. די ווייבער האָבן אויפגעהערט צו כליפּען און די מענער צו קרעכצן. מען האָט נאָר געזען גלאַנציקע אויגן און בלייכע שווייגנדיקע פּנימער.

האָט וועך פון עולם אויסגעשריגן:

שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!

האָט דער עולם נאָך אים אויסגעשריגן ווי איין מאַן:

שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!

דער רב איז שטיל געוואָרן. ער האָט שוין מער נישט גערעדט פון קידוש השם. זיין שטים איז ווייכער געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו טרייסטן דעם עולם:

— און אפשר איז עס אַ נסיון, און געדענקט „ושמור את הנפש". יעדער ייד איז זיך מחויב צו ראַטעווען ווי ער קען, און דער וואָס ברענגט אונטער זיין לעבן בידים דער איז אַ מאבד עצמו לדעת און ער האָט נישט קיין חלק לעולם הבא. פאַר גאָרנישט זאָלט איר זיך חלילה נישט אָפּשטעלן, נישט פאַר קיין פאַרמעגנס, נישט פאַר גאָלד און זילבער אָדער ספרים קדושים. וואָרעם איר געהערט נישט צו זיך, נאָר צום רבונו־של־עולם, און פאַר גאָרנישט זאָלט איר חלילה דאָס לעבן נישט איינשטעלן, נאָר פאַר דער אמונה הקדושה אליין.

אַ גרויס געוויין איז געוואָרן אין שול נאָך דעם רבס רייד. די משפחות זענען זיך צוזאַמענגעקומען. די ווייבער מיט די מענער, יעדע משפחה איז געזעסן באַזונדער מיט די קינדער און מען האָט זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן, און איינער האָט דעם אַנדערן געטרייסט — און דער עולם האָט מער בטחון געקראָגן נאָך דעם רבס רייד.

אויף מאָרגן האָבן די אויסקוקערס אויף די טורעמס געזען ווי פון סטעפּ הייבט זיך אויף אַ גרויסער וואָלקן שטויב. זענען זיי אַראָפּגעקומען און האָבן אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה אַז די רשעים קומען. זענען די מענער גלייך געלאָפן און געשטעלט זיך אויף די לייטערס ביי די ווענט, מיט שטיינער און העק און שטיקער אייזנס וואָס זיי האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט אויפן מויער, און די ווייבער האָבן געבראַכט טעפּ מיט קאָכעדיקן חלב און הייסע קאַשע וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט. איז געקומען צו לויפן פאַן קאַשניצקי,

דער פירשט ווישניאָוויעצקיס פּאָרטרעטער פון שטאָט, און מיט אים זענען געווען נאָך פּאָליאַקן מיט שווערדן אין די הענט, און זיי האָבן געשריגן צו די יידן:

— וואָס טוט איר? אויף וועמען גרייט איר אָן די שטיינער און אויפגעקאָכטע קאַשע, אויף די סאָלדאַטן פון גראַף ווישניאָוויעצקי, וועלכע קומען אייך ראַטעווען פון די קאָזאַקן? דערקענט איר דען נישט דעם פּוילישן ווייסן אָדלער אויף די רויטע פאָנען? דערקענט איר דען נישט די פּאַווע-פּושעס אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטן? גייען דען כלאָפּישע קאָזאַקן אָנגעטאָן אין קעניגלעכע גאָרנאָסטאַיִנע קאָנטושן? און קענט איר גאָרנישט פון דער ווייטנס דערזען די שטאַרקע וואָנצעס פון אויער צו אויער, נישט די ראָקן-וואָנצעס פון די קאָזאַקן? עפנט אויף דעם טויער פאַר די העלדן פון פירשט יערעמיאַש און גייט מיט האָניק-לעקעכער און פּערל אַנטקעגן די העלדן וואָס קומען ראַטעווען אייערע לעבנס, אייערע ווייבער און קינדער פון די קאָזאַקן!

און באמת האָט מען דערזען פון וואָלקן שטויב אַרויסרייַטן אַ וואַלד מיט רויטע פאָנען, אויף וועלכע עס האָט געשיינט אין דער זון דער ווייסער פּוילישער אָדלער. דאָ און דאָרט האָבן ווייסע פאָנען געפלאַטערט און פאָרויס געלאָפן, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעזאָגט הילף און דערלייזונג. און באַלד איז דער גאַנצער מויער פאַרהילכט געוואָרן אין אַ גרויס פרייד-געשריי:

— הילף קומט! הילף!

די ווייבער זענען אַרויס פון דער פעסטונג מיט די קינדער אויף די הענט, אַרויף אויף די לייטערס, אויפן מויער, און דער־זעענדיק פון דער ווייטנס די פּוילישע פאָנען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רופן:

— גאָטס נס, גאָטס וואונדער. זעט, זעט, גאָט שיקט פון הימל!

און נעמיראָוו איז אַרויס אויף די גאַסן, פון די באַהאַלטענע לעכער, פון די קעלערס און די מויערן. ווער עס האָט זיך נאָר געהאַט באַהאַלטן פון די קאָזאַקן איז געקומען צום טויער פון מויער זען די אָנקומענדיקע פּוילישע זעלנער וואָס זענען זיי געקומען

העלפן. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין געקליבן דעפּוטאַציעס פון ייִדן, יום־טובדיק אָנגעטאָן, מיט ספר־תורות אין די הענט, וואָס זענען געקומען מקבל פּנים זיין דעם פּירשטס זעלנער. בחורים און ייִנגלעך האָבן זיך געקליבן אויפן מויער צו זען אַריינמאַרשירן די העלדן. מוטערס האָבן אָבער באַהאַלטן זייערע טעכטער פאַר דעם חיל וואָס קומט אָן.

נאָר אַט זענען שוין די סאָלדאַטן נאָענט ביי דעם מויער, און די ייִדן איילן זיך נישט אויפצועפענען דעם טויער. שוין קומט אָן פאָרויס צו רייטן אַ שטאַפּעט מיט אַ ווייסער פאָן און שטעלט זיך אָפּ ביי דעם טויער און טראָמפּייטעט אויס:

— עפנט אויף די בראָם פאַר דעם פּירשט ווישניאָוויעצקים זעלנער!

— ייִדעלעך, אָן אַ זייט, אָן אַ זייט! די בראָם עפנט, פּוילישע זעלנער קומען! — שרייט פאָן קאַשניצקי.

— דאָס וועלן מיר זען, ווען זיי וועלן אָנקומען צו דעם מויער וואָס פאַר אַ זעלנער זיי זענען, — האָבן די ייִדן ביי דעם טויער געענטפערט.

דאָס חיל איילט זיך נישט צוצוקומען צום טויער. די מחנה שטייט אַליין פון דער ווייטן, רוט אין וועלדל וואָס איז הינטער דער שטאָט, און האַלטן אין איין שיקן שטאַפּעטן מיט טראָמפּיי־טערס, טראָמפּייטן אויס, אָבער די ייִדן ווילן פון גאָרנישט הערן.

— מיר ווייסן נישט ווער דאָס זענען אַזעלכע. זאָלן זיי צוקומען נענטער צו דער בראָם, וועלן מיר זיי דערקענען, וואָס פאַר אַ זעלנער דאָס זענען.

— אָ, ייִדעלעך, פּחדנים, ווי איר האָט מורא! עפנט אויף די בראָם, לאָזט מיך אַרויס צו זיי. וועל איך נישט צוריקקומען — זענען עס קאָזאַקן, מיין טויט. קום איך צוריק, איז עס פּאָליאַקן. איך באַדאַרף קיינעם נישט פון אייך. איך אַליין וועל גיין מיין לעבן איינשטעלן, און איר גייט און באַהאַלט זיך אונטער די קאַפּטנס פון די ווייבער, — האָט דער פּריץ זיי געזידלט.

די ייִדן האָבן אויפגעעפנט די פאָרטקע און אַרויסגעלאָזט

דעם פאַן קאַשניצקי. דער שטאַפעט האָט דעם פאַן אוועקגעפירט צו דעם חייל, וואָס האָט גערוט אין וועלדל. דער פאַן האָט זיך געזאַמט דאָרט אַ לאַנגע ווײַלע. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען רײַטנדיק אויף אַ ווײַס פערד מיט אַ פּוילישער פאָן אין דער האַנט. מיט אים זענען געווען צוויי טראָמפּייטערס. די טראָמפּייטערס האָבן געבלאָזן און די ייִדן האָבן זיך געשטעלט אויפן מויער. דער פאַן האָט געלייענט פון אַ שריפט און אויסגערופן מיט אַ הויך קול:

„אין נאָמען פון זײַן הערלעכקייט, דעם פירשט פון רוס, יערע־מיאַש ווישניאַוויעצקי, דעם פאַן און באַזיצער פון נעמיראָוו, באַפעל איך די נעמיראָווער אײַנוואוינער אויפצועפענען די בראָם פאַר די זעלנער פון זײַן הערלעכקייט.‟

— זאָל לעבן אונדזער באַשיצער, פאַן ווישניאַוויעצקי! — האָבן די ייִדן אָפּגעענטפערט און ברייט אויפגעעפנט די בראָם.

די דעפּוטאַציעס האָבן זיך אויסגעשטעלט. פון וועלדל האָט זיך דאָס חייל געלאָזט הענדום־פּענדום צום טויער פאָכענדיק מיט די פאָנען און אָרדענונג און שרייענדיק „הוראַ!‟ די ייִדן זענען דער־שראָקענע געוואָרן.

נישט אַזוי צײַט אַרײַן אַ פרײַנדלעכער חייל אין אַן אייגענער שטאָט. נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. די ערשטע רײַטערס זענען שוין אַרײַן אין דער שטאָט.

אין די לאַנגע אָראַפּהענגענדיקע ראָקן־וואָנצעס האָבן זיי די ייִדן דערקענט, און אַ גרויס געשריי האָט זיך געהערט אין שטאָט:

— די קאָזאַקן! די קאָזאַקן!

קאַפּיטל 6

נעמיראָוו

כָּל זֹאת בָּאַתְנוּ וְלֹא שְׁכַחֲנוּךָ וְלֹא שִׁקַּרְנוּ בִּבְרִיתֶךָ.

(תהילים מ״ד, יח).

אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה. די מענער האָבן געכאַפּט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, די ווייבער — די קינדער אויף די הענט, און מען האָט זיך געלאָזט לויפן. מען האָט אָבער נישט געוואוסט וואו צו אַנטלויפן. טייל האָבן געשריגן צום בית־עולם, דער רב איז געלאָפן אויפן בית־עולם: אז שטאַרבן זאָלן מיר קומען צו קבר ישראל. אַנדערע האָבן געשריגן: צום וואַסער, דער רב איז געלאָפן צום וואַסער. נאָר די קאָזאַקן זענען שוין געווען הינטער זיי. יונגע שרעקנדיקע געשרייען האָבן זיך געהערט אין די גאַסן פון די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך וואָס די קאָזאַקן האָבן געכאַפּט אויף די פערד. דאָ און דאָרט האָט אַ געשריי אויפגע־פלאַמט און איז פּלוצעם אויסגעלאָשן געוואָרן און באַלד איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן, נאָר עס האָבן זיך געהערט טעמפּע טריט פון פערד.

איבער די ענגע געסלעך פון נעמיראָוו איז שטיל געווען און ליידיק פון מענטשן, ווי נעמיראָוו וואָלט געווען אויסגעשטאָרבן. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די גאַסן צעריסענע בלעטער פון ספרים, פאַרפלעקטע בגדים, שטריימלעך, הויבן, הויז־זאַכן, אַ צעבראָכענער מעשענער לייכטער, שטיקער טליתים און קערפּערס פון מענטשן. מען האָט מער נישט געוואוסט וואָס איז אַ קערפּער און וואָס איז אַ בגד. אַלץ איז געווען אויסגעמישט, צוזאַמענגע־

שאַרט פון די טריט פון די פערד; פון די הייזלעך, פאַרשלאָסן אויף טיר און לאָדן, האָבן זיך געהערט גוואַלדן, יונגע שטאַרקע שטימען.

אַפּט מאָל האָט זיך געוויזן אַ קאָזאַק פון אַ הויז אַרוס, האַלב נאַקעט, מיט אַ צעריסן העמד אויפן לייב, טראָגנדיק אויף איין האַנט אַ זילבערנעם אָדער מעשענעם לייכטער, אין דער צווייטער האַנט, אונטערן אָרעם, אַ יונג מיידל, האַלב נאַקעט, מיט צעפּלאָשעטע האָר. דאָס מיידל, רייסנדיק זיך פון קאָזאַק, האָט געקעמפּט און געשלאָגן דעם קאָזאַק אויף זיין נאַקעטן רוקן מיט די פויסטן, פון וואָס דער קאָזאַק האָט פאַרשפּרייט זיינע ליפּן און געלאַכט. אַן אַנדערער איז אַרויסגעקומען פון אַ צווייט הויז מיט אַן אַנדער מיידל האַלב טויט, פאַרשמאַכט ליגנדיק אויף זיינע ברייטע נאַקעטע אַקסלען. האָבן זיך ביידע קאָזאַקן אָפּגעשטעלט, אַוועקגעלייגט זייערע קרבנות אויף דער ערד צו זייערע פיס, ווי די קעלבלעך, און געביטן זיך מיט די מיידלעך, צוצאָלנדיק איינער דעם אַנדערן זילבערנע לייכטער, שטיקער זיידנס, מלבושים, שטיוול אָדער פעלצן. אָפּ-געמאַכט דעם בייט, זענען זיי זיך צעגאַנגען, מיטשלעפּנדיק יעדערער זיין קרבן.

פון אַן אַנדערער גאַס זענען אָנגעקומען דריי שיכורע סאָלדאַטן, האַלב נאַקעטע, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ און לאַנגע קאָלטענעס האָבן אַרויסגעשטאַרט פון זייערע פעלצענע היטלען איבערן שטערן, די פּנימער און די לייבער באַגאָסן מיט שוויים פון דער פלאַמענדיקער זון, און האָבן געשלעפּט אויף זייערע רוקנס נאַקעטע קינדער, טייל טויט און טייל נאָך לעבעדיק, און האָבן אויסגערופן אין די גאַסן, נאָכמאַכנדיק דעם יידישן קצב: פריש קאַלבפלייש צוועלף גראָשן אַ פונט; כשר געשאָכטן, כשר! . . .

נאָר באַלד איז אַלץ שטיל געוואָרן. די גוואַלדן פון די פאַר-מאַכטע הייזער האָבן אויפגעהערט. נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך פון אַ ווייטן געסל געהערט אַ געלאַף און אַ געשריי, וואָס איז איבערגעהאַקט געוואָרן. איבער די גאַסן פון נעמיראָוו האָבן זיך געוואַלגערט שיכורע קאָזאַקן, האַלבנאַקעטע, אַרומגעוויקלט מיט

ווייבערשע זיידענע טיכער, אין יידישע פעלצן. טייל זענען געווען צוגעדעקט מיט צעריסענע טליתים, שטיקער זיידנצייג. עס זענען געלעגן נאַקעטע יידישע פרויען, מיידלעך, קינדער, טויטע און לעבעדיקע. צעטראָטענע כלים, כלי־קודש־שטיקער. דאָ און דאָרט אַ צעריסן שטיק פּאַרמעט פון אַ ספר־תורה, לעדערנע בונדן פון ספרים, פּעסלעך פון בראָנפן, צינענע טעלער מיט צעטראָטענע עסנס, כלי־זיין, שטיקער טערקישע דיוואַנען אויסגעמישט צוזאַמען מיט מענטשנבלוט און אויסגעגאָסענעם בראָנפן. קיינער האָט שוין מער נישט געוואוסט ווער עס איז טויט און ווער עס לעבט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז שיכור, סיי די לעבעדיקע סיי די טויטע . . .

לאַנג האָט זיך געצויגן דער הייסער זומערטאָג. עס האָט זיך געדאַכט אַז ער וועט זיך גאָרנישט ענדיקן. אייביק האָט געדויערט די אַנגסטשרעק. אין דרויסן איז אַלץ געווען טאָג, ליכטיק און היים. נאָר ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצורוקן די שאָטנס פון דער סטעפּ. און די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן פון הויז צו הויז. און באַלד איז שוין דאָס אַלץ צוגעדעקט געווען מיט דער נאַכט. שטיל און שוואַרץ איז געווען אַרום, די שטערן אין דער הייך און אַ זשומען און אַ קוואַקען פון די זומפּן ווי אין יעדן אָוונט. נאָר פון די שוואַרצע, איינזאַמע הייזלעך האָט די טויטע שטילקייט אַרומ־געקוקט. און אין דעם אַלעם האָט ווער געגרימפּלט אויף אַ לירע און ווער געזונגען אַ ליד און געוויינט אויף אימעצנס דאַליע.

אויפן שטאָטישן בית־עולם איז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט געווען אַ באַוועגונג. פון הינטער די מצבה־שטיינער האָבן אָנגעהויבן אַפּערקריכן לעבעדיקע מתים. טייל זענען געווען אין טליתים איינגעהילט, אַנדערע אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, און נאָך אַנדערע וואָס האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו כאַפּן זייערע טויטנקליידער — האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בית־עולם, כדי נאָר צו שטאַרבן אויפן יידישן בית־עולם, וואו זיי וועלן קענען קומען

צו קבר-ישראל צווישן יידן. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אָפּגעוואַרט דעם טויט אויפן בית-עולם, אָבער דער טויט איז נישט געקומען.

פון דער שטאָט האָבן זיי געהערט די גוואַלדן פון די פאַר-פייניקטע און זיי האָבן אָפּגעזאָגט ווידוי ברבים. און יעדערער האָט אָפּגעזוכט דעם קבר פון זיין נאָנטסטן און אַנידערגעלייגט זיך אָפּ-וואַרטן דעם טויט. דער טאָג איז אָבער דורכגעגאַנגען און פון דער שטאָט האָט זיך קיינער נישט געוויזן. די גוואַלדן אין שטאָט האָבן אויפגעהערט. דעמאָלט האָט זיך דערוועקט מער האָפענונג אין די לעבעדיקע. זיי האָבן זיך דערוועגט אַפּערצוקריכן פון הינטער די מצבה-שטיינער און איין טויטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַן אַנדערן:

— געלויבט צו גאָט, עס איז סוף חודש. קיין לבנה נישטאָ. די נאַכט איז טונקל.

— וועלן זיי אפשר אָפּציען.

—איז דאָ עפּעס הילף?

— ש-ש-ש . . .

אַ סך האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט תכריכים ביים לעבן. און אַז זיי זענען געלאָפן אויפן בית-עולם האָבן זיי פון זייערע פאַרמעגנס מיטגענומען זייערע טויטנקליידער, אָנגעטאָן זיך אין די תכריכים צוליב צוויי טעמים: אַז די קאָזאַקן וועלן קומען זאָלן זיי מיינען אַז זיי זענען טויט, און טאָמער חלילה איז באַשערט צו שטאַרבן, זאָלן זיי קומען צו קבורה אין זייערע תכריכים. איצט, ביי נאַכט, צווישן די גרופּעס מצבות, האָבן זיי אויסגעזען ווי טויטע וואָלטן פון די קברים אַרויסגעקראָכן, און דרייען זיך צווישן די לעבעדיקע. אָפּט מאָל איז אַזאַ „טויטער", אָנגעטאָן אין תכריכים, אַריינגעקראָכן צווישן אַ גרופּע לעבעדיקע:

— ווער האָט אַ שטיקל ברויט? דאָס חיות גייט אויס, — האָט אַן אַלטע יידענע אין תכריכים געבעטלט.

— זי גייט אין תכריכים און קלערט נאָך וועגן עסן, — האָט ווער געזאָגט.

— וואָס קען מען טאָן ? כל זמן די נשמה איז אין גוף, וויל מען עסן, — האָט זיך די יידענע אַנגערופן.

צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס האָט זיך אויך געפונען מענדל מיט זיין משפחה. אַז דאָס אומגליק איז געקומען, האָט ער מיט זיין משפחה, ווי אַנדערע יידן, געוואָלט זיך ראַטעווען איבערן וואַסער, אַז זיי זאָלן לויפן קיין טולטשין. נאָר געזען די בהלה ביים וואַסער, האָבן זיי שוין גערעכנט אַז אַלץ איינס איז דאָך שוין זייער לעבן פאַרלאָרן, זענען זיי געלאָפן אויפן בית־עולם כדי צו שטאַרבן צווישן יידן. אַ גאַנצן טאָג איז די משפחה געווען צוזאַמען און געוואַרט אין איינעם אויפן טויט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געריכט יעדע מינוט. זיי האָבן זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן צו־זאַמען ווידוי געזאָגט, און שלמהלע וואָס איז דאָך געווען אַ תלמיד חכם האָט זיי געטרייסט און געשטאַרקט. ער האָט זיי מבטיח געווען אַז זיי וועלן קומען גלייך אין גן־עדן, וואָרעם די וואָס שטאַרבן פאַר זיין ליבן נאָמען קומען אין גן־עדן און ער האָט פאַר זיי גע־שילדערט ווי דער גן עדן זעט אויס, מיט אַלע מדרגות און מעלות, און די זיבנפאַכע זון, און די פמליא של מעלה, מיט דער אייביקער רואיקייט, ווי די צדיקים זיצן מיט זייערע קרוינען אויף די קעפּ, און די מלאכים שפּילן אויף גאָלדענע האַרפן און דער רבונו־של־עולם לערנט מיט זיי תורה. ער איז מער באַקאַנט געווען מיט יענער וועלט ווי מיט דער וועלט. געלערנט האָט ער דאָס אין די הייליקע מוסר־ספרים און קבלה־ספרים פון דעם גרויסן הייליקן לעבן פון יענער וועלט, וואו אַלע אָבות און הייליקע יידן פון אַלע דורות געפינען זיך. און וואָס איז די וועלט געווען מיט אירע שרעקן, מיט דער הערשאַפט פון די רשעים, קעגן דעם גרויסן אייביקן תכלית פון דער אייביקער וועלט ?

אויפגעהויבן האָט ער מיט זיינע רייד דעם טאַטן מיט דער מאַמען און דאָס יונגע ווייבל און האָט זיי צוגעגרייט צו דעם גרויסן נסיון וואָס שטייט זיי פאַר. רואיק זענען זיי געוואָרן און גליקלעך וואָס זיי האָבן געהאַט זייער זון לעבן זיך פאַר אַ וועגווייזער און

טרייסטער אין זייער גרויסער נויט. זיי האָבן פאַרגעסן די אַנגסטן פון טויט, זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון שרעק פון דער וועלט און נאָר געזען די גרויסע טיפע רואיקייט וואָס דערוואַרט זיי אַ שריט נאָכן טויט, און האָבן געוואַרט אויף איר ווי אויף אַ דערלייזונג.

און אונטער אַ מצבה איז געזעסן דאָס יונגע פּאַרפאָלק, שלמהלע מיט זיין ווייבל. די נאַכט איז געווען אַרום זיי. די שטערן גרויס אין הימל, און פון ברעג טייך הינטן פון טאָל גייט אויף דער ליאַרעם און געברום פון די קאָזאַקן, פּלאַקערט אויף אַ פּולווערשאַס, פייערלעך ווינקען און לעשן זיך אויס, און טייל מאָל רייסט זיך דורך דורך דער לופט אַ פאַרשטיקט געוויין. קלאַמערט זיך דאָס ווייבל אַרום איר מאַן. נישט פאַרן טויט האָט זי זיך געשראָקן, נאָר פאַר דער צעשיידונג פון איר פרייד וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו געניסן, און טיפער און פעסטער האָט זי זיך געקלאַמערט אַרום אים, ווי זי וואָלט געוואָלט ביי אים און מיט אים שטאַרבן צוזאַמען, אַז זיי זאָלן קיינמאָל נישט קענען צעשיידט ווערן.

— שלמה, מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן צו לעבן און מיר מוזן זיך שוין צעשיידן! גאָט האָט מיך נישט מזכה געווען צו ווערן די מוטער פון דיינע קינדער.

— דבורה, מיר זענען שוין באַהאַפטן פון גאָט. ער וועט אונדז מזווג זיין, ווען מיר וועלן די זכיה האָבן צו קומען פאַר אים בקדושה ובטהרה. דאָרט, אין פמליא של מעלה, וועלן מיר שוין זיין אייביק צוזאַמען און נהנה זיין מזיוו השכינה ביז משיח וועט קומען, ביז דער שופר המשיח וועט אונדז אויפוועקן צו תחית המתים.

און פּלוצעם איז זייער אַנגסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער פרייד. זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז געשען. זיי האָבן געפילט ווי אַ גרויסער שבת קומט אָן אויף דער וועלט און זיי טרעטן אַריין אין דעם שבת אַריין מיט גרוים פרייד. און פאַר פרייד האָבן זיי ביידע צוריקגעפונען די טרערן וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן דורך די אַנגסטן פון טויט, און דאָס ווייבל האָט געזאָגט מיט אַ ליכטיקן שמייכל, באַשיינט דורך די טרערן:

— אז דו רעדסט, איז מיר אַזוי לייכט צו שטאַרבן, שלמה. פאַר וואָס קומען זיי נישט און באַפרייען אונדז שוין? עס וואָלט דאָך מיר געווען אַזוי זיס צו שטאַרבן, ווי עס וואָלט מיר זיס געווען איצט מיט דיר אונטער דער חופה צו גיין.

— נישט אַזוי, דבורה. כל זמן מיר לעבן, דאַרפן מיר בעטן אויפן לעבן, ניט אויפן טויט.

— ביי זיין ליבן נאָמען איז אַלץ מעגלעך. יאָ, שלמה, מיר וועלן בלייבן לעבן. איך וויל אַזוי לעבן פאַר דיר, פאַר דיר, שלמה, אַז איך זאָל די זכיה האָבן, שלמה.

— שווייג, דבורהלע, שווייג.

— אָ, איך וויל אַזוי לעבן מיט דיר צוזאַמען; אָדער אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט. אָ, לעבן און וויסן, אַז דו ביסט ביי מיר, — איז דאָס ווייבל געפאַלן אויף זיינע הענט און פאַר זיסקייט איינגעשלאָפן.

שלמה איז געזעסן לעבן איר און געקוקט אויף איר. איר שוואַכקייט און איר שיינקייט האָבן געמאַכט ציטערן זיין האַרץ. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער דערקענט זי נישט מער. עס איז אויסגעטאָן געוואָרן פון איר יעדע ערדישקייט און זי איז לייכט געוואָרן. זי איז געוואָרן אַזוי איידל ווי אַ בת־השמים, ווי איינע פון די הייליקע אמהות, ווי יענע געטלעכע ווייבלעכקייט, די שכינה, וואָס וויינט ביי נאַכט אויף די חורבות פון בית־המקדש, ווי די טויב פון כנסת ישראל.

קאַפּיטל 7

איבערן וואַסער

מיט דער נאַכט איז געקומען דער ווילן און די האָפֿענונג צו לעבן. מענדל האָט פֿאַרגעסן אין טויט. זיין גאַנצער חשק און ענערגיע זענען אויפֿגעוועקט געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע גלאַנציקע אויגן. אַלע האָבן געוואוסט זיינע געדאַנקען. ער האָט געקוקט אויף דער שלאָפֿנדיקער דבורהלע.

דבורה איז געווען יונג און שיין. און אַז די קאָזאַקן וועלן זי כאַפּן, וועלן זיי זי לאָזן לעבן און שלעכטס טאָן, און דאָס איז ערגער פֿון טויט. מען האָט נישט גערעדט דערפֿון, נאָר אַלע האָבן געוואוסט און געקלערט דערפֿון.

דערווייל האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן צו באַוועגן. דאָ און דאָרט זענען אַרויסגעקראָכן קעפּעלעך, געמורמלט און געסודעט זיך. דאָס האָט נאָך אין מענדלען מער דערוועקט די ענערגיע. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט.

— און וואָס גייסטו טאָן, מענדל?

— איך וויל צוגיין צום פּלויט זען, אפשר . . .

— מענדל . . .

— ש-שוויג.

— וואוהין גייסטו? איך וועל דיך נישט לאָזן! — האָט אים דאָס ווייב אָפּגעהאַלטן — אַז שטאַרבן, זאָלן מיר אין איינעם שטאַרבן.

— איך וועל צוגיין צום פּלויט, אפשר איז דאָ אַ האָפֿענונג.

דבורה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. זי האָט זיך אַרומ־געקוקט דערשראָקן און געפֿרעגט:

— ווער שפּילט אַזוי שיין? אין חלום האָב איך געהערט שפּילן.

און באמת האָט זיך פון דער ווייטנס געהערט אַ שפּילן פון אַ פויערישער לירע. אַ טרויעריקן ניגון האָט געשפּילט די לירע און האָט געוויינט. אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף די יידן. טייל האָבן געזאָגט אַז זיי קומען אָן און דער עולם איז אַנטרונען צווישן די מצבות, איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די מוטערס האָבן צוגעדעקט די קינדער און געשראָקן זיי אַז זיי זאָלן נישט שרייען. באַלד איז אויפן בית־עולם געוואָרן שטיל. מען האָט נאָר געהערט ווי די איינזאַמע ווערבעס ציטערן אין זייערע לאַנגע צווייגן און דאָס שפּילן פון דער לירע איז וואָס אַ מאָל נענטער צוגעקומען צום בית־עולם.

ענדלעך האָט ווער באַטראָטן דעם בית־עולם. דאָס שפּילן האָט אויפגעהערט. און אַ יידישע שטים האָט גערופן:

— יידן, יידן, עת לעשות לשם! אויף וואָס וואַרט איר?

דער עולם האָט דערוועגט זיך אויפצוהייבן און צוצוקומען נענטער צו דעם פרעמדן. זיי האָבן געזען ביים שיין פון די שטערן אַן אַלטן בעטלער שטיין מיט אַ לירע אין האַנט.

— ווער ביסטו?

— איר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך דאָס שניידערל. איך קען רעדן יוניש, האָב איך זיך פאַרשטעלט פאַר זייערס אַ זקן און האַלט זיך אויף צווישן די גויים. זייט אייך מציל דאָס נפש. איך האָב געהערט רעדן צווישן זיי, אַז אויפן בית־עולם האַלטן זיך אויף אַ סך יידן מיט זייער אַ סך גאָלד און זילבער, און אַז עס וועט טאָג ווערן, וועלן זיי אַהער קומען. זייט אייך מציל דאָס נפש.

— וואוהין?

— דאָס וואַסער איז שטיל. די רשעים זענען זיך משמח אין שטאָט, טרינקען און טוען אַלדאָס בייז. ווייי צו די אויגן וואָס זעען דאָס! אַנטלויפט דורכן וואַסער ווער עס קען, וואָרעם די סכנה איז זייער גרויס.

דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צו באַוועגן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקלייבן שוואַרצע שאָטנס פון הינטער די מצבות

און געמורמלט, געברומט. מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ געלאַף. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט אויפשרייען, קרעכצן.

— ש־ש־ש — מען וועט דערהערן, — האָבן טייל געוואָרנט.

— וואָס טוט איר? די גויים וועלן דאָך אייך דערזען.

— איינציקוויז, איינציקוויז צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן פעלד האָט ווער קאָמאַנדעוועט.

און דאָ און דאָרט איז ווער געקראָכן, באַוואויגן, אַרויסגערוקט זיך. נאָר מענדל איז אַלץ געזעסן, געקוקט מיט אָפענע אויגן אויף דבורהן און האָט זיך נישט באַוואויגן פון אָרט, געקלערט עצות. אַלע האָבן געוואוסט און געשוויגן ווי שולדיקע.

דער בית־עולם האָט זיך אָבער וואָס אַ מאָל מער אויסגעליידיקט. און מענדל איז אַלץ געזעסן און האָט זיך נישט באַוואויגן.

פּלוצעם איז ווער צוגעקראָכן צו זיי און געוואָרפן זיך צו מענדלס פּיס.

— פּאַניטשו, ראַטעווע דיר דאָס לעבן. די נאַכט איז טונקל, אַנטלויף. — און אַרויפפאַלנדיק אויף דבורהן, האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען:

— טאָכטערל מיינס.

מענדל און די משפּחה זענען פאַרוואונדערט געוואָרן צו זען די אַלטע מאַרושאַ, די קאָזאַקישע דינסט פון דער קרעטשמע, לעבן זיי. זיי האָבן אויף אַ מינוט פאַרגעסן אין דער סכנה און געפרייט זיך מיט איר.

— וואָס טוסטו דאָ? פאַר וואָס ביסטו נישט אין שטאָט? דיר וועלן זיי דאָך קיין שלעכטס נישט טאָן.

— וואָס מיינסטו, איך וועל לאָזן מיינע באַלעבאַטים, און אַליין וועל איך גיין הוליען מיט די קאָזאַקן? אַז שטאַרבן, זאָלן מיר אין איינעם שטאַרבן. מיט וועמען איך האָב געגעסן מיין שטיקל ברויט, מיט דעם וועל איך לעבן און שטאַרבן.

— אָבער ווי אַזוי ביסטו אַהער געקומען?

— איך בין געגאַנגען מיט אייך. געזען מיינע באַלעבאַטים לויפן אויפן בית־עולם, בין איך אויך געלאָפן. מורא געהאַט איר

זאָלט מיך נישט פאַרטרייבן, ווייל איך בין פון אַן אַנדער גלויבן. בין איך געלעגן רואיק ווי אַ קעצל אונטער אַ שטיין און געטראַכט זיך: כ׳וועל ליגן און אָפּוואַרטן ביז די ברידערלעך וועלן קומען, אַזוי וועל איך נעמען מיינע צוויי קינדערלעך און באַשיצן זיי מיט מיין לייב און זאָגן: „ברידערלעך, מיך הרגעט, מיינע קינדערלעך, לאָזט לעבן. כאָטש פון אַן אַנדער גלויבן, דאָך מיינע קינדערלעך".

— גיי צוריק אין שטאָט אַריין. זעסט דאָך, מיר זענען אַליין אין סכנה. גיי צוריק צו דיינע, אַז נישט וועלן זיי דיך אויך פּייניקן ווי אונדז.

— פּאַניטשו, פאַרטרייב מיך נישט, — האָט זיך די גויע גע־בעטן — איך האָב אייך ערלעך געדינט און איך האָב ליב מיינע קינדערלעך. און איך בין געקומען ראַטעווען דבורהלען. אָט האָב איך איר געבראַכט קאָזאַקישע קליידער, איך וועל זי פאַרשטעלן פאַר אַן אונדזעריקע. איך וועל זאָגן, אַז זי איז מיין טאָכטער, און כדי די ברידערלעך זאָלן נישט קוקן אויף איר, וועל איך זי מאַכן פאַר אַן אַלטע, פאַר אַ מיאוסע. דו נעם די באַלעבאָסטע, דעם יונגן פּאַניטש און שווים אַריבער דעם טייך. אפשר וועט אייך גאָט העלפן. די יונגע פּאַניע נעם נים מיט. איך קען מיינע ברידערלעך, די קאָזאַקן. זיי דערשפּירן אַ יונג ווייבל פאַר מיילן ווייט ווי דער הונט דעם האָז. און פאַר אַ ווייב וועלן זיי אפילו אין גיהנום שפּרינגען, נישט נאָר אין וואַסער. איך וועל זי פאַרשטעלן פאַר אַ קאָזאַטשקע און פירן זי צו אַ פישער דאָ נישט ווייט. איך קען אייגעם. מיר וועלן זאָגן אַז מיר זענען קאָזאַקישע פּויערטעס. איך וועל אים אייער געבן, וועט ער אונדז אַריבערפירן מיט אַ שיפל. דאָרט אויף דער צווייטער זייט וועלן מיר זיך טרעפן. אָדער איך וועל זי דיר ברענגען אין טולטשין, גאָט וועט העלפן. מיט מיר איז זי זיכערער ווי ביי דיר. ווי די נשמה מיינע וועל איך זי אָפּהיטן, ווי מיין לעבן, מיין הינדעלע מיין קליינס.

אַ מינוט האָט אויפגעפלאַמט די האָפענונג אין מענדלען. דער גויעס עצה איז אים געפעלן. ער האָט אָבער נים געקענט ברענגען איבער זיך צו שיידן זיך מיט דבורהן, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען

אַז זי איז מער זיכער ביי דער קאָזאַטשקע ווי ביי אים. נאָר דאָס געפיל „צו שטאַרבן אין איינעם" איז אַזוי שטאַרק געווען ביי אים, אַז ער האָט געשוויגן און נאָכגעקלערט. קיינער האָט זיך ניט דערוועגט עפּעס צו זאָגן, צו ראָטן, און זיי האָבן געוואַרט אויפן פאָטער, ער זאָל באַשליסן.

נאָר מאַרושאַ האָט אים ניט געלאָזט קלערן, ווידער האָט זי זיך געוואָרפן צו אים און געבעטן זיך:

— פאַניטשו, ראַטעווע דיר דאָס לעבן. איך בין געווען אין שטאָט, איך האָב געזען וואָס די ברידערלעך האָבן געטאָן די יידן. די ברידערלעך פון סטעפּ זענען ווילד געוואָרן, גאָט פאַרגעסן, שלעכטע צייטן געקומען. די קאָזאַקן האָבן גאָט פאַרגעסן, אַנטלויפט, אַנטלויפט!

— קומט נאָך מיר. וואָס איז דער חילוק ווי אַזוי דער טויט וועט אונדז טרעפן, — האָט מענדל געצויגן זיין משפּחה.

זיי זענען אַרויס פון בית-עולם וואָס איז געלעגן אין טאָל און אַרויסגעקומען אויפן בערגל. ערשט אויפן בערגל האָבן זיי דערזען דעם לאַגער קאָזאַקן ליגן אויסגעשפּרייט איבער דער לענג פון וואַסער. באַלויכטן איז דער לאַגער געווען פון די פייערלעך וואָס האָבן זיך געברענט אונטער די קעסלען און פון די איינציקע שטורקאַצן. דער לאַגער איז נאָך ניט געשלאָפן. דאָ און דאָרט האָט זיך דערהערט שפּילן, אַ געזאַנג אָדער אַ שיכורס שרייען. רעדלעך האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום טאַנצנדיקע פאַרלעך. אָפט מאָל האָט דער לאַגער אויפגעפלאַמט מיט אַ געשריי. און דאָס אַלץ האָט מען געקענט זען פון בערגל צום ברעג טייך.

מאַרושאַ האָט זיך געוואָרפן צו מענדלס פיס און געבעטן זיך:

— פאַניטשו, גיי ניט, זעסט וואָס עס טוט זיך. עס איז דער טויט. די ברידערלעך וועלן אונדז דערזען. זיי וועלן דערשפּירן דאָס ווייב.

— מיר מוזן זיך צעשיידן. סיי ווי סיי שטייט טויט פאַר אונדזערע אויגן. עס וועט טאָג ווערן, וועלן זיי אונדז דערזען. אפשר אַז מיר וועלן זיך ראַטעווען, וועט אונדז גאָט העלפן, אַזוי ווי ער

האָט אונדז ביז איצט געהאָלפֿן. און מיר וועלן זיך אַלע צוריק זען אין טולטשין. און טאָמער חלילה איז אונדז באַשערט צו שטאַרבן, לאָמיר שטאַרבן פאַר זיין ליבן נאָמענס וועגן, — האָט מענדל געזאָגט צו זייניקע.

און מענדל האָט אַרומגענומען די זייניקע און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל:

— רבונו־של־עולם, העלף אונדז!

קיינער פון זיי האָט ניט געוויינט. זיי האָבן זיך אַלע צום לעצטן מאָל אַרומגענומען אין שווייגן.

— געזעגן דיך, שלמהלע, מיט דיין ווייב, אפשר וועט גאָט אונדז העלפן אַז מיר וועלן זיך צעשיידן.

מאַן און ווייב זענען אַ מינוט אַליין געבליבן. שלמה האָט דבורהן געגלעט איבערן קאָפּ און האָט אַזוי געזאָגט:

— דבורה, גלייב אין גאָט, דער רבונו־של־עולם קען אַלץ טאָן. אפילו ווען דאָס מעסער ליגט אויפן האַלדז.

דאָס ווייבל האָט געשוויגן און געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

— און מיר וועלן זיך נאָך זען, דבורה, אין דיין זכות. דו ביסט דאָך אַ צדקת.

— אין דיין זכות, שלמה. און ווען חלילה ניט, וועל איך קומען פאַרן רבונו־של־עולם בקדושה ובטהרה, אַזוי ווי דו האָסט מיך געלערנט.

— היט דיין לעבן, דבורה, און האָב האָפענונג אין גאָט!

— אין דעם זכות פון אונדזערע קינדער וואָס גאָט וועט אונדז מזכה זיין, — האָט דאָס ווייבל שטיל געזאָגט. און דאָס איז געווען איר לעצט וואָרט צום מאַן.

מאַן און ווייב האָבן זיך צעשיידט.

— גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דיין גוטסקייט, מאַרושאַ, וואָס דו טוסט מיט אונדז, — האָט יוכבד געזאָגט צו דער קאָזאַטשקע, — אין דיין האַנט גיב איך איבער אַלץ וואָס איז מיר טייער, מיין לעבן און מיין זונס לעבן. און גאָט זאָל דיר באַצאָלן וואָס דו

טוסט מיט אונדז. איך ווייס ניט, אויב איך וועל אין שטאַנד זיין דיר צו באַצאָלן.

— בעט גאָט פאַר אונדז, און מיר וועלן בעטן פאַר אייך, — האָט געזאָגט די אַלטע קאָזאַטשקע און איז פאַרשוואונדן מיט דבורהן צווישן די קוסטעס.

אַ מינוט האָט נאָך מענדל געוואַרט. יוכבד האָט געטרונקען די טרערן וואָס האָבן ערשט איצט געפונען אַן עפענונג פאַר זייער קוואַל. אַ מינוט האָט שלמה נאָך צוגעהערט זיך צו דעם רוישן פון די צווייגן און טרוקענע גרעזער: דאָרט איז פאַרשוואונדן זיין פרייד.

מענדל האָט זיך אָנגערופן:

— נו, אין גאָטס נאָמען.

און מענדל האָט אָנגעהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר צווישן די קוסטעס און גרעזער, אַראָפּ בערגל, צום ברעג טייך, און דאָס ווייב און דער זון נאָך אים.

לאַנג זענען זיי געקראָכן צווישן די קוסטעס און גרעזער. די שטימען פון די קאָזאַקן זענען וואָס אַמאָל נענטער געקומען צו זיי. זיי האָבן שוין געהערט זייער לאַכן און זייערע רייד. נישט איין מאָל האָבן זיי געמיינט אַז זיי זענען שוין פאַרלוירן. אָבער גאָט האָט זיי געהאָלפן. זיי זענען צוגעקראָכן צום ברעג אומבאַמערקט. עס האָבן זיי פאַרשטעלט די הויכע גרעזער. אין לאַגער איז שוין איצט אויך שטילער געווען. די פייערלעך אונטער די קעסלען האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצולעשן און דאָס געררודער זיך איינצושטילן. די שטורקאַצן אויף די וועגן האָבן נאָך געברענט און דאָ און דאָרט האָט אַ קאָזאַק געפירט זיין פערד צום וואַסער אָנצוטרינקען. מענדל מיט זיין ווייב און זון זענען געלעגן צווישן גראָז אין אַ זייט און געוואַרט ביז דער לאַגער וועט זיך נאָך מער איינשטילן, אַז קיינער זאָל ניט דערהערן זייער פליעסקען אין וואַסער. זיי האָבן מורא געהאַט צו רעדן צווישן זיך, געלעגן און איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— דער רבונו-של-עולם וויל אונדז העלפן, — האָט מענדל זיך

אַנגערופן, — איך וועל נעמען די מאַמע אויפן רוקן און דו, שלמה, נאָך מיר. און טאָמער ווערסטו חלילה שוואַך ווערן, כאַפּ דיך אָן אין מיר.

דאָס וואַסער האָט איין מאָל נאָכן אַנדערן געגעבן אַ שטילן גאָס, און צוויי שוואַרצע פלעקן האָבן זיך געטראָגן איבער דער אויבער־פלאַך פון וואַסער, אויפרודערנדיק די שטילע גערונצלטע וועלן. דער טייך האָט זיך געגעבן אַ וויג צוריק, און שטילע וועלן איינע נאָך דער אַנדערער האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויפן זאַמדיקן ברעג.

אויפן ברעג איז געלעגן אַ קאָזאַק אויף זיין זאָטל און געקוקט אין די גרויסע שטערן אין הימל אַריין, צוזינגענדיק זיך אַ לאַנג־מעלאַנכאָלישן ניגון. עס האָט אים אויפגעוועקט פון זיין וואַכעדיקן דרימל דאָס וויגן זיך פון די וועלן אויפן ברעג. ער האָט זיך פלינק אומגעקוקט, און זיין שאַרף סטעפּיש אויג האָט גלייך באַמערקט די צוויי שטראָמלעך וואָס ציען זיך איבער דער גערונצלטער רואיקער אויבערפלאַך פון וואַסער. זיין נייגעריקייט האָט אַריבערגעוואויגן זיין פוילקייט וואָס האָבן ביידע אַ מינוט מלחמה געהאַלטן אין זיין געדאַנק. ער האָט גענומען זיין פּיקע, באַרוועס איז ער געווען, די תמוז־נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע און דאָס וואַסער האָט אַ פּליעסקע געגעבן.

אין אימפּעט פון שווימען האָט זיך מענדלען געדוכט צו פאַר־נעמען אַ רופן „שמע ישראל״, און פון געוואוינהייט האָט מענדל אין טויט־אַנגסט שווימענדיק פאַרויס מיטן ווייב אויפן רוקן אָפּ־געענטפערט:

שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!

און ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן צווייטן ברעג, האָט ער זיך געפונען מיטן ווייב אַליין, און איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער האָט ער אין שטערנליכט באַמערקט אַ שטראָמל שווימען צוריק צום אַנדערן ברעג.

קאַפּיטל 8

דער געפאַנגענער

תִּמְכֹּר עַמְּךָ בְלֹא הוֹן וְלֹא רִבִּיתָ בִּמְחִירֵיהֶם.

(תהילים מ״ד, יג).

— וואָס האָסטו געכאַפּט, קאַזאַקל?

— אַ יידל אַ יונגס. כ׳האָב געמיינט ס׳איז אַ ווייב, אַזוי האָט עס זיך אויסגעדוכט פון דער ווייטנס. אַקאַרשט איך זע, עס איז אַ בחור מיט ציטערדיקע פּאות, — האָט געזאָגט דער קאַזאַק וואָס האָט שלמהן אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער צו אַ צווייטן קאַזאַק וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט ביים ברעג.

— וואָס וועסטו טאָן מיט אים? — האָט דער קאַזאַק געפרעגט.

— איך וויים נים. אים טויטן איז אַ שאָד, בחינם אין וואַסער געקראָכן און גאָרנים געהאַט.

— לעבן לאָזן, וועסטו אים מוזן געבן צו עסן.

— דאָס איז אויך וואָר, — האָט דער קאַזאַק געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

לעבן דעם קאַזאַק איז געלעגן שלמה אַ נאַסער, אַ צוזאַמענגע-דרייטער. ער האָט זיך איינגעהערט צו די רייד פון די קאַזאַקן. און עס איז אים גאָרנים אָנגעגאַנגען. ער איז גרייט געווען צו שטאַרבן, און ער האָט איצט ווידוי געזאָגט פאַר זיך. אַ מינוט האָט ער אפשר באַדויערט זיין יונג לעבן און דאָס גליק וואָס ער האָט ערשט אָנ-געהויבן צו געניסן. נאָר ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז ער וועט זיך אויף דער צווייטער וועלט צוזאַמענטרעפן מיט דבורהן און זיי וועלן אָנהייבן לעבן דאָס גרויסע און אייביקע לעבן אין אייביקער רואיקייט, אַז ער איז גליקלעך געווען וואָס ער קומט אַזוי נאָנט

דערצו. און האָט ער עפּעס באַדויערט, איז עס געווען וואָס דבורה איז ניטאָ דאָ לעבן אים און זיי שטאַרבן ניטביידע צוזאַמען. די אומבאַוואוסטקייט, וואָס קען זיין מיט דבורהן און פאַר וואָס ער האָט זיך צעשיידט מיט איר, האָט אים אין דער לעצטער מינוט געפּייניקט. נאָר באַלד איז איבער אים געקומען די רואיקייט פון בטחון אין רבונו־של־עולם וואָס זעט און ווייסט אַלץ.

דער קאָזאַק האָט אים געהאַלטן ביי דער קאַפּאָטע און אַרום זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַנדערע קאָזאַקן. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע און אַ רואיקע. די סטעפּ און דאָס וואַסער זענען ערגעץ וואו געווען ביידע צוזאַמען פאַרפאַלן אין דער נאַכט. נאָר דער ברעג פון וואַסער איז באַלויכטן געווען מיט פייערלעך. די קאָזאַקן זענען איינער נאָכן אַנדערן צוגעקומען צום קאָזאַק. אַלע זענען געווען נייגעריק צו וויסן וואָס דער קאָזאַק האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער.

— אַ יונגע צי אַן אַלטע באָבע? — האָט איינער געפרעגט און מיט אַ שטורקאַץ באַלויכטן שלמהס פּנים. דערזען גאָר די לאַנגע ציטערדיקע פּאות אויפן בלייכן יונגן פּנים, האָבן זיי אָנגעהויבן הויך צו לאַכן מיט ווילדע קולות.

— האַ־האַ־האַ! די יידענע האָט ער געלאָזט אַריבערשווימען דעם טייך און דעם ייד האָט ער אַרויסגעצויגן. זעט, קאָזאַקן, וואָס ער האָט געפאַנגען. זעט דעם פאַנג, אַ דו פישער־יונג איינער!

דער קאָזאַק, אַ יונגער, מיט אַ גוט פּנים און שאַרפע קליינע צווייי אייגעלעך, האָט באַקוקט זיין קרבן. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געבריקעט שלמהן מיט די פיס ניט פון בייזקייט, נאָר ניט ווייסנדיק וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבן מיטן יידן. צום סוף האָט ער באַשטימט:

— איך וועל אים שמדן, צו דער צערקווע וועל איך אים געבן. כאָטש עפּעס זיך פאַרדינען ביי גאָט פאַר מיין אַרבעט.

דאָס זאָגנדיק האָט דער קאָזאַק אַראָפּגענומען פון האַרץ אַ קליינעם מעטאַלענעם צלם און האָט אים צוגעשטופּט צו שלמהס פּנים.

— קריסטוסן בעט, אויף די קני פאר אים, וועל איך דיך לאזן לעבן.

שלמה האט אים ניט געענטפערט. אזוי ווי ער איז געלעגן צוזאמענגעוויקלט ארום זיך, איינגענארעט דאס פנים אין קערפער, אזוי איז ער געבליבן ליגן.

— שטיי, ייד, — האט אים דער קאזאק אויפגעהויבן — נו, דא גיי איך טאן מיט דיר א חסד. אי אין דער הייליקער צערקווע וועל איך דיך ארייגעבן, אי לעבן וועל איך דיך לאזן, דערפאר ווייל די קאזאקן האבן געלאכט פון מיר. גאט בעט, בייג דיך אויף די קני אראפ פאר אים און קוש דעם צלם און זאג מיר נאך די ווערטער אט אזוי: אין דעם נאמען פון פאטער, פון זון. זאג, פארשאלטענער ייד, אז ניט וועל איך דיך הרגענען. אזוי ווי גאט לעבט, איך וועל דיך הרגענען!

נאר אזוי ווי דער קאזאק האט נאר אפגעלאזט זיין קרבן, האט ער זיך ווידער געווארפן צו דער ערד, איינגעגראבן זיין פנים אין די הענט און געשוויגן.

— מיט אים וועסטו גארניט ניט מאכן. איך קען אזעלכע ליטלער. אט האב איך איינעם געכאפט אין קארסון, א יונגן, א שיינעם, א שאד געווען צו הרגענען. די טאכטער האב איך אים געוואלט געבן פאר א ווייב. „שמד זיך," זאג איך אים, „און די טאכטער וועל איך דיר פאר א ווייב געבן, וועסטו מיט מיר אין סעטש גיין, א קאזאק וועסטו ווערן." עס האט גארניט געהאלפן, געמוזט אים הרגענען. הארטע לעדער! די רבנים טוען זיי א כישוף אן. אזא רויטן ווין גיבן די רבנים זיי צו טרינקען ווען זיי יידישן זיי, און דער רויטער ווין לאזט זיי ניט פארגעסן אין זייער אמונה. וועסט גארניט מאכן מיט אים. הרגע אים צו.

— די רבנים זייערע גיבן זיי בלוט צו טרינקען ווען מען באַ־שניידט זיי. און דאס בלוט האט אין זיך אזא קראפט אז איטלעך מאל ווען זיי ווילן זיך שמדן קומט דאס בלוט און שטערט זיי, — זאגט א צווייטער.

— מען זאגט, אז זיי זעען עפעס אזא ליכט איידער זיי שטארבן,

אין דעם ליכט זעען זיי זייערע מוטערס, און דאָס לאָזט זיי ניט זייער גלויבן איבערבייטן. אָבער ווען מען פאַרשטעלט זיי די אויגן קענען זיי דאָס ליכט מער ניט זען.

— וואָס איז דער חילוק, ווען מען האַרגעט אים, הרגע אים צו.

— שענק אים מיר! — בעט זיך ביי אים אַ צווייטער קאָזאַק.

— וואָס וועסטו טאָן מיט אים?

— איך וועל אים מיין באָבען אַוועקשענקען.

די קאָזאַקן לאַכן.

— הרגע אים צו, לאָז אים זיך ניט מוטשען, אַן עבירה פון גאָטס באַשעפעניש צו לאַכן, — זאָגט אַן אַלטינקער.

— דו האָסט רעכט, פעטערל, בעסער אים הרגענען — באַשטימט דער קאָזאַק וואָס האָט שלמהן געפאַנגען.

פון דער ווייטנס הערט זיך אַ לירע שפּילן. אַן אַלטיטשקער קומט צו צו די קאָזאַקן, אונטערגעלענט אויף אַ שטעקן, גרימפּלענדיק אויף די סטרונעס.

— אָך, קאָזאַקן ,וואָס לאַכט איר דאָ?

— זעסט דאָך, אַלטער, אַ יידל געפאַנגען און מען ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט אים.

— פאַרקויף אים צו מוראַד-כאַן. ער קויפט אַלע יידעלעך אויף. פאַר אַן אַלטן צאָלט ער אַ זילבערשטיק און פאַר אַ יונגן — אַ גאָלד-שטיק. אפשר וועסטו קענען אויסהאַנדלען נאָך אַ טאָפּ טאַטעריש ביר פאַר חברה קאָזאַקן צו טרינקען. אַ כיטרע יונג, דער מוראַד-כאַן. אַ שלל מיט פערסישע טעפּעכער און טערקיש געווער ווענט ער קריגן פאַר די יידעלעך דאָרט אין טערקיי. און אונדזערע ברידערלעך, די קאָזאַקן, ווייסן ניט צו שאַנעווען זייער אייגענע סחורה. הרגענען אַוועק די יידעלעך. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל גיט מען פאַר זיי געלט.

— קלוג רעדסטו, אַלטיטשקער. זיי ווייסן ניט, אונדזערע ברידערלעך קאָזאַקן, ווי אומצוגיין מיט זייער אייגענער סחורה — שטימט מיט אים איין אַן אַנדער קאָזאַק.

—היי, אלטיטשקער, ברענג אונדז צו מוראד־כאן, וואו איז ער? — זאגט דער קאזאק, אננעמענדיק שלמהן ביים רוקן און שלעפענדיק אים נאך זיך.

— דו לאז אים אפ, ליבער, שאנעווע אים. פאר א טויטן יידן וועט מוראד־כאן גארניט ווען געבן, — זאגט דער אלטיטשקער.

— מאך אים אונטערשפרינגען א ביסל ווי א פערדל. אקעוויט גיב אים צו טרינקען, ער זאל אויסזען לעבעדיקער.

איינער פון די קאזאקן האט גענומען א קופערנע כלי פון אקעוויט און צוגעבויגן צו שלמהס מויל און גענייט דעם האלב־טויטן יונגנמאן צו טרינקען.

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד! — האט שלמה געהערט אין זיין אויער רופן.

האלב אין חלום, האלב אויפגעוואכט פון בראנפן, האט ער זיך אומגעקוקט און דערזען דעם אלטיטשקן, וואס האט אים אנגענומען ביי דער האנט און גערופן צו אים:

— אך, וואס, דו יידל, דו שלאפסט? וואך אויף, גאט לויב!

שלמהן איז די שטים פארגעקומען באקאנט, זייער באקאנט, נאר ער האט ניט געדענקט וואו ער האט זי געהערט.

זיי זענען אנגעקומען פאר א גרויסן הויף מיט א פלויט ארומגערינגלט און פון איבער דעם פלויט האט זיך געהערט א מורמלען, א יידישער רעש, ווי עס וואלט ווער דארט געדאווענט. פארן טויער פון הויף איז מוראד־כאן געזעסן אויף א טעפעך און לעבן אים האט זיך געברענט א טינטל סמאלע. אויפן טעפעך פאר אים זענען אויסגעלייגט געווען קופקעלעך קופערנע און זילבערנע מטבעות, פארשיידענע טערקישע כלים, טעפעכער, חפצים צום בייטן זיך. מוראד־כאן מיט זיינע לאנגע, אראפהענגנדיקע וואנצעס און שטילע אויסגעלאשענע אויגן איז געזעסן א שווייגנדיקער, א קרענקלעכער, און לעבן אים זענען געשטאנען צוויי טאטערן מיט באדעקטע קעפ און האבן אויסגערופן אויף קאזאקיש:

— ברידערלעך קאזאקן, ברענגט אייערע געפאנגענע צו מוראד־כאן. מוראד־כאן, דער גרויסער סוחר, קויפט שקלאפן אויף.

— קאַזאַקן, קאַזאַקן, מוראַד-כאַן באַצאָלט מיט גוטן טערקישן געלט פאַר שקלאַפן.

אַ קליינער טאַטער איז צוגעקומען צו דער גרופּע קאַזאַקן, באַקוקט שלמהן, באַטאַפּט אים און האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף צוויי שטיקלעך מטבעות.

— מיט אַ טונדל טאַטעריש ביר, — האָט דער קאַזאַק געדונגען זיך. דער טאַטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אַזוי וועל איך צוהרגענען, ווי גאָט לעבט — צוהרגענען; אַ טונדל טאַטעריש ביר אַז דו גיסט פאַר די קאַזאַקן צו טרינקען איז גוט, אַז נישט — צוהרגענען.

דער טאַטער איז צוגעגאַנגען צו מוראַד-כאַן, וואָס איז געזעסן די פּים אונטער זיך, אַ טרויעריקער און אַ שטומער, ווי אַ מענטש וואָס וואָלט געוועזן געליטן פון אַ קרענק. דאָס פּנים — גלייכגילטיק און זיינע לאַנגע קאַלאַמוטנע אויגן האָבן קיין אויסדרוק ניט געהאַט.

מוראַד-כאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אַזוי וועלן מיר צוהרגענען און די טאַטערן נישט פאַרקויפן.

— שטיים, קאַזאַקעלעך, שטיים! — זאָגט דער אַלטער לירע־שפּילער, און צוגייענדיק צום טאַטער, זאָגט ער צו אים אין אויער אַריין, האַלב צומאַכנדיק מיט די הענט:

— אַ וואַזשנע יידל אָט דער געפאַנגענער, — ווייזט ער אויף שלמהן — איך קען אים, אַ ראַבין איז ער. די יידעלעך אין סמירנע וועלן אַ סך אויסלייזגעלט געבן פאַר אים, אַ ראַבין איז ער.

דער טאַטער איז ווידער צוגעגאַנגען צו מוראַד-כאַן און איבער־געגעבן אים וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט.

מוראַד-כאַן האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ. דער טאַטער האָט גענומען אַ גאַנשער מיט טאַטעריש ביר וואָס איז געשטאַנען לעבן מוראַד-כאַן און צוגעטראָגן עס צו די קאַזאַקן. דער טאַטער האָט גענומען פון זיי שלמהן און אים אַריינגעלאָזט אין הויף אַריין צו די געפאַנגענע.

פון דער צווייטער זייט פּלויט האָט זיך געהערט תהילים זאָגן:

לְדָוִד — יְיָ אוֹרִי וְיִשְׁעִי — מִמִּי אִירָא?

— קומט, ברידערלעך, טרינקען — האָבן די קאָזאקן געדופן און אוועקגעזעצט זיך אויף דער לאַנקע טרינקען דאָס טאַטערישע ביר.

— און דו, אַלטער, שפּיל אונדז עפּעס אַ פריילעכס און עפּעס אַ טרויעריקס, — האָבן זיך אַנדערע געבעטן.

די קאָזאַקן האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם אַלטן. דער אַלטער האָט גענומען זיין לירע, אָנגעהויבן צו גרימפּלען און צוזינגען:

וונאָשו זעמליו נאָס,
וונאָשו זעמליו נאָס . . .
טינקו, טינקו ניע בעדוי,
סוואָיע סערדצע ניע זאַפּסוי,
בענדזשע מאַטקאַ וויקופּליאַנאַ,
בענדזשע כאַטקאַ וויבודאָוואַנאַ,
באָנדזש מאָנדרי, פּאַטשאַי קאָנצאַ!

אברהמניו, אברהמניו, אברהמניו,
סטאַרשיק טי נאַש,
יצחקניו, יצחקניו, יצחקניו,
דזשעדזשעק טי נאַש,
יעקבניו, יעקבניו, יעקבניו,
אָטיעץ טי נאַש,
טשוואָזש ווי ניע פּראָסיטע,
טשוואָזש ווי ניע פּראָסיטע,
טשוואָזש ווי ניע פּראָסיטע
פּאַנאַ באָגו זאַ נאָס?

ווי זשע נאַשי כאַטקי וויסטראַאילי,
נאַשו זעמליו וויקופּילי,
נאָס בי ווזעמליו אָטוואָזילי
וונאָשו זעמליו נאָס,
וונאָשו זעמליו נאָס.״

און נאָך אים האָט דאָס גאַנצע פעלד קאָזאַקן נאָכגעזונגען אין כאָר:

„וונאַשו זעמליו נאַס,
וונאַשו זעמליו נאַס.״

און פון דער צווייטער זייט פלויט האָט זיך געהערט אַ געזאַנג מיטזינגען מיטן אַלטן:

„וונאַשו זעמליו נאַס,
וונאַשו זעמליו נאַס.״

קאַפּיטל 9

גורל

אין דער סטעפּ האָט געברענט אַ פייערל פון צווייגן. לעבן פייער זענען געזעסן דריי קאַזאַקן און געדונגען זיך:

— איך האָב זי דער ערשטער דערזען, דורך דעם געהערט זי צו מיר, — האָט געזאָגט איינער פון זיי, אַן אַלטער. זיין אויסגעטריקנט פּנים איז באַלויכטן געווען פון די קנאַקנדיקע ברענענדיקע צווייגן און עס האָבן אַרויסגעשיינט אין דער נאַכט זיינע קליינע אייגעלעך, וואָס זענען געזעסן אין זיין גרויס, ברייט פּנים ווי צוויי ראָזשינקעס אין אַ גרויסן טייג. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דעם מיידל וואָס איז געלעגן אַ ביסל ווייטער אָפּגערוקט פון זיי אויפן נאַקעטן פעלד און איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייסן קאַזאַקישן כאַלאַט. ער האָט זי געפּרוּווט גלעטן מיט זיין אַלטער באַהאָרטער האַנט, נאָר עס האָט אים אַוועקגעשטופּט אַן אַנדער האַנט פון אַן אַלטער וואָס האָט געקניט לעבן אים, געווען אין דרייען איינגעבויגן און געוואַכט איבער דעם מיידל.

— דאָס איז גאָרנישט וואָס דו האָסט זי דערזען צו ערשט, באַהאַלטנדיק זיך צווישן די גרעזער — האָט געזאָגט דער צווייטער, — געזען האָסטו אַן אַלטן אייזל און צום סוף איז דאָס געווען אַ לאַשאַקל אַ יונגס. אַן אַלטע באָבע האָסטו געזען, אַ קאַזאַטשקעלע אַן אַלטס, און מיר האָבן זי פון די קוסטעס אַרויסגעפלאָשעט. ערשט איך האָב דערקענט אין איר די יונגע יידישקע. איך האָב דעם טוך פון קאָפּ אַראָפּגעצויגן און די בלאָטע פון פּנים אָפּגעוואַשן, מיט וואָס די אַלטע מכשפה האָט זי פאַרשטעלט. דו האָסט געזען אַן אַלטע, בלינדע שקאַפּע, אַ לאָמען אַלטן אייזל האָסטו געזען און איך האָב געפונען אַן אָדלערל אַ יונגס, אַ טייבעלע!

נו, צו וועמען געהערט זי, צו מיר אָדער צו דיר? — האָט זיך געקריגט מיט דעם אַלטן אַ יונגער קאָזאַקישער שייגעץ. דער פּלאָם האָט באַלויכטן זיין רונדיק פול פּנים וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיין הויכן פוטערנעם הוט. זיינע צוויי שוואַרצע נאַאיווע אויגן האָבן געקוקט גוטמוטיק אפילו אין געבייזער.

— און איך זאָג: אַלע דריי האָבן מיר זי געפונען, געהערט זי צו אַלע דריי. אַזוי איז עס חבריש און קאָזאַקיש — האָט זיך אָנגערופן דער דריטער קאָזאַק וואָס איז געזעסן לעבן פייער. ער האָט זיך נישט אויפגערעגט און נישט געשריגן ווי די אַנדערע צוויי, נאָר ער האָט גערעדט פעסט און זיכער. זיינע צוויי וואָנצעס זענען אים אַראָפּגעהאַנגען איבערן מויל ווי צוויי שנירלעך ביי אַ ראָק. ער איז געווען האַלב נאַקעט און דאָס ליכט פון פייער האָט באַלויכטן דעם קופּערנעם קאַליר פון זיין לייב. ער האָט געשמאַלצן אַ שטיק חזיר־פעטס אויף אַ שפּיז אין פלאַם־פייער. פון חלב האָבן געטריפט טראָפּנס צעלאָזן פעטס אין פייער אַריין, פון וואָס דאָס פייער האָט אויפגעקנאַקט. דאָס פייער האָט געגאָסן אַ רויטן שיין אויף זיין קופּערנעם פּנים, וואָס האָט איצט אָנגענומען אַן אַש־קאַליר, מיט זיינע לענגלעכע שוואַרצע איינגעגראָבענע אויגן. זיין פּנים איז געווען לענגלעך, זיינע באַקנביינער האָבן זיך האַרט אַרויסגעשניטן פון זיין פּנים, און איבער זיין גאָמבע זענען געוואַקסן איינציקע שטייפע שוואַרצע האָר. אַ לאַנגער לאָק וואָס איז איבערגעבליבן אויפן שטערן פון זיין געגאָלטן קאָפּ האָט זיך פאַרוואָרפן איבער דער באַק און דאָס האָט צוגעגעבן זיין פּנים אַן ענערגישן טויט־שטומען אויסדרוק, ווי עס וואָלט קיינמאָל דערויף קיין שמייכל ניט געשיינט.

— אַלע דריי? אַ, ניין, פּאַני בראַט, אָדער איינעם, אָדער קיינעם נישט, — האָט אים אָפּגעענטפערט דער יונגער.

— הע־הע, יונגער שמויסל, רעד נישט אַנטקעגן אַן אַלטן קאָזאַק. צייטן אָנגעקומען, — האָט דער ערשטער אַלטער געקרעכצט.

— אויב אַזוי — טויטן זי, — האָט זיך אָנגערופן דער זיצנדיקער קאָזאַק.

— אַ שאָד צו טויטן, פּאַני בראַטצי, — האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער קאָזאַק. בעסער זי צו ברענגען צו די טאַטערן, דער כאַן האָט אַזעלכעם נישט אין זיין האַרעם. ער וועט אונדז געבן אַ זעקעלע מיט גאָלד פאַר איר און מיטן גאָלד וועלן מיר זיך צעטיילן.

—און וואָס נאָך וועסטו פירן צום כאַן? דיין אייגן ווייב און דיינע טעכטער? אָך, צייטן אָנגעקומען, קאָזאַקן זענען געוואָרן די משרתים פון דעם כאַן. כמעלניק האָט אונדז אין גאַנצן פאַר־קויפט צו די טאַטערן. אַ קאָזאַק טאָר זיך שוין אַליין נישט פאַר־גינען אַ שיינע יידישקע — אַלץ פירן צום כאַן! ניין, פּאַני בראַטצי, אָדער זי וועט צו איינעם פון אונדז געהערן, אָדער טייטן — האָט זיך אָנגערופן דער האַלב־נאַקעטער קאָזאַק, און זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַרויסגענומען פון הינטער זיין גאַרטל אַ געניים טאַרבעלע און דערפון אויסגעשיט ביינערנע ווערפל. — פּאַני בראַטצי, זאָלן מיר טאָן ווי קאָזאַקן, מיר וועלן גורל וואַרפן, אויף וועמען די שטיי־נער וועלן ווייזן, צו דעם וועט זי געהערן — יענעמס גליק, און קיין קנאה זאָל נישט הערשן צווישן קאָזאַקן איבער אַ שיינער יידישקע.

— רעכט. גערעדט ווי אַ חבר און ווי אַ קאָזאַק. אויף וועמען די שטיינער וועלן ווייזן, צו דעם האָט זי גאָט באַשערט, און קיין קנאה זאָל נישט הערשן צווישן קאָזאַקן איבער אַ יידישקע.

דער יונגער קאָזאַק איז געשטאַנען אין שטילן נאָכדענקען און האָט געקוקט מיט זיינע סאַמעטענע אויגן אויף דעם ווייסן כאַלאַט, אונטער וועלכן עס איז געלעגן דער קרבן.

— ברודערל, גיב נאָך, צוליב אַ יידישקע זאָלן זיך קאָזאַקן צעשלאָגן? צו דעם, וואָס גאָט וועט זי געבן, וועט זי געהערן, און טאָמער נישט דיר — וועסטו קענען האָבן יידישקעס דיין מאָמעס שטאָל אָנצופילן. קריוועגאָס וועט אונדז קיין טולטשין פירן, דאָרטן זענען זיך צונויפגעלאָפן יידישקעס פון גאַנץ אוקראַינע, און וועסט דיר קענען אויסקלייבן וויפל דיין האַרץ גלוסט.

דער יונגער קאַזאַק האָט זיך פּלוצעם אַראָפּגעבויגן צום פּייערל, גענומען די ווערפל און געוואָרפן:

— דריי, אַכט, פינף, — האָבן זיי אָנגעהויבן ציילן.

— זעקס, דריי, צען.

— גוט געטראָפן!

— פינף, אַכט, צוועלף!

האָט ווער אויסגעשריגן און געלאַכט און דאָס געלעכטער האָט אָפּגעשלאָגן זיין עכאָ אין ראַנד פון דער נאַכט אין פעלד.

אונטער דעם ווייסן קאַזאַקישן מאַנטל איז געלעגן דבורה און אירע גלאַנציקע אויגן האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שפּיל פון ווערפל ביים שיין פון פייער. זי האָט געוואוסט אַז די שפּיל גייט וועגן איר. זי שטייט אין קאָן. נאָר קיין איין מינוט האָט זי נישט פאַר־צווייפלט. עפּעס אַן אינעווייניקסטע זיכערקייט אַז גאָט וועט איר העלפן האָט אָנגעפילט איר האַרץ. זי האָט געגלייבט אין דעם וואָס שלמה האָט איר געזאָגט איידער זיי האָבן זיך צעשיידט, אַז גאָט וועט זיי נאָך ביידן צוזאַמענברענגען און זיי וועלן לעבן צו־זאַמען. דאָס גליק פון איר לעבן מיט איר מאַן, די צייט וואָס זיי זענען געווען צוזאַמען האָט זי געדענקט אין איר נויט און גע־בענקט נאָך דעם. מיט דעם האָט זי זיך באַרואיקט און מיט זיכערקייט געגלייבט אַז די צייט וועט קומען, אַז גאָט וועט זי פון אַלע נויטן אַרויסנעמען און צוריקברענגען צו איר מאַן. און דער גלויבן האָט איר מוט געגעבן צום לעבן.

נאָך אַמאָל האָט מען געשריגן ביים פייערל.

— דריי, זעקס, פינף.

— זיבן, דריי, אַכט.

— כאַ־כאַ־כאַ.

— פיר, אַכט, צוועלף, — האָט אַ הוילע שטים שווער געלאַכט אין דער נאַכט אַריין.

נאָר דאָ האָט זיך פּלוצעם פון דעם גראָז אויפגעהויבן דער

שווארצער פלעק, וואָס האָט געקניט לעבן דבורהן און וואָס אַלע האָבן געמיינט אַז זי איז שוין פאַרשוויגן אויף שטענדיק פון דעם קלאַפּ, וואָס זי האָט געקראָגן פון דעם טאַטערישן קאָזאַק.

— אויף אייערע נשמות וואַרפט גורל, אויף אייערע מוטערס, נישט אויף מיין אָדלערל, אויף מיין יונגס, נישט אויף מיין אויס־געוויינטיקט קינד, אויף מיין אייגנס, — האָט די אַלטע מאַרושאַ געשריגן צו די קאָזאַקן. און אַראָפּבייגנדיק זיך צום יונגן ווייבל, האָט זי זי אַרומגענומען און געטרייסט:

— נשמהלע מיינס, גאָט וועט אונדז העלפן. וועסט זען. אַ פייער וועט גאָט שיקן אויף זיי. אַ, די קאָזאַקן זענען ווילד געוואָרן, אין גאָט פאַרגעסן, אייגענע טאַטע־מאַמע פאַרגעסן. פאַרן קעניג האָט עס נישט קיין מורא און קיין געזעץ היט עס נישט. אַ, עס וועט אייך פאַרטיליקן גאָטס כעס, מיט אַ דונער און מיט אַ בליץ. די בריקן וועט ער ברענען אונטער אייך, די ערד שפּאַלטן, אין גיהנום וועט איר איינגעזונקען ווערן, איר הינטישע זין!

— שוויג, אַלטע מכשפה, שוויג, וואָס דו האָסט זיך צום טייוול פאַרקויפט.

— די צונג איר אויסשניידן.

— ניין, בעסער דעם קאָפּ, וועסטו פאַרשפּאָרן די צונג באַזונ־דער.

פון אונטער דעם ווייסן כאַלאַט האָבן איצט די גלאַנציקע שוואַרצע אויגן געעפנט זיך צום הימל און געקוקט אין די שטערן אַריין און געגלייבט אַז דאָרט, אין די שטערן, זיצט דער וואָס ווייסט און זעט אַלץ.

איין זאַך האָט זי געוואוסט, אַז זי וויל נישט שטאַרבן. ניין, זי וועט אַזוי לאַנג לעבן און קעמפן פאַר איר לעבן ווי ווייט זי וועט קענען, אַזוי ווי זי האָט צוגעזאָגט שלמהן. נישט פאַר זיך, נאָר פאַר איר מאַן, אַז זי זאָל די זכיה האָבן צו זיין די מוטער פון זיינע קינדער.

די קאָזאַקן האָבן געוואָרפן גורל צום לעצטן מאָל.

— צום לעצטן מאָל.

— דריי, זעקס, פינף.

אויפן געדאַנק איז איר איצט געקומען יענער שבועות אין דער פרי איידער דאָס אומגליק איז געקומען, ווי די גרינע ביימער און די גרינע לאַנקעס קוקן דורך די קליינע פענצטערלעך אין זייער קליין שטיבל אַריין. זי זעט אים איצט זיצן ביי דער גמרא. זי זעט ווי ער שאָקלט זיך איבער דער גמרא און לערנט הויך. זי הערט זיין שטים, עס קלינגט איר אין די אויערן זיין שטים ווי אַ געזאַנג. און זי שטייט ביים קאַסטן און פוצט זיך אויס פאַר אים, ניין, פאַר גאָט אין שול אַריין, אין די יום-טובדיקע צירונגען, וואָס ער האָט איר פון לובלין מיטגעבראַכט, און זי גייט צו צו אים מיטן שטערנ-טיכל און ער לייגט איר די הענט אויפן קאָפּ אַרויף און קוקט איר אין די אויגן אַריין.

פון פייערל האָט איצט אויפגעקנאַלט אַ רעש, אַ פּאַטשן מיט די הענט, אַ ווילד-חיהדיק לאַכן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז איצט קומט די ריכטיקע מינוט און איצט וועט איר גאָט העלפן.

פון פייערל האָט זיך ווער אויפגעהויבן. מיט שאַרנדיקע טריט איז דער שווייגנדיקער נאַקעטער קאַזאַק צוגעגאַנגען צום ווייסן פּלעק און אַראָפּגעריסן דעם ווייסן קאַזאַקישן מאַנטל. עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער נאַכט און פאַר די שטערן אַ מיידלשער קערפּער, האַלב פאַרהילט אין אָפּגעריסענע שמאַטעס, וואָס האָט זיך איינגעקאָרטשעט און איינגענאָרעט אין זיך ווי אַ וואָרעם.

— דו וועסט נישט צוגיין, דו וועסט מיין קינד קיין שלעכטס נישט טאָן, די אויגן וועל איך דיר אויסדראַפּען! — איז ווי אַ צע-רייצטע קאַץ אויפגעשפּרונגען די אַלטע מאַרושאַ צווישן דעם קאַזאַק און דעם ווייבל און אויסגעשטרעקט צו אים די צוויי פינגערדיקע הענט.

זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן ווי אַ געבעט און אַ געוויין. נאָר מיט אַ מאָל האָט אַ קנאַק געטאָן און די אַלטע מאַרושאַ האָט

זיך אויסגעשיט אויף דער ערד ווי אַ בינטל צעבראָכענע ביינער און געקרעכצט.

— דערבאַרעם דיך, פאַטער.

דער קאָזאַק האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געזוכט אָנ־צונעמען דבורהן, נאָר פלינק ווי אַ קאַץ האָט דבורה געגעבן אַ שפרונג אָפּ פון אים. זי האָט געזוכט מיט אירע אויגן הילף און עס האָט איר אַ שיין געגעבן די ווייכע פיגור פון יונגן קאָזאַק, וואָס איז איצט באַלויכטן געווען פון פייער ביי וועלכן ער איז געשטאַנען. זיין סאַמעטענער טרויעריקער בליק האָט איר געגעבן אַ גלעט און אַ שטראַל פון רעטונג האָט געגעבן אַ לייכט אויף אין איר געדאַנק.

— ראַטעווע מיך פון אים, איך וויל נישט געהערן צו אים, — האָט זי זיך איינגעקאַרטשעט אין דעם יונגן קאָזאַק און באַהאַלטן זיך אין אים, ווי אַ קינד אונטער אַ בוים ווען עס רעגנט.

דער יונגער קאָזאַק האָט אַ צאַפּל געטאָן. איר מיידלשע שטים, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט זינט ער האָט זי געפאַנגען, האָט אין זיין האַרץ אַ ציטער געגעבן. און ווען זי האָט געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט אירע בעטנדיקע, פייכטע אויגן, האָט ער איר בליק נישט געקענט איבערטראָגן און האָט אים אויסגעמידן. דאָך איז ער געבליבן שטיין ווי אַ בוים, ער האָט זיך נישט באַוואויגן, זיין פּנים איז בלייך געוואָרן און זיין האַרץ האָט אים אומפאַרשטענדלעך אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

אַ מינוט האָט דער צווייטער קאָזאַק צוגעקוקט וואָס דער יונגער וועט טאָן. באַלד איז ער צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט צום ווייבל און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך איר.

ער האָט פאַלש געשפּילט, איך וויל נישט צו אים! — האָט דבורה געשריגן, ווען דער קאָזאַק האָט זיך אָנגעהויבן צו איר דערנענטערן.

דער יונגער איז נאָך אַלץ געשטאַנען שטום און שטייף ווי אַ בוים. נאָר אין זיינע אויגן האָט שוין אויפגעבליצט אַ פייערל.

— שווייג, פאַרשאָלטענע, צו דיין געביטער קום! — האָט ער געוואָלט אָננעמען דבורהן ביי דער האַנט און שלעפּן זי צו זיך.

דער יונגער קאָזאַק האָט זי אַ רוק אָפּ געגעבן אין אַ זייט און געשטעלט זיך דעם צווייטן אין פּנים אַריין.

צוויי שאַרפן פון מעסער האָבן אויפגעפלאַמט אין דעם שיין פון דעם פייער.

— קאָזאַקן, וואָס טוט איר? צוליב אַ יידישקע וועט איר זיך אויסשעכטן? ווייניק יידישקעס זענען דאָ אין אוקראַינע? קאָזאַקן, באַדענקט זיך, וואָס איר טוט! — האָט דער דריטער געשריגן.

אָבער ער האָט שוין מורא געהאַט צוצוגיין.ביידע קאָזאַקן זענען געשטאַנען איינער דעם אַנדערן אין פּנים, געקוקט זיך אין די אויגן אַריין, און די רונדע טערקישע מעסערס האָבן זיך געפינקלט אין ליכט.

און פּלוצעם האָט דער יונגער ווי אַ ווילדע חיה געגעבן אַ שפּרונג אַרויף אויף דעם אַלטן מיטן מעסער, און אין אַ מינוט אַרום איז דער אַלטער שוין געלעגן און ער האָט שווער געכאָרכלט אין דער נאַכט.

— פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, דו זינדיקע נשמה, צוליב אַ יידישקע האָסטו אַ קאָזאַק אומגעבראַכט. עס זאָל ליגן די זינד אויף דיר ווי אַ שווערע לאַסט וואו דו וועסט זיך קערן און ווענדן — האָט דער צווייטער אַלטער געשאָלטן, אויסגעשפּיגן און איז אַוועק איינער אַליין אין דער טיפענ יש פון דער נאַכט.

אַ מאָמענט איז דער יונגער געשטאַנען און האָט ווי עפּעס נאָכגעקלערט. באַלד האָט ער זיך ווי אָן עפּעס דערמאָנט און גערופן צום אַפּגייענדיקן קאָזאַק אין דער נאַכט אַריין:

— היי, אַלטער, וואו גייסטו?

— איך וויל מיט דיר נישט הויזן. האָסט די נשמה דעם טייוול פאַרקויפט, — האָט אַ שטים אים אָפּגעענטפערט פון דער טיפעניש פון דער נאַכט.

אַ מינוט איז ער נאָך געשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס

צו טאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזוכט מיט די אויגן די יידישקע. ער האָט זי געפונען ליגנדיק אויפן גראָז אַ פאַרחלשטע.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן זי און צוגעטראָגן צום פייערל. גענומען זיין קאָזאַקישן מאַנטל און צוגעדעקט זי. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. דער שיין פון פייער האָט באַלויכטן איר פּנים. ער האָט געזען דעם ווייסן בלייכן קאָליר פון איר פּנים און די הייטלעך וואָס האָבן זיך אַריבערגעצויגן איבער אירע אויגנאַפּעל ווי ביי אַ טויב, און אַ ווייך געפיל האָט אים אַרומגענומען צום שוואַכן באַשעפעניש וואָס ליגט לעבן אים.

קאַפּיטל 10

אין נאַקעטן פעלד

— ווי רופט מען דיך, יידישקע? — האָט דער קאָזאַק געפרעגט.

— דבורה.

— און מיך יערעם, — ווייזט דער הויכער קאָזאַק זיינע ווייסע ציין אין שמייכל.

דבורה האָט געציטערט.

— וואָס ציטערסטו? ס'איז דיר קאַלט, יידישקע?

דבורה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— קום נענטער צום פייער.

אָבער דבורה האָט זיך איצט דערמאָנט אין דער ניאַנע און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן.

— וואָס זוכסטו, די אַלטע? — האָט דער קאָזאַק געפרעגט.

ער איז צוגעגאַנגען און גענומען די אַלטע מאַרושאַ וואָס איז געלעגן אויף דער ערד אומבאַוועגלעך פון דעם קלאַפּ וואָס זי האָט געקראָגן און צוגעשלעפּט זי צו דבורהן. דבורה האָט געכאַפּט מאַרושאַס אַלטן קאָפּ אין די הענט אַריין און צוגעדריקט איר קאָפּ צום האַרץ.

— דו וואַרט, איך וועל זי שוין געזונט מאַכן, — האָט יערעם געזאָגט — היי, אַלטע, גיב נאָר אַ נעם פון דעם האָרן, — האָט דער קאָזאַק איר צוגעלייגט צום מויל דעם האָרן מיט אָקעוויט וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך — גיב אַ גוטן טרונק, זשאַלעווע נישט, די ברידערלעך האָבן גענוג.

נאָכן טרונק האָט מאַרושאַ געעפנט די אויגן, אַרומגעקוקט זיך און דערזעענדיק לעבן זיך דבורהן האָט זי זי אַרומגעכאַפּט.

— דו לעבסט, מיין פייגעלע, אַ, דאַנקען גאָט, — און צו-

קריכנדיק אויף אַלע פיר צום קאָזאַק יערעם, האָט זי אָנגעכאַפּט זיינע הענט און געקושט:

— דו אַדלער, דו שטאַרקער, וואָס דו האָסט אונדז געראַטע־וועט פון טייוולס הענט, ראַטעווע אונדז, אין גאָטס נאָמען ראַטעווע דאָס פייגעלע, דו מלאך, פון גאָט צוגעשיקט!

— און וואָס איז זי דיינע, אַ טאָכטער דיינע?

— מער פון אַ טאָכטער, אַלץ מיין, מיין לעבן, מיין נשמה, — האָט זי אַריינגענומען דבורהן, ווי זי וואָלט זי געוואָלט באַשיצן.

— זי איז דאָך אַ יידישע און דו אַ קריסטלעכע.

— איך ווייס אַליין נישט. אין הארצן איינגעבאַקן כאַטש פון אַ פרעמדן גלויבן, ווי אַ פייגעלע פון אַ פרעמדן נעסט. איך האָב דאָך דאָס דערצויגן פון קליינערהייט אָן. זי מיט איר מאַן, ווען זיי זענען נאָך פיצינקע געווען.

— זי האָט אַ מאַן?

— יאָ, אַדלער, נישט לאַנג חתונה געהאַט, פון די שקאָלעס צוריקגעקומען, חתונה געהאַט, אין נעסט זיך באַזעצט, קינדערלעך אויסצוברין, און דאָ איז דאָס אומגליק געקומען.

— און וואו זענען די איריקע?

— איין גאָט ווייסט, געראַטעוועט זיך אָדער אין די הענט פון די קאָזאַקן אַריינגעפאַלן. ווער ווייסט צי זיי לעבן.

— ווי אַזוי לעבן זיי? צווישן די קאָזאַקן פאַרפאַלן! — באַ־שטימט דער קאָזאַק און צוגייענדיק צו דבורהן נעמט ער זי ביי דער האַנט און פרעגט זי:

— און מיינע ווילסטו זיין, יידישקע?

דבורה איז געבליבן שטום.

— ווי אַזוי דיינע, אַדלער? זי האָט דאָך אַ מאַן, — זאָגט די אַלטע מאַרושאַ.

— שווייג, אַלטע, די איריקע לעבן שוין נישט. די קאָזאַקן האָבן אַלע יידן אויסגעהרגעט. קיין מאַן האָט זי נישט מער. וועסטו זיין מיינע, יידישקע, אַזוי וועסטו לעבן, אַניט וועסטו שטאַרבן. ווי דו ווילסט.

דבורה איז שטום געבליבן.

— נו, פאר וואס ענטפערסטו נישט, יידישקע? שלעכט וועט זיין, אז דו וועסט נישט ענטפערן. נאכן רעכט האסטו געהערט צו יעפרעם סקוואז. ער האט דיך אין די שטיינער געוואונען. ער האט פאלש געשפילט, האב איך אים דערהרגעט און דיך האב איך געראטעוועט. פאר מיר האב איך דיך געראטעוועט, ווייל דו ביסט מיר געפעלן און איך האב דיך ליב געקראגן, אזוי ווי איך האב דיך דערזען. אנו, זאג, יידישקע, און מיינע וועסטו זיין? דו האסט דאך צוגעזאגט?

דבורה איז ווידער שטום געווען.

— דו ביסט דאך א גוטער, דו ביסט דאך א מלאך. א מוטער האט דיך געבוירן, נישט א הונט, ווי די אנדערע דארט. דו האסט דאך גאט אין הארצן. דו וועסט דאך נישט טאן אזא זאך. וועסט דיך דאך נישט פאר גאט פארזינדיקן. זי האט דאך א מאן, — האט מארושא געטענהט.

— שוייג, אלטע, אז נישט צעשלאג איך דיך ווי יעפרעם. גע־זאגט האט מען דאך דיר אז דער מאן אירער לעבט נישט מער. צעהרגעט אלע יידן, אלע יידן צעהרגעט.

— און טאמער האט ער זיך געראטעוועט? — פרעגט די אלטע.

— דערהרגעט, אז נישט — וועל איך אים דערהרגענען. און דו, אלטע, שוייג, טייוולשע נשמה. דו ביסט א קאזאטשקע, דארפסטו האלטן מיטן קאזאק, נישט מיטן יידן. דו האסט פארקויפט דיין נשמה צום טייוול ייד, היט דיך, אלטע! — האט דער קאזאק געזאגט בייז, אוועקגעזעצט זיך ביים פייער, ביי דבורהן, האט זי אנגענומען ביי דער האנט און געזאגט צו איר ווייך, ווי ער האט נאר געקענט:

— דו געהערסט צו מיר, איך האב דיך צום ערשטן מאל דערקענט אז דו ביסט יונג און שיין. פון די שמאטעס וואס די אלטע האט דיר אנגעטאן האב איך דיך דערקענט. און ווי איך האב נאר געגעבן א קוק אויף דיר, אזוי האט דאס הארץ מיר באלד א ציטער געגעבן, און באלד האב איך דיך ליב געקראגן און רחמנות געקראגן אויף דיר ווי אויף א טייבל א יונגס. קיינעם וועל איך דיך נישט

אָפּגעבן, נישט דעם העטמאַן און נישט דעם כאַן. איך וועל אַלע צעהרגענען און דיך באַהאַלטן פאַר מיר.

אַ מינוט האָט דבורה געשוויגן. פּלוצעם האָט זי דעם קאָזאַק געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— איך בין דאָך ביי דיר אין די הענט. און דו קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט. און דאָך האָב איך נישט קיין מורא פאַר דיר. אַ שטאַרקערער פון דיר היט מיך. דו קענסט מיך שלאָגן און איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר. אַז איך וועל וועלן — וועל איך ליב האָבן, און אַז איך וועל נישט וועלן — וועל איך נישט ליב האָבן.

— אַז איך וועל וועלן וועל איך ליב האָבן, און אַז איך וועל נישט וועלן, וועל איך נישט ליב האָבן, — גוט געזאָגט, יידישקע, גוט. און איך וועל דיך נישט נייטן, אַז דו זאָלסט מיך ליב האָבן, אַז נישט וועל איך טאָן אָט וואָס, — זאָגט דער קאָזאַק און גייט צו צו דער אַלטער — איך ווייס נישט וואָס זי איז דיינע: אַ מוטער, צי וואָס? אַלץ איינס, זאָג, יידישקע, וועסט זיין מיין, לאָז איך זי לעבן. אַז נישט הרגע איך זי.

דבורהס אויגן האָבן אַ פינקל געגעבן. נאָר איין ווײַלע האָט זי געצווייפלט. באַלד איז איר עפּעס קלאָר געוואָרן אַז זי מוז ראַטעווען די אַלטע. ווי אַזוי האָט זי נאָך נישט געוואוסט, כאָטש זי איז גרייט געווען אויף אַלץ.

דבורה האָט זיך אָנגערופן ווי מיט פאַרשעמטקייט:

— דיין ווייבל וועל איך זיין, דיין ליובאָווניצע נישט.

— דאָס איז רעכט, דאָס האָסטו גוט געזאָגט. דאָס געפעלט מיר, מיין ווייבל וועסטו זיין, מיין ליובאָווניצע נישט.

— וואָס האָסטו געטאָן, טאָכטער, צוליב מיינע אַלטע טעג האָסטו דיך פאַר גאָט פאַרזינדיקט. וואָס האָסטו געטאָן? — האָט מאַרושאַ אויסגעשריגן.

— שווייג, אַלטע, איך האָב זי דאָך ליב, — זאָגט דער קאָזאַק גערירט. אַנדערש נישט — זי האָט מיר אַ כישוף אָנגעטאָן. דעם בעסטן ברודער האָב איך דאָך פאַר איר געהרגעט. ער איז דאָך

געווען מיין פעטער, — ווייזט ער מיטן פינגער אויפן טויטן קאזאק, — מיין לערער געווען, אויף פערד האט ער מיך געלערנט רייטן, מיטן ביקס שיסן, און איך האב אים צוגעהרגעט צוליב א יידישקע. די אייגענע מאמע וואלט איך געקענט צוליב איר הרגענען . . . סיידן נאר א כישוף האט זי מיר אנגעטאן.

דבורהן איז עפעס איינגעפאלן. זי האט זיך אויפגעהויבן פון פייערל, אין שיין פון פלאם האט זי זיך אויסגעצויגן און געבליבן שטיין ווי א דערשיינונג פון א פרעמדער וועלט.

— דאס האב איך אזוי געמאכט.

— ווי אזוי האסטו דאס געמאכט?

— מיט דעם כישוף וואס איך באזיץ.

— און דיין שבועה געבראכן וואס דו האסט דיין מאן געשווארן, און גאט פארגעסן, דו אומגליקלעכע? — האט די אלטע זי געשאלטן.

דבורה האט אירע שלאנקע ביינערדיקע הענט צום הימל אויסגעצויגן, איר בלייך פנים צו די שטערן פארווארפן.

— אזוי האט מען מיך געהייסן.

— ווער?

— דער וואס זיצט אויבן, און מיט זיין מאכט.

דער נאאיווער קאזאק איז דערשראקן געווארן פאר איר פנים. ער האט זיך געווענדט צו דער ניאניע:

— וואס רעדט זי?

— איך ווייס נישט, — האט די ניאניע געשטאמלט אויך פאר שרעק, — איך דערקען זי נישט. דאס רעדט זי מיט איר גאט אזוי.

— איך האב מיינע ביינער מיט דעם כישוף־זאלב אויסגעשמירט וואס ער האט מיר געגעבן, און קיינער קען מיר קיין שלעכטס ניט טאן. אט שטיי איך פאר דיר, פרואוו דיין מעסער אין מיר און זע צי איך זאג ליגן.

דער קאזאק איז דערשראקן געווארן. די נאזלעכער האבן אים אנגעהויבן צו ציטערן, זיין מעסער האט געברים אין זיין האנט.

— וואָס טוסטו? וואָס רעדסטו? — האָט זי די ניאַניע אַרומ־גענומען.

— דו נאַר איינע, אַ דו נאַרעלע! וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? ווייסטו ניט אַז ווען גאָט באַשיצט מיך קען מיר קיין שלעכטס ניט געשען?

די ניאַניע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני פאַר איר, געכאַפּט אירע הענט און איינגעגראָבן אין זיי איר אַלט פּנים וואָס איז פייכט געווען פון טרערן.

פון דער ווייטנס איז געשטאַנען דער קאָזאַק. ער האָט גע־ציטערט. אַ שרעק האָט דעם הויכן שטאַרקן גוי אַרומגענומען פאַר דער יידישקע.

— קום צו דער מאַמען אַהיים, יידישקע. ביי דער מאַמען וועל איך דיך האַלטן ביז צו דער חתונה. די קאָזאַקן קענען קומען, דיך זען און אַוועקנעמען דיך פון מיר.

— איך וועל ניט פריער גיין מיט דיר ביז דו וועסט מיר ניט ביי דיין נשמה שווערן, ביי דיין אמונה, איידער איך גיי מיט דיר.

— אַלץ וועל איך דיר שווערן, שיינע יידישקע. זאָג, וואָס ווילסטו אַז איך זאָל דיר שווערן ביי מיין נשמה, ביי מיין אמונה?

— איך ווייס, יערעם, אַז דו ביסט אַ גוטער, דו האָסט מיך פון שלעכטע הענט געראַטעוועט. דו האָסט ניט דערלאָזט מיר קיין בייז טאָן. גאָט וועט דיר דערפאַר באַצאָלן. זאָג מיר איצט צו, יערעם, איידער איך גיי מיט דיר, אַז ביז צו דער חתונה וועסטו מיך שאַ־נעווען, מיין ריינקייט היטן און מיר קיין שלעכטס ניט טאָן.

דער הויכער קאָזאַק האָט געשמייכלט.

— ביי גאָט זאָג איך דיר צו, מיין שיינע יידישקע, אַז ביז צו דער חתונה וועל איך דיך שאַנעווען, דיין ריינקייט היטן און דיר קיין שלעכטס ניט טאָן.

— געדענק, יערעם, דו האָסט מיר צוגעזאָגט ביי דיין אמונה און ביי דיין נשמה געשוואָרן. און טאָמער וועסטו שלעכטע גע־דאַנקען האָבן און מיר וועלן שלעכטס טאָן, וועל איך דורך דעם

כישוף וואָס איך באַזיץ גלייך וויסן דיינע געדאַנקען. און אַזוי ווי דו וועסט מיר נאָר ווען שלעכטס טאָן, אַזוי וועט גלייך קומען די העכערע מאַכט וואָס באַשיצט מיך און צונעמען מיך פון דיר. און דו וועסט גאָרנישט קענען טאָן!

— ביי גאָט שווער איך, — ציטערט דער קאָזאַק, — ווי אַ הייליק בילד דיך אָפּהיטן, ווי אַ הייליקע, — שווערט דער קאָזאַק. און ער האָט זי אין זיין לאַנגן ווייסן קאָזאַקישן מאַנטל איינגע־וויקלט און אַרויסגעפירט זי פון פעלד צו דער מוטער אַהיים. די אַלטע מאַרושאַ איז נאָך זיי נאָכגעגאַנגען, און דער מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן צו גרויען, באַלייכטנדיק די שפּיצן ביימער וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן איבער דער וועלט ווי פון אַ נעפּל אַרויס.

קאַפּיטל 11

פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה

כמעלניצקי האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דעם פּוילישן פעלדמאַרשאַל דאָמיניק וועגן אונטערגעבן זיך צוריק צו דער פּויליּשער קרוין. ער האָט אָבער אַלץ געהאַלטן אין איין שיקן זיינע האַרדעס קאָזאַקן חרוב צו מאַכן אומבאַשיצטע שטעט כדי מיט רויב צו באַצאָלן זיינע קאָזאַקן. אויפצוהאַלטן די פריינדשאַפט פון די טאָטערן האָט ער באַדאַרפט באַרייכערן די האַרעמס פון כאַן מיט שיינע יידישע ווייבער און טעכטער. איז אַ האָרדע פון צען טויזנט קאָזאַקן, אָנגעפירט פון איינעם פון זיינע רויבער, קריוועצאָס, אָנגעפאַלן אויף די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און אָפּגעווישט זיי פון דער ערד. נאָך די האָרדעס קאָזאַקן זענען נאָכגעגאַנגען באַנדעס טאָטערן ווי שאַרן שוואַרצע רויבפייגל.

בחינם האָט דער איידעלער פירשט ווישניאָוויעצקי געבעטן ביי די פּוילישע שררים און מאַכטהאָבערס הילף פאַר זיין קליינער מחנה פּוילישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געקעמפט קעגן די קאָזאַקן און טאָטערן. זיין שטים וואָס האָט געוואָרנט קעגן דער קאָזאַקישער געפאַר איז געבליבן אָן אָן אָפּקלאַנג. דער פעלדמאַרשאַל דאָמיניק האָט נאָך אַלץ גערעכנט אויף כמעלניצקים יושר און וויליקייט זיך איבערצוגעבן צו פּוילן. ער האָט געהאַלטן אַלץ אין איין מאַכן קאָנצעסיעס צו די קאָזאַקן און באַשענקען כמעלניצקין מיט נייע טיטולן, מיינענדיק אַזוי אַרום איינצושטילן דעם קאָזאַק. די שררים זענען געווען פאַרנומען מיט די וואַלן פון אַ נייעם קעניג אויף דעם אָרט פון פאַרשטאָרבענעם קעניג וולאַדיסלאַוו. קיינעם איז נישט אָנגעגאַנגען דער גורל פון דער ווייטער אוקראַינישער פּראָווינץ.

צום סוף האט ווישניאַוויעצקי אַליין אויך געמוזט אויפגעבן זיין קליינע פוילישע אַרמיי און איז געפאָרן קיין ווארשע זוכן הילף ביי די פאַרהוליעטע פּריצים פאַר דער אומגליקלעכער אוקראַינישער באַפעלקערונג.

דערווייל איז דאָס גאַנצע לאַנד פריי און אָפן געלעגן פאַר די קאַזאַקישע האַרדעס. ווי אַ טייך וואָס פאַרפּלייצט, אַזוי האָבן זיי זיך געטראָגן פון שטאָט צו שטאָט און אָפּגעמעקט אַלע לעבעדיקע שטעט, פאַרברענט און פאַרמעגנס באַרויבט. און די באַפעלקערונג, סיי יידישע סיי פוילישע, אויסגעשאָכטן מיט דער שווערד, נאָר די וואָס האָבן זיך געטויגט פאַר די שקלאַפנמערק האָבן די טאַטערן געלאָזט לעבן און מיט די שיינע ווייבער און מיידלעך האָבן זיי באַרייכערט זייערע האַרעמס.

נאָך נעמיראָוו האָבן זיי זיך געלאָזט קיין טולטשין. אין טול־טשינער פעסטונג האָבן זיך באַהאַלטן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און די אַנטלאָפענע פון נעמיראָוו. האָט זיך אָנגעזאַמלט אין טולטשין אַ יידישע באַפעלקערונג פון צען טויזנט נפשות מיט זייער פיל יידיש רייכטום וואָס די יידן האָבן מיטגענומען מיט זיך. און אויף דעם פאַרמעגן האָבן זיך געלאָזן די קאַזאַקן און אויף די ווייבער און מיידלעך האָבן זיך געלאָזט די טאַטערן.

נאָר אַזוי לייכט איז קריוועָנאָסן מיט זיינע האַרדעס קאַזאַקן נישט אָנגעקומען טולטשין צו נעמען. טולטשין איז געווען אַ פעס־טונג, און די יידן, וואָס זענען ס׳רוב געווען אַנטלאָפענע פון חרוב־געוואָרענע שטעטלעך, האָבן געוואוסט וואָס עס הייסט אַריינצופאַלן אין קאַזאַקישע הענט. האָבן זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז בעסער אין דער שטאָט פאַר הונגער אויסגיין, בעסער אין קאַמף צו שטאַרבן, איידער צו די קאַזאַקן אין די הענט אַריינצופאַלן.

אין דער שטאָט האָט זיך אויך געפונען אַ רעכט ביסל פּאַליאַקן, עטלעכע הונדערט פוילישע זעלנער. האָבן די יידן מיט די פּאַליאַקן געשלאָסן אַ בונד, געשוואָרן זיך, און דער רב ר׳ אהרון, דער ראש הישיבה פון טולטשין, און דער פּריץ טווערטשינסקי, האָבן זיך אויף אַ כתב אונטערגעשריבן אַז זיי זאָלן ביז צום לעצטן מאַן, ביז צום

לעצטן טראָפּן בלוט קעמפן זייט ביי זייט און די שטאָט באַשיצן פון קאָזאַקישע הענט.

און אַ גרויס ברודערשאַפט איז געוואָרן צווישן די פּאָליאַקן און די יידן. די יידן האָבן זיך אין די שולן פאַרזאַמלט, די פּאָליאַקן אין די קלויסטערס, און גאָט געבעטן אַז ער זאָל זיי מציל זיין פון די קאָזאַקישע הענט און געשוואָרן זיך צו באַשיצן איינער דעם אַנדערן. מען האָט זיך „פּאַן־בראַטעוועט". די פּאָליאַקן האָבן געשריגן צו די יידן: „קאָכיימישע", און די יידן האָבן זיך געטיילט מיט זיי דאָס עסן וואָס זיי האָבן אין שטאָט אָנגעזאַמלט כדי אויסצוהאַלטן די באַלאַגערונג ביז הילף וועט קומען פון די פוילישע שררים.

די פּאָליאַקן און די פוילישע זעלנער, אונטער דער פירערשאַפט פון פּריץ טווערטשינסקי, וואָס זענען געווען מער געלערנט אין מלחמה־טאַקטיק ווי די יידן און געוואוסט ווי אומצוגיין מיט געווער, האָבן גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן די פעסטונג פון טולטשין. און די יידן וואָס זענען געווען אין אַ פיל גרעסערער צאָל פון די פּאָליאַקן און מער מוטיק פון די פּאָליאַקן, ווייל זייער געפאַר איז געווען אַ גרעסערע, האָבן גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיקן די שוואַכערע און אומבאַשיצטע טיילן פון דער שטאָט.

זיי האָבן זיך באַלאָדן מיט טערקישע כלי־זיין, מיט פולווער־שיסנדיקע ביקסן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער פעסטונג. זיי האָבן אַרום דעם מויער אויפגעשטעלט הויכע רישטעוואַניעס, לייטערס, באַשטעלט זיי מיט געשטעלן און אָנגעזאַמלט אויף זיי מאַסן שטיינער, געוויכטן. די ווייבער האָבן אָפּגעקאָכט גרויסע טעפּ מיט צעלאָזענעם חלב, בריענדיקער קאַשע, געזאָטן וואַסער און געבראַכט צו די מויערן. אָפט מאָל האָבן די יידן געלאָזט די קאָזאַקן נאָענט צוקומען צום מויער און אונטערשטעלן זייערע אייזערנע ווידלעס אונטערצוברעכן די מויערן, און פלוצעם מיט אַ מאָל האָבן די יידן אָנגעהויבן צו רעגענען אויף זיי מיט שטיינער, צו באַגיסן זייערע קעפּ מיט טעפּ געזאָטענעם חלב. די קאָזאַקן זענען אַנטלאָפן, איבער־לאָזנדיק די ווידלעס מיט זייערע טויטע אַרום די מויערן. און נישט איין מאָל האָבן די יידן, ווי אַמאָל ביי דער באַלאַגערונג פון ירושלים,

ארויסגעלאָזט זיך פון דער שטאָט און מיט אַ פּאַראַכטונג צום טויט געוואָרפן זיך אין די מחנות קאָזאַקן, געטייט אַ סך פון זיי און די איבעריקע צוריקגעיאָגט אין זייערע לאַגערן.

אין שטאָט איז אָבער וואָס אַ מאָל געוואָרן ווייניקער עסן. דאָס עסנווארג וואָס די יידן האָבן אָנגעזאַמלט אין שטאָט איז דורך אַ פאַרוואַלטערשאַפט צעטיילט געוואָרן אויף גלייכע חלקים צווישן די יידן און די פּאָליאַקן. צו ערשט האָט מען געשפּייזט די קינדער און די פרויען, די מענער פלעגן אָפּט אַליין זיך איינשאַפן שפּייז פון די קאָזאַקן. די יידן האָבן דורך זייערע אויסקוקערס אויסגעפונען ווען די קאָזאַקן פלעגן צונויפטרייבן סטאַדעס שעפּסן, בהמות, אָקסן. פלעגן די יידן זיך אַרויסרייסן פון שטאָט אין די קאָזאַקישע מחנות אריין און אַוועקנעמען פון זיי די סטאַדעס בהמות און זיי טרייבן אין שטאָט אריין און באַזאָרגן די שטאָט מיט שפּייז אויף וואָכן לאַנג.

צווישן די יידישן קעמפערס האָט זיך אויך געפונען מענדל, דער פרנס פון זלאָטשעוו. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָרן זיין זון פאַר זיינע אויגן, שווימענדיק איבער דעם טייך, און נישט געהערט גאָרנישט פון דער שנור וואָס איז אַוועק מיט דער אַלטער מאַרושאַ, האָט ער גענומען זיין ווייב און איז מיט איר געגאַנגען קיין טולטשין, ווי אַנדערע אַנטרונענע, מיט דער האָפענונג, טאָמער האָט די אַלטע מאַרושאַ געבראַכט קיין טולטשין זיין שנור, דורך אַן אַנדערן וועג. אָבער נישט געפינענדיק זי אין טולטשין און זייענדיק זיכער אַז זיין זון, נאָך דעם ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קאָזאַקן, לעבט נישט מער, איז אים זיין אייגן לעבן מיאוס געוואָרן. ער האָט נישט געהאַט מער פאַר וואָס צו לעבן און נישט געוואָלט מער לעבן. אָבער מענדל האָט צו פיל געזונטן אינסטינקט געהאַט, און די אמונה אין גאָט האָט אים נישט געלאָזט צו זיך אַליין אַ סוף מאַכן. ער, ווי אַ סך אַנדערע, פאַרלירנדיק יעדע האָפענונג אויף אייגן גליק, האָט איבערגעטראָגן זיין פערזענלעך גליק און האָפענונג אויף דעם קיום פון דער גאַנצער עדה. די עדה פון טולטשין איז געוואָרן זיין קינד, זיין שלמה, זיין צוקונפט, זיין אייגן לעבן. אין דער עדה האָט ער צוריקגעפונען זיין אייגענע קראַפט און פאַר איר קיום

האָט ער מיט אַ פאַראַכטונג צום טויט, און פערזענלעכן גליק, וועלכן ער האָט נישט מער געפילט, זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף. ער האָט געוואָלט שטאַרבן פאַר דער יידישער אמונה, האָט ער דער ערשטער זיך אַריינגעריסן אין קאַמף, אין די געפערלעכסטע אונטער־נעמונגען, מיטשלעפנדיק מיט זיך אַנדערע, אָנצינדנדיק אין זיי אַ הייליקע באַגייסטערונג מיט זיינע ווערטער.

— יידן! — פלעגט ער זאָגן מיט באַגייסטערטע, שטראַלנדיקע אויגן, — אונדזערע קינדער האָבן זיי געטייט, אונדז וועלן זיי טייטן, אָבער אונדזער גאָט לעבט אייביק, טאָ לאָמיר מלחמה האַלטן פאַר זיין כבוד ווענן, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה!

און די קאָזאַקן האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט דערקענט די יידן. זענען דאָס די יידן וואָס פלעגן זיך צונויפקלייבן אין די שטעטלעך ווי געבונדענע שעפסן, ווי עופות געשאָכטענע? זענען דאָס די דערשראָקענע און ציטערדיקע יידן? ווי ווילדע טיגערס פלעגן זיך די יידן אַרויסלאָזן צו די קאָזאַקן פון די מויערן. מיט בלויזע הענט, מיט שטעקנס און אייזנס, און מיט אַ געשריי „פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה" פלעגן זיי זיך אַריינלאָזן אין די האָרדעס קאָזאַקן. זיי האָבן נישט געקוקט אויף די קוילן פון די ביקסן, דער רעש פון האַרמאַטן האָט זיי נישט אָפּגעשטעלט. מיט געשרייען און מיט פלאַמענדיקע אויגן האָבן זיי צעריסן די וואָלקנס רויך וואָס האָט געררייכערט דורך די רערן פון די האַרמאַטן און אַריינגעלאָזט זיך צווישן די קאָזאַקן, געביסן זיי מיט די ציין, אַרויסגעריסן מיט די פינגער די אויגן, און מיט די לאַנגע חלפים פלעגן זיי שניידן העלדזער און קעפּ. אָפט מאָל האָט זיך אַ ייד איינגעוויקלט אין אַ קאָזאַק, און מיט יידישער עקשנות זיך אַזוי לאַנג איינגעביסן מיט די ציין אין קאָזאַקס האַלדז, ביז זיי זענען ביידע געפאַלן, און יידיש בלוט און גוייש בלוט האָט זיך אין איינעם אויסגעמישט.

אַ סך יידן, גרייט צו שטאַרבן, האָבן זיך אָנגעטאָן די תכריכים, די קיטלען, טליתים, און מיט חלפים אין די הענט זענען זיי אַריין צווישן די קאָזאַקן. דערזעענדיק די ווייס־באַקליידטע געשטאַלטן טראָגן זיך אין דער נאַכט מיט פלאַמענדיקע אויגן און הייליקע באַשיינטע פנימער, איז אויף די האָרדעס אַ גרויסע שרעק אָנגע־

פאַלן. זיי פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קני פאַר די ווייסע יידן און בעטן צו זיי ווי צו מלאכים:

— גאָט, האָב רחמנות!

אַנדערע זענען דערשראָקן געוואָרן פון שרעקלעכן כעס וואָס שיינט אַרוים פון די ווייסע יידישע פּנימער און זענען אַנטלאָפן מיט ווילדע געשרייען, ווי געטלעכע דערשיינונגען וואָלטן זיי נאָכגעיאָגט, און האָבן אַ שרעק אָנגעצונדן מיט זייערע געשרייען אין די מחנות. און גאַנצע פּאָלקן סאָלדאַטן זענען אַנטלאָפן פאַר די תכריכים-באַקליידטע יידן, איבערלאָזנדיק אַלצדינג הינטער זיך.

וואָכן לאַנג זענען געשטאַנען די קאָזאַקן הינטער די טולטשינער טויערן און די שטאָט נישט געקענט נעמען. בחינם האָט קריוועָנאָס געשאָלטן און געזידלט זיינע סאָטניקעס: די קאָזאַקן זענען אַנטלאָפן פאַר די ווייסע יידן, ווי די שרעק פון גאָט וואָלט אויף זיי געפאַלן. קריווע-נאָס האָט אָבער באַשטימט צו נעמען די שטאָט מיט שטורעם. ער האָט זיך געשעמט פאַר די טאָטערן וואָס זענען מיט אים אין לאַגער, וואָס די קאָזאַקן אַנטלויפן פאַר די יידן. ער האָט מורא געהאַט פאַר כמעלניצקין און געשראָקן זיך אַז דער כאַן פון די טאָטערן זאָל דערפון נישט געוואויר ווערן. ער האָט צונויפגענומען גרויסע מחנות קאָזאַקן און פּויערים פון דער גאַנצער געגנט אַרום. אין די צענדליקער טויזנטער זענען אָנגעקומען די פּויערים וואָס האָבן זיך באַפרייט פון די שטעט און דערפלעך. פערד און וועגן און מחנות האָבן באַשוואַרצט דאָס גאַנצע לאַנד אַרום טולטשין. אין שטאָט האָט מען געהערט דאָס ברומען און הירזשען פון די מחנות וואָס באַלאַגערן די שטאָט. ביי נאַכט האָט מען געזען די פייערן פלאַקערן איבער דער גאַנצער סטעפּ. און אַ סך זענען געווען די פייערן פון די לאַגערן ווייט-וווייט אין סטעפּ אַריין. די יידן האָבן זיך נישט געשראָקן, זענען גרייט געווען אַלע ביז איינעם צו שטאַרבן, אָבער נישט ווי שאָף שטאַרבן, נאָר אין מלחמה, אין מלחמה פאַר גאָט און זיין תורה.

דאָס וואָרט וואָס דער פּרנס פון זלאָטשעוו האָט אַריינגעוואָרפן אין דער עדה האָט פאַרוואַנדלט טויט-פאַראורטיילטע אין גיבורים, האָט אויפגעפלאַקערט צוריק אין יידן דעם אַלטן יידישן גייסט.

אַ פרייד איז געווען פּאַר זיי דער טויט. און ווי אַמאָל הינטער די טויערן פון ירושלים — אַזוי האָבן זיי איצט געקעמפט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די ווייבער געטראָגן די שטיינער אויף די לייטערס, געקאָכט דעם חלב, טעפּ בליי, און געשלעפּט גרויסע טונען מיט סמאָלע אַרויף אויף די געשטעלן הינטערן מויער און געגרייט זיך צו דער מלחמה.

טשווערטינסקי מיט זעקס הונדערט פּוילישע סאָלדאַטן מיט קאַנאָנען און ביקסן זענען געווען אין פעסטונג. מיט אים איז אויך געווען די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג פון טולטשין און אַלע זענען באַלאָדן געווען מיט געווער די שטאָט צו באַוואַכן.

ווען דער ערשטער בליאַסק פון מאָרגן האָט אָנגעהויבן צו באַקרוינען די שפּיצן פון די טורעמס פון טולטשין, האָט קריווע-נאָס געשיקט זיינע ערשטע רייען צום מויער מיט אייזערנע בויערערס. די ערשטע רייען זענען באַשטאַנען פון פּויערים פון דער אַרומיקער געגנט וואָס קריווע-נאָס האָט באַוואָפנט. ער האָט געוואָלט אַז די יידן זאָלן אויף זיי אויסשיטן אַלע שטיינער און אויסגיסן די סמאָלעס, כדי ווען די גענייטערע קאָזאַקישע זעלנער וועלן צוקומען, זאָלן זיי שוין זיין אָפּגעשוואַכט. אָבער אומגעריכט האָבן די יידן אויס-געשאָסן מיט קאַנאָנען איידער די רייען זענען צום מויער אָנגע-קומען. ביי נאַכט האָבן זיי די קאַנאָנען אַראָפּגענומען פון דער פעסטונג און צעשטעלט אויף געביידעם אַרום דעם מויער, און ווען די פּויערים האָבן דערהערט דעם קאַנאָנען-שאָס און זענען איינ-געוויקלט געוואָרן אין וואָלקנס רויך, זענען זיי זיך צעלאָפן אויף אַלע פיר זייטן ווינט.

קריווע-נאָס האָט געשיקט איין ריי נאָך דער אַנדערער, און די יידן האָבן זיי געהאַלטן אין איין פאַרטרייבן מיט קוילן און קאַנאָנען-שאָסן. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געהאַלטן די קאָזאַקן אין איין פאַרטרייבן פון מויער. און ווען עס איז געוואָרן נאַכט זענען ענדלעך די קאָזאַקן צוגעקומען צום מויער און אָנגעהויבן אונטער-צושטעלן זייערע בויערערס, האָבן זיי די יידן באַגעגנט מיט אַ רעגן פון שטיינער, זיי האָבן געגאָסן אויף זיי געקאָכט בליי און געזאָטענע קאַשע, פייערדיקע שטיקער סמאָלע זענען געפאַלן פון מויער אויף

די קעפּ פון די קאַזאַקן. אַ סך זענען פאַרברענט געוואָרן אונטער דעם פייער און געבליבן ליגן אויף זייערע בויערערס, טליענדיק זיך. אָבער וואָס אַמאָל זענען מער רייען קאַזאַקן צוגעשפּרונגען אויף די פערד צום מויער, און וואָס אַ מאָל מער האָט דאָס פייער וואָס האָט זיך געגאָסן פון די מויערן פאַרברענט און אויסגעראַט די רייען אונטערן מויער.

די קאַזאַקן האָבן געהירזשעט, געשריגן און געליאַרעמט. איינער האָט דעם אַנדערן אונטערגעיאָגט מיט גוואַלדן און הורא-געשרייען. אָבער דער פייערדיקער רעגן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו גיסן פון דעם מויער, און די קופּעס לייבער טליענדיק זיך אין ברענענ־דיקער סמאָלע זענען אַלץ מער אָנגעוואַקסן אין הויפנס ביי דעם גרונט פון דער וואַנט. ענדלעך האָט זיך דער טויער פון מויער אויפגעעפנט און מחנות ווייסע יידן האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַרויס פון טויער, און מיט דעם געשריי „פאַר גאָט און פאַר זיין תורה” זענען זיי ווי די רוחות, מיט חלפים אין די הענט, אַריין אין די האָרדעס, און ווי די פויערים האָבן דערזען די ווייסע מחנות יידן, אַזוי איז גאָטס שרעק זיי באַפאַלן, זיי זענען זיך צעלאָפן אויף אַלע זייטן, און די יידן זענען צוריק אין שטאָט אַריין זינגענדיק קאַפּיטלעך תהילים.

ענדלעך איז נאַכט געוואָרן און די קאַזאַקן האָבן זיך געזאַמלט אַרום די פייערן אין זייערע לאַגערס. פון יענער זייט מויער האָט זיך אַלץ געהערט דאָס געזאַנג פון די חזנים. דאָס געזאַנג האָט זיך געהערט אַ גאַנצע נאַכט פון דער שטאָט אַרויס. דאָס האָבן די חזנים געזונגען קאַפּיטלעך תהילים און געשריגן צו גאָט. און עס איז נישט געווען קיין געשריי פון באַלאַגערטע, נאָר אַ גרויס לויב געזאַנג צו גאָט פון די וואָס זענען גרייט צו שטאַרבן פאַר זיין כבוד, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה.

און עס האָבן גערעדט צווישן זיך די קאַזאַקן ביי די פלאַמען פייערן אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט:

— דער אַלטער יידישער גאָט האָט זיך אויפגעוועקט און איז צוריקגעקומען פון ירושלים. ער איז מיט די יידן אין שטאָט. וויי צו אונדז! וויי צו אונדז!

קאַפּיטל 12

דער בריוו

אין געצעלט איז געלעגן אויף אַ פּאַק קאַזאַקישע טעפּעכער דער פּירער פון די קאַזאַקן קריווע-נאָס, צוגעדעקט מיט אַ שעפּסענעם פעלץ, כאָטש די נאַכט איז געווען אַ הייסע אַב-נאַכט. אין געצעלט איז געשטאַנען אַ שטיקענדיקער ריח פון אַזאַ מין פערד-חלב, מיט וועלכן אַ קאַזאַקישע באָבע, האַלב אַ כישוף-מאַכערין און האַלב אַ רפואה-געבערין, האָט דעם פירער אַלע נאַכט אויסגעשמירט די פיס. דער פירער איז קראַנק געווען אויף רעמאַטעם. דער חלב האָט גע-דראַפּעט אין האַלדז, געביסן די נאָז. אין געצעלט איז געווען אַזאַ געניסעריי, אַזאַ הוסטעריי פון די קאַזאַקישע סאָטניקעס, וואָס זענען געזעסן אַרום דעם פירער, אַז זיי האָבן מיטן ניסן און הוסטן פונאַנ-דערגעבלאָזן די פלאַמען פון די חלבנע ליכט וואָס האָבן געשטעקט אויף די שפּיצן פון די הויכע טערקישע לייכטערס.

קריווע-נאָס איז געווען שלעכט אויפגעלייגט. עס האָט אים זייער דערקוטשעט דער רעמאַטעם. די ביינער און די פיס זענען אים פייכט געוואָרן און אַזוי שווער, ווי שווערע שטיינער וואָלטן אים געווען צוגעבונדן צו די פיס. און דאָ איז אַזוי וואָרעם געווען און אינעווייניק אין די פיס איז אַזאַ דינער ווייטיק וואָס נאָגט און נאָגט ווי אַ וואָרעם און לאָזט פון קיין זאַך נישט קלערן, נאָר וועגן זיך. און עס זענען דאָ וויכטיקע און ערנסטע געשעפטן צו פאַר-האַנדלען.

שוין פיר וואָכן ווי מען שטייט ביי טולטשין און מען קען נישט נעמען די שטאָט. זיי האָבן שוין געדאַרפט זיין לאַנג אין באַר, אין לוואָוו האָבן זיי שוין באַדאַרפט זיין, און דערווייל קען נאָך אונטערקומען דער פירשט ווישניאָוויעצקי, און צוליב וואָס? איבער

די יידן! נישט קיין סאָלדאַטן האַלטן זיי אָפּ, נאָר די יידן! קאָזאַקן אַנטלויפן פאַר יידן. ער האָט די סאָטניקעס געשאָלטן, געזידלט, און דעם נאַנטסטן, וואָס ער האָט געקענט דערגרייכן, האָט ער מיט דער בולאַווע געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ:

— אָ, איר כאַמעס, כלאָפּעס! פון ווען אָן אַנטלויפן דאָס קאָזאַקן פאַר יידן? די טאַטערן וועלן דערפון געוואויר ווערן, דער כאַן וועט שפּאָטן, אין די פויסטן לאַכן, אַ שאַנד און אַ שפּאָט וועט זיין, די קאָזאַקן וועט ער פאַרלאָזן, קיין אַסטראַכאַן אָפּציען, און די ברידער־לעך קאָזאַקן וועלן אַליין איבערבלייבן, פאַר אַ שפּיל פון די פּאָליאַקן, קיין וואַרשע צו פירן, די קעפּ אַראָפּצוהאַקן.

— און דו, פּאַטערל, בייזער זיך נישט. פאַר יידן וואָלטן מיר שוין נישט קיין מורא געהאַט. דאָס האָבן מיר מורא פאַרן שטן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו חברן זיך מיטן יידן. אַזוי ווי ער קומט נאָר פון די טויערן אַרויס, דער ייד, אַזוי באַווייזט זיך שוין דער שטן צווישן אים. אין ווייסע קיטלען גייט ער אָנגעטאָן און לאַנגע חלפים האַלט ער אין די הענט. און אַזוי פיל איז דער שטן, אַז דער טייוול ווייסט אים. אָט אַ מאָל איז ער דאָ און אַ מאָל איז ער דאָרט. און אַזוי ווי די קאָזאַקן דערזעען אים, דעם שטן, צווישן די יידן, אַזוי וועט שוין גאָר נישט העלפן — זיי וואַרפן אַלץ און אַנטלויפן אַז מיט אייזערנע קייטן וועסטו זיי נישט צוריקהאַלטן.

— דאָס איז נישט דער שטן. דאָס איז דער גאָט זייערער וואָס באַווייזט זיך אין די קיטלען, — דערציילט אַן אַנדער סאָטניק — מען זאָגט, דער גאָט זייערער איז צוריקגעקומען און נעמט זיך אָן פאַר זיי. דערמאָלט ווי איז צו אונדז, קאָזאַקן.

— גאָט אָדער דער שטן — אייך, סאָטניקעס, דאַרף מען די קעפּ אָפּהאַקן פאַר דער שאַנד וואָס איר האָט געבראַכט אויף די קאָזאַקן. דעם כאַן האָבן מיר צוגעזאָגט צוויי הונדערט מיידלעך און ווייבלעך פון טולטשין און שקלאַפן אַ סך. און דאָ שטייען מיר, די יידן נעמען אונדז די בהמות אַוועק. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? קאָזאַקן זענט איר? הינט אַזעלכע פאַרשיווע, ווייבערשע ספּאָד־ניצעס! — האָט דער פירער געשאָלטן און געשלאָגן זיך.

— אָ, ברודערל, וועסט דאָ גאָרנישט נישט מאַכן, אַ פאַרטל

מוז מען אויסקלערן, א גוט פארטל, ווי אזוי אין שטאט אריינצוקו־מען, אזוי ווי מיר האבן געטאן אין נעמיראוו. דאס איז אלץ, — זאגט איינער פון זיי. — מיט פוילישע פאנען וועסטו זיי מער נישט נארן. נעמיראוו האט כיטרע געמאכט דעם טייוול ייד.

אין א ווינקל איז געזעסן א שוויַיגנדיקער קאזאק, א דארער און א הויכער, מיט א פאר ניכטערע שווארצע אויגן. ער האט זיך צו אלצדינג צוגעקוקט און געשוויגן. כאטש דאס פנים זיַינס רוי און ווילד, דאך האט ער אויסגעזען ווי א געלערנטער פון די קאזאקן. ער איז געווען טרויעריק, און פארנומען מיט לויזן זיך אונטער די ארעמס.

— און דו, וואס שוויַיגסטו? וואס כיטרעסטו? הערסט, הערסט און רעדסט גאר נישט, — האט דער עלטסטער צוגערופן דעם שוויַיגנ־דיקן קאזאק.

— וואס איז צו רעדן, גארנישט איז צו רעדן. דא איז צו טאן, — רופט זיך אן דער קאזאק, נישט שטערנדיק זיך זיַין לויזן. פון זיַין פנים האט מען געזען אז ער האט פיל פארגעניגן פון זיַין לויזן זיך, און עס איז אים א שאד געווען איבערצורייסן די אנגענעמע בא־שעפטיקונג.

— און וואס איז דא צו טאן?

— א בריוו צו שרייבן.

— וועמען, דעם יידן? — וואונדערן זיך אלע.

— שוויַיגט, קאזאקן! — באפעלט דער עלטסטער.

— דעם ליאך.

— וואס שרייבן? — פרעגט דער עלטסטער.

— מען דארף זיי אין גאט קריסטוס דערמאנען. הינטער יידן באהאלטן זיי זיך! ווי אזוי שעמען זיי זיך נישט? עס איז א שאנד פאר א קריסט ביַי א יידן שוץ צו בעטן. זאלן זיי אונדז דעם יידן ארויסגעבן, וועלן מיר זיי לאזן לעבן, ווי קריסטוסן, און מיטן פאר־מעגן זיך טיילן.

— וואס נאך? דעם פאליאק־פיַינד לעבן לאזן כדי דערנאך פון קאזאק נקמה צו נעמען?

— און דאָס פאַרמעגן זיי אָפּגעבן ? ! — שרייען די קאָזאַקן.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַז קאָזאַקן זאָלן זיך ביי ליאַכן בעטן ?

— זאָלן זיי נאָר די טויערן פון שטאָט עפענען, זאָלן מיר נאָר אָקאָרשט אין שטאָט זיין, דערנאָך וועלן מיר שוין זען, — רופט זיך אָן דער קאָזאַק.

— אַ, דו כיטראַק, וואַסיל.

— און וואָס וועט זיין אַז דער פּאָליאַק וועט נישט הערן?

— מען דאַרף אַזוי שרייבן אַז ער זאָל יאָ הערן. אין שטאָט איז קיין ברויט נישטאָ. דאָס עסן וועט זיך באַלד אויסלאָזן, און דערנאָך אַז זיי וועלן אין די הענט פון די קאָזאַקן אַריינפאַלן . . .

— גוט.

— זעץ דיך און שרייב, שרייבער, און איך וועל דיר זאָגן, — האָט דער עלטסטער באַפוילן.

דער הויכער קאָזאַק, וואָס איז געוועזן דער עצה-געבער און דער איינציקער גראַמאָטנער צווישן די קאָזאַקן, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש וואָס איז אין גאַנצן באַגאָסן געוועזן מיט בראָנפן און באַוואָרפן מיט רעשטלעך פון עסן. ער האָט אָפּגעראַמט דעם טיש, אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ קאָזאַקישן מאַנטל, פון אַ קעסטל האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַרמעט מיט אַ געניצנער פעדער און אַזאַ מין טינט וואָס ער האָט מיטגענומען מיט דעם צוועק. מען האָט צוגערוקט צו אים די לייכטער און די קאָזאַקן האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אים, געשטאַנען אַרום אים און געהאָלפן דיקטירן דעם בריוו צו די ליאַכעס.

קריוועָ-נאָס האָט אָבער גאָרנישט געקענט קלערן וועגן בריוו. די פּיין אין זיינע פּיס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפער און נאָגנדיקער. דאָס פּנים זיינס וואָס איז געוועזן פינצטער און בייז האָט זיך פאַרקרימט פאַר ווייטיק, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— די באָבע ברענגט אַריין, די באָבע.

אַ קאָזאַק איז אַרויס, אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריין אַן אַלטע קאָזאַטשקע.

— בלויז דאַרף מען, פרישינקס, יונג בלוט דאַרף מען, אַז עס

זאָל נאָך ווארעם זיין, אזוי וועט עס דיר, פּאַטערל, דעם ביין דער־ווארעמען און דער ווייטיק וועט אויפהערן, — האָט די באָבע גע־זאָגט, טאַפּנדיק די קראַנקע פיס פון פירער.

די קאָזאַקן זענען שטיל געוואָרן. איינער האָט דעם אַנדערן אַנגעקוקט ערנסט און פאַרטראַכט, און אַ געוויסע שרעק איז געווען צו מערקן אויף זייערע פּנימער. זיי האָבן נישט איין מאָל געזען יונג, פריש, צאַפּלדיק בלוט פון צעריסענע קינדער אין געמיראָוו און אַנדערע שטעט. נאָר אליין האָבן זיי דאָס נישט געטאָן. דאָס האָבן די טאַטערן געטאָן. די קאָזאַקן האָבן נאָר עלטערע געהרגעט, נישט קיין קינדער.

— ווי אַזוי מיינסטו, פריש בלוט, יידיש בלוט? — פרעגט דער עלטסטער.

— ציגענע וועט אויך גוט זיין, — רופט זיך אָן די אַלטע, — גיי, זונדעלע, ברענג מיר אַ ציגעלע, אַ יונגס, מיט די פערד מוז זיך אויפהאַלטן אַזעלכס. אַז נישט גיי אין טשערעדע און ברענג אַ שעפּעלע אַ קליינס, נאָר אַ יונגס מוז עס זיין, נישט לאַנג גע־באָרן, — האָט די אַלטע זיך געווענדט צו אַ קאָזאַק.

אַ קאָזאַק איז אַרויס, און אין אַ לאַנגער ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען און געהאַלטן אויף דער האַנט אַ ווייס יונג ציגעלע וואָס האָט פאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט, געשראָקן זיך פאַר דעם ליכט, פאַר די מענטשן און מיט אַ ציטערדיקער שטים גערופן ווי אַ קינד.

— צעריים עס, פּאַטערל, און לאָז דאָס בלוט רינען אויף די קראַנקע פיס, — האָט די אַלטע געזאָגט צו קריווע־נאָסן, — מיט דעם צעריסענעם ציגעלע דעק צו דיינע פיס און דער ווייטיק וועט זיך באַלד איינשטילן.

קריווע־נאָס האָט אויסגעשטרעקט די קראַנקע נאַקעטע פיס. דער קאָזאַק האָט גענומען דאָס ציגעלע. דאָס ציגעלע האָט אַ ציטער געטאָן און דאָס ציטערנדיקע געשריי האָט זיך אין מיטן איבער־געריסן. באַלד האָט אַ טייכל יונג פריש ווארעם בלוט אַנגעהויבן צו רינען אויף דעם פירערס פיס און דאָס ווארעמע אויסגעריסענע לייב פון ציגעלע האָט אים צוגעדעקט די פיס.

— און איצט דעק דיך גוט צו, פּאַטערל, לאָז אַזוי דאָס בלוט וואַרעמען דיך. האָסט דעם שטן דעם האַלדז נאָכגעגעבן, ער וועט זיך איצט איינשטילן.

און באמת האָט דער פירער געפילט אַ דערלייכטערונג פון דעם וויטיק. דאָס יונגע, פרישע, צאַפּלדיקע לייבל האָט אים אָנגענעם געוואַרעמט ווי דאָס לייב פון אַ קינד. דער וויטיק איז אַוועק און קריוועץ־נאָס האָט געקענט דיקטירן דעם בריוו:

„אין דעם נאָמען פון יעזוס קריסטוס, זאָל ער זיין געלויבט אויף אימער און אויף אייביק, אמן.

„פאַר אונדזערע פּאַניע ברידער פּאָליאַקן שלאָגן מיר זיך מיט די שטערנס אָן דער ערד און מיר שיקן אייך גרוסן. מיר בעטן פאַר אייך טאָג און נאַכט צו אונדזער האַר גאָט, אַז ער זאָל אייך אָפּהיטן פון הונגער, מלחמה און מגפה היינט און אייביק, אמן.

„געהערט האָבן מיר ווי דער נאָמען פון אונדזער האַר גאָט ווערט צו שאַנד און צו שפּאָט, און געזען האָבן מיר ווי קריסטן, אונדזערע פּאַניע ברידער, פּאָליאַקן, ווערן פאַרשעמט מיט דעם וואָס זיי זוכן שוץ און רעטונג ביי קריסטוסעס פיינד, ביי די יידן. אַזוי האָט אונדזער קריסטלעך האַרץ זייער ווי געטאָן. איז דאָס שיין און פּאַסיק אַז קריסטן, אונדזערע פּאַניע ברידער פּאָליאַקן, זאָלן פּאַני־בראַט שליסן מיט קריסטוסעס פיינד, די יידן, קעגן קריסטן? און איז דאָס שיין און פּאַסיק אַז די העלדן־פּאָליאַקן זאָלן זיך לאָזן באַשיצן פון יידן? אַזוי האָבן מיר געטראַכט, מיר ווען צו אייך שיקן שלוחים מיט גרוס און פרידן און מיר בעטן אייך, פּאַניע ברידער פּאָליאַקן, אַז איר זאָלט אונדזערע שלוחים גוט אויפנעמען, ווי עס פּאַסט זיך און אויסהערן אונדזערע רייד.

„פּאַניע ברידער פּאָליאַקן!

„נישט אויף אייך, און נישט אויף אייערע ווייבער און קינדער, און נישט אויף אייער פאַרמעגן און אַלץ וואָס געהערט צו אייך זענען די קאָזאַקן אַרויס מלחמה האַלטן. נישט קעגן קריסטן האַלטן מיר מלחמה, נאָר קעגן קריסטוסעס פיינד, קעגן די יידן וואָס האָבן אונדזער האַר יעזוס געקרייציקט, אונדזערע פאַרמעגנס גערויבט, קעגן זיי און אַלצדינג וואָס געהערט צו זיי — זענען די קאָזאַקן

ארוים אַנצונעמען זיך קריסטוסעס קריוודע. איר, פּאָליאַקן, זייט אונדזערע ברידער און ווי מיט ברידער וועלן מיר זיך מיט אייך באַגיין, ווען איר וועט אונדז די יידן אַרויסגעבן אַזוי וועלן מיר אייך און אייערע ווייבער און קינדער און אַלצדינג וואָס געהערט צו אייך שאַנעווען. און כדי די יידן זאָלן זייערע פּאַרמעגנס נישט באַהאַלטן, אַזוי לאָזט אויסרופן צווישן די יידן, אַז מיר, קאָזאַקן, זענען גרייט די שטאָט צו פאַרלאָזן, ווען די יידן וועלן זייער גאַנץ פּאַרמעגן, גאָלד און זילבער, זייד און קליידער צונויפנעמען, צוזאַמענלייגן און דאָס ווי אויסלייזגעלט געבן. די פּאַרמעגנס זאָלן די יידן צו אייך אין פעסטונג צוזאַמענטראָגן. און ווען זיי וועלן שוין האָבן דאָס גאָלד און זילבער צו אייך אין פעסטונג צוזאַמענגעבראַכט, אַזוי זאָלט איר פאַר אונדז די בראָמעס פון דער פעסטונג עפענען און די קאָזאַקן אַריינלאָזן. אין קריסטוסעס פיינד וועלן מיר נקמה נעמען, ווי זיי האָבן גאָט געקרייציקט. און אייך מיט אייערע ווייבער און קינדער און אַלץ וואָס געהערט צו אייך וועלן מיר שאַנעווען און מיטן פאַרמעגן זיך טיילן. אַזוי זאָל אונדז העלפן גאָט יעזוס קריסטוס, אמן.״

צוויי רייטער האָבן אין דער טונקעלער נאַכט געפירט דעם פּאַרמעט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטער דעם וואָרעמען בלוט פון צעריסענעם ציגעלע, צו די קריסטן פון טולטשין. אַ ווייסע פאָן האָט זיך געבליכט אין דער באַלייכטונג פון די שטערן. און אַז די אויסקוקערס פון דעם פעסטונגס-מויער האָבן אַראָפּגעשריגן צו די רייטערס:

— ווער גייט?

האָבן די רייטער אויפגעהויבן אין דער הייך די ווייסע פאָן און דעם פּאַרמעט און האָבן גערופן:

— אין נאָמען פון יעזוס קריסטוס!

קאַפּיטל 13

דער נסיון

דער פּריץ טשוועטשינסקי האָט געלאָזט וויסן די ייִדן, אַז די קאָזאַקן זענען גרייט אָפּצוטרעטן פון שטאָט פאַר דעם גאַנצן גאָלד און זילבער, זיידנצייג, פעלצן און מלבושים, וואָס די ייִדן וועלן געבן אויסלייזגעלט. ר׳ אהרן, דער ראש הישיבה און רב פון שטאָט, האָט צוזאַמענגערופן די פּרנסים און די ראשי־העיר און געהאַט אַן אסיפה, און מען האָט באַשטימט, אַז מען זאָל אויסלייזן דאָס נפש מיט די פאַרמעגנס. האָט מען געלאָזט אויסרופן אין די שולן, אין די מאַרקן און אַרום די מויערן, אַז די ייִדן זאָלן ברענגען זייער האָב־און־גוטס צום גראַף אין שלאָס אַריין, פאַרן קאָזאַק אויסלייזגעלט.

האָבן די ייִדן צוזאַמענגעבראַכט זייערע פאַרמעגנס, האָבן זיך געטראַכט: זאָל גאָלד און זילבער אַ כפּרה זיין פאַרן לעבן, און געלויבט איז גאָט, וואָס ער שיקט אַ רעטונג.

זייער אַ סך טייערע כלים זענען דאָרט געווען צווישן די חפצים וואָס די ייִדן האָבן געבראַכט אין שלאָס. זילבער־געהאַמערטע בעכערס, נירנבערגער אַרבעט וואָס די ייִדן האָבן געהאַט געבראַכט פון די יאַרידן, און אתרוגים־פּושקעס אין די געשטאַלטן פון כל־המינים פּירות און בשמים־ביקסן אין געשטאַלט פון הויכע טורעמס מיט דגלים און מזלות, און חנוכה־לייכטער מיט די סימנים פון די שבטים, און כלערליי מינים צירונג פון גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער, און רייכע פעלצן סויבעלנע און נעלקן וואָס זיי האָבן געקויפט פון די רוסישע סוחרים, און זייער פיל זיידנצייג אויף מלבושים, איטאַליענישער בראָקאַט וואָס זיי האָבן איינגעקויפט

אויף פּרוכתן און אויף כלה־מתנות, און מיט זילבער און מיט גאָלד געפלאָכטן זיידנס פון סלוצק, וואָרעם זיי האָבן גאָרנישט געשאָנעוועט, נאָר אויסצולייזן דאָס נפש. און זיי האָבן די רייכטימער אָנגעוואָרפן אין גרויסע קופּעס אין דער פעסטונג פון טולטשין. די זילבערנעברייטע עטרות האָבן געבלישטשעט פון די טונקעלע שטאַרקע פוטערן און די גאָלדענע צירונג מיט די שטיינער האָבן געבלישטשעט צווישן די פאַליעס זיידנס, סאַמעט און אַטלעס, וואָס איז געלעגן אין גאַנצע הויפנס אויפן הויף פון דער פעסטונג און געוואַרט אויפן קאָזאַק.

און ווי די יידן האָבן שוין געהאַט געבראַכט זייערע פאַרמעגנס, האָט דער פּריץ געזאָגט:

— גיט אַרויס אייער געווער און ברענגט עס אהער.

האָבן די יידן געזאָגט:

— צו וואָס דאַרף דער קאָזאַק אונדזער געווער? ער האָט דאָך געווער גענוג און ער ווייסט וואויל, אַז מיר וועלן אים נישט נאָכיאָגן ווען ער וועט אָפּטרעטן פון דאַנען, און מיר האָבן נאָר געהאַלטן דאָס געווער כדי צו ווערן זיך, אָבער נישט חלילה אָנצופאַלן אויף אים, און היינט אַז ער טרעט אָפּ פון דאַנען און וויל מיט אונדז מער נישט מלחמה האַלטן, צו וואָס דאַרף ער ווידער אונדזער געווער?

האָט דער פּריץ געענטפערט:

— אַזוי וויל דער קאָזאַק און אַזוי האָב איך מיט אים אָפּגעמאַכט.

האָבן די יידן באַלד איינגעזען אַז די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די קאָזאַקן זיי צו פאַרטיליקן.

האָט זיך אָנגערופן מענדל, דער פּרנס פון זלאַטשעוו:

— אונדזערע פאַרמעגנס האָבן מיר אייך געבראַכט און אונדזער געווער וועלן מיר אייך נישט אַרויסגעבן. וואָרעם אַז איר פאַרלאַנגט אונדזער געווער, איז נישט אַנדערש נאָר סיידן איר האָט געמאַכט יד־אחת מיט די קאָזאַקן אונדז אַרויסצוגעבן און איבערצוליפערן אין זייערע הענט. וואָרעם וואָס קען דען אַנדערש זיין, ווען איר פאַרלאַנגט פון אונדז דאָס געווער, מיט וועלכן מיר האָבן באַשיצט און געראַטעוועט די שטאָט?

האָבן זיך אַנדערע יידן אָנגערופן נאָכן פּרנס:

— דאָס פאַרמעגן וועלן מיר געבן און דאָס געווער וועלן מיר אייך נישט אַרויסגעבן.

און נאָך אַנדערע יידן האָבן געשריגן און געענטפערט דעם פּריץ:

— אַז שטאַרבן זאָלן מיר אַלע שטאַרבן, די פּאָליאַקן מיט די יידן!

און עס איז דאָרט געווען אַ יונגערמאַן פון קאַרסון, אַ דאַרער און אַ הויכער, און זיינע אויגן האָבן געברענט מיט נקמה פאַר גאָט, זיינע פּאות האָבן זיך געטרייסלט, און די ציין און די גאָמבע האָבן געקלאַפּט פאַר כעס, וואָרעם עס האָט אין אים געברענט גאָטס כעס. האָט ער געכאַפּט אַ חלף אין האַנט און געשריגן צו די יידן:

די גויים האָבן אונדז פאַרראַטן, אַזוי ווי אין נעמיראָוו אַזוי דאָ. לאָמיר זיך נוקם זיין אין זיי נקמת ה׳, פאַר גאָט און פאַר זיין תורה!

ווי אַ פלאַקער פייער זענען די ווערטער פון דעם יונגנמאַן אַריינגעפאַלן אין דעם אויפגערעגטן עולם. זיי האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. מיטן טויט האָבן זיי שוין לאַנג שלום געמאַכט, נאָר זיי האָבן געוואָלט אַ טייערן פּרייז פאַר אים. עס האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעצונדן דער אַלטער יידישער כעס. די אויגן האָבן געברענט און די פּאות און די ציין האָבן זיך געטרייסלט, די כלי-זיין האָבן זיך געוויזן אין זייערע הענט און אַ געברום איז געגאַנגען צווישן עולם ווי אַ שטילער דונער פון איינעם צום אַנדערן:

די גויים האָבן אונדז פאַרקויפט!

— פאַר נעמיראָוו!

— פאַר יידיש בלוט!

— פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה!

און דער עולם, מענער, יונג און אַלט, מיט די חלפים אין די הענט, צוויי טויזנט מאַן שטאַרק, האָבן זיך אָנגעהויבן צו רוקן אַרום די פּאָליאַקן. און באַלד איז דער פּריץ מיט זיינע סאָלדאַטן און די

פּאַליאַקן מיט די ווייבער און קינדער וואָס האָבן זיך געפונען אין דער פעסטונג, געוואָרן אַרומגערינגלט פון צערייצטן יידישן עולם. די עדה האָט זיך גערוקט נענטער און נענטער, אין אַ קרייז אַרום זיי, אַריינגעמענדיק די פּאַליאַקן אין מיטן אַריין. טייל פון די יידן זענען שוין צוגעלאָפן מיט די חלפים צו די גויים און נאָך אַ מאָמענט און די שרעקלעכסטע שחיטה וואָלט געשען, וואָרעם די יידן זענען זייער פאַרביטערט געווען.

פלוצעם האָט ווער גערופן צווישן עולם:

— יידן, בני ישראל, רחמנים בני רחמנים, וואָס טוט איר?

דער עולם האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט און פון זייער מיטן האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַלטער, מיט אַ ליכטיקער קליינער ווייסער באָרד. ער איז געגאַנגען אין גאַנצן אָנגעטאָן אין ווייסן, און מיט די ביינערדיקע נאַקעטע הענט וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פון זיין קיטל אַרוים האָט ער צוריקגעהאַלטן דעם צערייצטן עולם:

— ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס! — האָט דער אַלטער געשריגן — זענען דאָס רחמנים בני רחמנים? ווי פאַרגעסט איר זיך אַ מינוט פאַרן טויט, איידער דער גרויסער נסיון קומט!

דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אַלטער ווייסער באָרד מיט די נאַקעטע הענט און גרויסן קיטל. און אַז מענדל האָט אים געקוקט אין פּנים אַריין, האָט אים אַ שרעק אַרומגענומען: דאָס הייליקע שניידערל!

— ישראל ערבין זה בזה! — האָט דער אַלטער מאַן אָנגעהויבן צו רופן מיט זיין קול, — אַז איר וועט די גויים אויסהרגענען, וועלן זיי נקמה נעמען אין יידן אין אַנדערע שטעט. יידן טאָרן נישט האָבן קיין כעס, מיר טאָרן ניט נעמען קיין נקמה! נאָר דער רבונו־של־עולם אַליין, ער וועט נעמען פאַר אונדז נקמה! באַהאַלט אייער גבורה פאַר דער ריכטיקער מינוט, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען, פאַר קידוש השם, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה!

— זיי האָבן אונדז צו די קאָזאַקן פאַרקויפט! זיי וועלן אונדז אומברענגען ווי אין נעמיראָוו, — האָט ווער געשריגן פון עולם.

— און וואָס זענט איר מער פון די נעמיראָווער יידן? זיי האָבן גע־מעגט שטאַרבן אויף קידוש השם? דער רבונו־של־עולם וויל אונדזערע נשמות, וועלן מיר זיי אים געבן בשמחה ובששון, וידינו תהיינה נקיות. מיר וועלן נישט זיין ווי די גוים. זיי האָבן אונדז פאַרקויפט. זאָל גאָט כעס פאַר דעם יידישן בלוט, וואָס גיסט זיך ווי וואַסער, פאַלן אויף זייערע קעפּ. מיר וועלן נישט נקמה נעמען, מיר וועלן נישט פאַרשווּעכן דעם קידוש השם, וואָס גאָט וויל פון אונדז, מיט נקמה. מיר מוזן זען און שווייגן — אַזוי איז דער רצון פון גאָט. יידן, גיט אָפּ די כלי־זיין. אז דער רבונו־של־עולם וויל אונדז העלפן, באַדאַרף מען דען די כלי־זיין, די שטיקלעך האָלץ און אייזן? דער כל־יכול, דער וואָס הימל און ערד איז אין זיין האַנט, באַדאַרף דען האָבן די מענטשלעכע כלי־זיין אונדז צו העלפן? דאָס איז אַ הילף פאַר גוים. דאָס איז זייער גבורה. אונדזער גבורה איז גאָט, און פאַר אים באַהאַלט אייערע כוחות, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען!

באַלד איז איינער פון עולם אַרויס, צוגעגאַנגען צום פּוילישן פּריץ, וואָס איז געשטאַנען מיט זיינע פּאָליאַקן און געטרייסלט זיך פון שרעק פאַר דער גרויסער אומפאַרשטענדניש וואָס עס טוט זיך פאַר זיינע אויגן, און געוואָרפן די כלי־זיין צו די פיס פון פּריץ.

און איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי צו צום פּריץ און צו זיינע פיס געוואָרפן די מענטשלעכע כלי־זיין.

און אויף זייערע פּנימער האָט געשיינט דער שמייכל פון גליק. און זייערע אויגן זענען געווען באַגלאַנצט מיט אַ הייליקן גלאַנץ און מיט אַ באַהאַלטן אינעווייניקסט גליק וואָס האָט באַהעלט זייערע פּנימער. זיי האָבן געוואָרפן דאָס געווער צו דעם פּריצס פיס, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און נישט שענקענדיק אים אַ בליק, ווייל זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זייער אינעווייניקסט גליק און מבטל געווען דעם פּריץ.

דער פּריץ האָט אַ באַפעל געגעבן און די פּאָליאַקן האָבן געעפנט די בראָם. די יידן האָבן זיי שוין קיין וואָרט נישט געזאָגט. און

באַלד האָבן זיי די פּוילישע זעלנער אַרומגערינגלט און געהייסן זיי גיין. די יידן האָבן זיך געלאָזט גיין. רבנים אין טליתים זענען געגאַנגען פאָרויס און די יידן נאָך זיי. און באַלד האָט דער גאַנצער עולם, מענער, ווייבער און קינדער אָנגעהויבן צו זינגען נאָך די חזנים מיט אַ פרייליך קול:

לְדָוִד–יְיָ אוֹרִי וְיִשְׁעִי–מִמִּי אִירָא?
יְיָ מָעוֹז חַיַּי–מִמִּי אֶפְחָד?

און מיט געזאַנג זענען זיי געגאַנגען אַנטקעגן דעם טויט.

קאַפּיטל 14

קידוש השם

כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם!

(תהילים מ״ד, כג).

די קאַזאַקן האָבן שוין אָפּגעוואַרט אין דרויסן. זיי האָבן אַרום־גערינגלט די יידן און אָנגעהויבן זיי צוזאַמענצוטרייבן אַזוי ווי שאָף און געיאָגט זיי אין אַ גרויסן סאַד אַריין, וואָס איז געווען אַרום־גערינגלט מיט אַ פּלויט. עס זענען געווען אַרום צוויי טויזנט יידן מיט פרויען און קינדער. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר רבנים. דער אַלטער רב, ר׳ אהרן, דער ראש הישיבה פון טולטשין און אַנדערע רבנים וואָס זענען געווען גרויסע בעלי־קבלה, און זיי מיט דעם הייליקן שניידערל, וואָס איז שוין אויך געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיינע תכריכים, מיטן טלית איבערן קאָפּ, האָבן געפירט די יידן. די חזנים האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו זינגען, כדי די יידן זאָלן נישט אַריינפאַלן אין עצבות און זאָלן חלילה נישט קומען צו קיין שוואַכקייט. און דער עולם נאָך זיי:

אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה, לֹא יִירָא לִבִּי;

אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה, בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ.

עס האָבן נישט געוואוסט די יידן וואָס די קאַזאַקן ווילן מיט זיי טאָן: צי זיי ווילן זיי לאָזן לעבן צי אויסהרגענען. עס איז זיי געווען אַלץ איינס. עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער מוט האָט זיי באַגייסטערט צום שטאַרבן. זיי האָבן געזען די טויערן פון גן־עדן, ווי זיי עפענען זיך פאַר זיי. און נישט פאַרן טויט האָבן זיי זיך געשראָקן, נאָר אַ טיפע שרעק האָט זיי אַרומגענומען אַז מען זאָל זיי נישט צעשיידן, אַז מען זאָל חלילה פון זיי די פרויען, די קינדער נישט אַוועקנעמען. זיי זענען גרייט געווען אַליין זייערע אייגענע

צו טויטן, איידער זיי זאָלן חלילה פאַרשוועכט ווערן. עס האָבן געקוקט די פרויען אויף די מענער, און אין זייער בליק איז געווען דאָס פאַרשטענדעניש פאַרן טויט. זיי האָבן נישט געוויינט, אפילו די קינדער האָבן נישט געוויינט. דאָס געזאַנג פון די חזנים האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַזאַ דערהויבנקייט, אין אַזאַ נשמה־פרייד, אַז עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען פון זיי יעדער ערדיש געפיל, און אַ טייל פון זיי האָבן שוין געלעבט אין דעם ווייטן אומבאַגרענעצטן לעבן פון יענער זייט.

דער גאָרטן איז פול געווען מיט צייטיקע פרוכטן. עס איז שוין געווען אין די אלול־טעג. און די זון האָט געשיינט. און די וועלט האָט אויסגעזען יום־טובדיק. און אַלע זענען געווען צוזאַמען. און די חזנים האָבן געזונגען. האָבן אַ טייל פון זיי געזען בלוי ליכט, ווי דער הימל עפנט זיך פאַר זיי. און זיי שווימען שוין אַריין אין דער אומענד־לעכקייט. און אַ טייל פון זיי האָבן געהערט דאָס געזאַנג וואָס דרינגט פון יענער וועלט, וואו גאָט זיצט מיט די צדיקים און לערנט מיט זיי תורה. און די קינדער האָבן געמיינט אַז אַ גרויסער, גרויסער יום־כיפור איז געקומען, און אָט באַלד וועט משה רבנו קומען, און דוד המלך וועט שפּילן אויפן פידעלע. און אָט רייט דער מלך המשיח אויף אַ ווייס פערד! ער רייט, ער רייט פון די וואָלקנס אַרויס, און אַלע וואַרטן אויף אים, און אָט באַלד קומט ער אָן . . . און באַלד שטייגט ער אַראָפּ פון די וואָלקנס.

און שרעק איז איבערגעגאַנגען אין פרייד. אַן אומענדלעכע טיפע פרייד האָט געהערשט צווישן מענטש און מענטש. פאָטערס, מוטערס און קינדער זענען זיך צוזאַמענגעקומען און די גאַנצע עדה איז געוואָרן ווי איין משפחה. די יידן האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער אין אַנדערן ביי די גאַרטלען, און די קינדער האָבן זיך געקלאַמערט אַרום די מוטערס. און די גאַנצע עדה יידן האָט זיך געקליבן אַרום די רבנים און די חזנים. און באַלד איז דער יום־טוב געוואָרן אומ־געהייער גרויס. און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי עס האָט פּלוצעם ווער פון עולם אָנגעהויבן הלל צו זאָגן:

הַלְלוּיָהּ הַלְלוּ, עַבְדֵי יְיָ, הַלְלוּ אֶת שֵׁם יְיָ!

די חזנים האָבן אויפגעכאַפּט דעם הלל און אָנגעהויבן צו זינגען די פּסוקים תהילים מיט דעם יום־טובדיקן ניגון. דאָס הלל־זאָגן האָט די יידן אַריינגעבראַכט אין אַזאַ באַגייסטערונג, אַז זיי האָבן אונטער־געכאַפּט דעם ניגון, און די גאַנצע עדה יידן, מענער, ווייבער און קינדער האָבן פאַרהילכט דעם גאָרטן מיטן יום־טובדיקן געזאַנג:

מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ מְהֻלָּל שֵׁם יְיָ!
רָם עַל כָּל גּוֹיִם יְיָ, עַל הַשָּׁמַיִם כְּבוֹדוֹ.
מִי כַּיְיָ אֱלֹהֵינוּ הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת?

און עס האָבן נישט געזען די יידן, ווי דער גאָרטן איז פול געוואָרן מיט קאָזאַקן, טאָטערן. טייל פון זיי זענען געווען האַלב נאַקעט, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע לייבער, מיט באַנעגלטע בולאַווען אין די הענט. אַנדערע האָבן געהאַלטן קרומע שווערדן. און די טאָטערן, מיט קליינע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָבן זיך צוגעקוקט צו די ווייבער, צו די מיידלעך און צו די קינדער. די יידן האָבן קיינעם נישט געזען. אַלע זענען געווען צוגעקלעפּט איינער צום אַנדערן; ווי אַ סטאַדע שאָף ווען אַ שטורעם־ווינט בלאָזט, האָבן זיי זיך איינגעקנוילט; די ווייבער מיט די קינדער געלאָזט אין מיטן און אַרום זיי די מענער, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די גאַרטלען:

מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָהּ, עָנָנִי בַמֶּרְחַב יָהּ.
יְיָ לִי, לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם?
יְיָ לִי בְּעֹזְרָי, וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי!

אין גאָרטן האָט זיך געהערט טראָמפּייטן. די קאָזאַקן האָבן געשריגן הוראַ און דורכגעלאָזט אַ קליינעם, נידעריקן קאָזאַק. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן פוטערנעם מאַנטל, און אַ פוטערנעם הוט מיט אַ גרויסן פוש פעדערן אינעם הייסן אלול־טאָג. די זון האָט גע־ברענט, און דער קאָזאַק האָט נאָכגעשלעפּט זיין פוטערנעם מאַנטל. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ פּאָפּ אין אַ ווייבעריש זיידן קלייד און געהאַלטן אַ גרויסן צלם אין דער האַנט. אַ כאָר צערקווישע זינ־גערס איז נאָכגעגאַנגען נאָכן פּאָפּ, טראָגנדיק פאַרויס אַ פאָן מיט אַ הייליק בילד. די יידן האָבן נישט געזען נישט דערקענט... דעם קאָזאַקישן

הויפּטמאַן און ניט די צערקווישע פּראָצעסיע. זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן אַז זיי זאָלן ניט זען דעם צלם מיטן הייליקן קריסטן־בילד און האָבן העכער אויפגעהויבן זייערע שטימען זינגענדיק די קאַפּיטלעך תהילים:

כָּל גּוֹיִם סְבָבוּנִי, בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם;
סַבּוּנִי, גַם סְבָבוּנִי—בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם.
סַבּוּנִי כִדְבוֹרִים, דֹּעֲכוּ כְּאֵשׁ קוֹצִים—בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם.

די יידישע שטימען האָבן זיך אויסגעמישט אין איינעם מיטן צערקווישן כאָר, און עס איז געווען ווי דער מערדער און דער קרבן זינגען צוזאַמען זייער לויב פאַר גאָט אין דעם הערלעכן זוניקן טאָג. באַלד איז דאָס צערקווישע זינגען פאַרשטומט געוואָרן. דער פּאָפּ האָט גענומען די פאָן מיטן הייליקן בילד און אַריינגעשטעקט אין דער ערד, אויף אַ גרין בערגל לעבן דער פאָן האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער קרענקלעכער נידעריקער קאָזאַק וואָס האָט זיך געמוטשעט אין דעם לאַנגן פוטערנעם מאַנטל.

קריוועגאָסעס פּנים איז געווען טרויעריק און קאַלט ווי דאָס פּנים פון אַ קראַנקן מענטשן. אַ מינוט האָט ער זיך אומגעקוקט אויף די צונויפגעפּרעסטע יידן, ווי זיי האַלטן זיך אַרום ביי די הענט אַלע אין איינעם, און זייער זינגען שטייגט וואָס אַמאָל העכער מיט מער פרייד און באַגייסטערונג, און זעען ניט אים, ניט דאָס הייליקע בילד און ניט די קאָזאַקן אַרום מיט די שווערדן און פּיקעס און בולאַווועס — ווי זיי וואָלטן ערגעץ וואו אַוועקגעגאַנגען און געזען אַנדערע זאַכן און געהערט אַנדערע שטימען, און ווייסן ניט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי.

קריוועגאָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם שטורמישן געזאַנג פון די יידן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער פרייד וואָס שיינט אַראָפּ פון די יידישע פּנימער און ער איז שטיין געבליבן אַ פאַרוואונדערטער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיין קרענקלעך פּנים איז באַלעבט געוואָרן און זיינע קליינע אויגן האָבן זיך ברייט אויפגעעפנט און אויסגעדריקט שרעק. דער פּאָפּ האָט אים געגעבן דעם צלם אין דער האַנט אַריין.

קריוועגאַס האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן צלם. ער האָט געקוקט אַ מאָל אויף די קאָזאַקן, אַ מאָל אויף די יידן מיט שרעק. ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם צלם הויך איבער זיין קאָפּ און ווי ער האָט געפילט דעם צלם אין זיין האַנט האָט ער צוריקגע־קראָגן זיין זיכערקייט.

— יידן! — האָט ער געררופן — דער וואָס וועט צוקומען צו דער פאָן און בוקן זיך פאַרן צלם, דער וועט בלייבן לעבן!

די יידן האָבן ניט געהערט זיינע ווערטער. זיי האָבן ניט געזען ווער עס שטייט דאָרט און ווער עס רעדט דאָרט. קיינער פון זיי האָט קיין איין בליק ניט געשאָנקען ניט קריווע־נאָסן און ניט די קאָזאַקן. ווידער האָט זייער שטים געקלונגען מיט פרייד צווישן די ביימער אין ליכטיקן הימל אַריין:

קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל.

— יידן, איך רוף אייך נאָך אַ מאָל, איר הערט ניט? דער וואָס וויל בלייבן לעבן זאָל אַהער קומען צו דער פאָן און בוקן זיך פאַרן צלם!

יְמִין יְיָ רוֹמֵמָה יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל.

האָט דאָס יידישע געזאַנג געקלונגען העכער און ברייטער אינעם גאָרטן.

קריוועגאַס איז געשטאַנען צעשמישט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויפן פּאָפּ.

— דעם שטן שיקן זיי אָן אויף דיר, פאַרטרייב זיי און טו גאָטס זאַך, — האָט דער פּאָפּ געזאָגט צום ציטערנדיקן קריוועגאַס, און אים איבערגעצלמט דריי מאָל.

— צום לעצטן מאָל רוף איך צו אייך: דער וואָס וועט אָננעמען די קריסטלעכע אמונה וועט בלייבן לעבן. — קומט אַהער צום צלם!

זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה׳ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ.
זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה׳ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ.

האָבן די יידן אָפּגעענטפערט מיט געזאַנג.

און ווידער איז קריווענאָס געבליבן שטיין און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויפן פּאָפּ.

— טו גאָטס זאַך, — האָט דער פּאָפּ אים געהאַלטן אין איין צלמען.

— קאָזאַקן, אויף די יידן, הוראַ!

און אַ געשריי „הוראַ" האָט פאַרהילכט דעם גאָרטן, און פון אַלע ווינקלעך פון גאָרטן האָבן זיך קאָזאַקן געלאָזט לויפן אויף די גרופּעס יידן. טייל האָבן געהאַלטן אין האַנט קרומע שווערדן, אַנדערע לאַנגע פּיקעס, און גאָר אַנדערע באַנעגלטע בולאַוועס — און געוואָרפן זיך אויף די יידן.

די יידן האָבן זיך אַרומגענומען, מענער, ווייבער און קינדער האָבן זיך געהאַלטן געאָרעמט, און האָבן געשריגן אין איינעם:

שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!

באַלד האָט זיך געדאַכט אַז דאָס רופן צו גאָט האָט איבערגע־שטיגן דאָס געשריי פון די קאָזאַקן. נאָר איינציקווייז זענען זיי פאַר־שטומט געוואָרן, אויסגעלאָשן געוואָרן אין מיטן, ווי ברענענדיקע ליכטער. און עס האָבן זיך אַוועקגעלייגט צווישן דעם צעטראָטענעם גראָז און צעבראָכענע צווייגן גאַנצע משפחות, פאָטער, מוטער און קינדער. זייער בלוט איז געוואָרן צוזאַמענגעמישט און זייערע נשמות זענען אויסגעגאַנגען אין איינעם, אַרומהאַלטנדיק זיך פעסט ביי די אָרעמס און אין איינעם רופנדיק: „שמע ישראל!".

פערצן הונדערט מאַן, ווייב און קינד, זענען אין דעם טאָג אין גאָרטן אין טולטשין אויסגעשאָכטן געוואָרן פון די קאָזאַקן. די אי־בעריקע האָבן די טאַטערן אַוועקגעפירט אויף די שקלאַפנמערק. נאָר קיין איינער פון זיי האָט ניט געקויפט זיין לעבן מיט זיין אמונה.

אונטער אַ בוים צווישן צעטראָטן גראָז און אָפּגעהאַקטע צווייגן האָט זיך געוואַלגערט דער קערפּער פון פרנס פון זלאַטשעוו. די אויגן זיינע האָט ער געהאַלטן אָפן און געווענדט צום הימל. דאָס פּנים זיינס וואָס איז דורך די לעצטע פּאָר מאָנאַטן פאַרעלטערט געוואָרן האָט אפילו נאָך איצט, ביי דער בלייכקייט פון די ליפּן,

געוויזן שטאַרקייט און לעבעדיקייט, און עס האָט זיך גאָרניט גע־וואָלט גלייבן אַז דאָס אָפּגעבראָטענע פּנים מיט דער אָפּגעשיילטער הויט איז טויט, ווייל אויף דעם פּנים האָט געשיינט דער רואיקסטער און געזינטסטער שמייכל.

און אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל לעבן אים איז יוכבד געלעגן. נאָר ווי איר פּנים האָט אויסגעזען קען מען ניט וויסן, ווייל זי האָט געהאַלטן איר פּנים איינגעגראָבן אין זיין ברוסט . . .

אין גאָרטן איז שטיל געווען, ווי אין סטעפּ. צווישן גראָז און אָפּגעהאַקטע צווייגן, צווישן צעטראָטן אויבס און טרוקענע בלעטער, האָבן זיך געוואָלגערט קערפּערס, צעטראָטענע און צעשפּאָלטענע, ווי די פּרוכט פון די ביימער. מען האָט געקענט מיינען אַז עס ליגן גאָר פּעקלעך אָנגעטועכץ, באַשמוצט מיט בלאָטע און בלוט. נאָר דאָרט וואו עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פּנים, צי פון אַ מאַן מיט פאַרגליווערטע פּאות אין בלוט, צי פון אַ פרוי מיט פאַרשלאָסענע טויבנאויגן, צי פון אַ שלאָפנדיק קינד, — האָט אַרויסגעשיינט אַ שטילער, צניעותדיקער שמייכל פון באַהאַלטן אינעווייניקסט גליק. ווי די מענטשן וואָלטן ווייטער געלעבט, און זיי זעען עפּעס אין זייער לעבן, הערן עפּעס, ניט פון דער וועלט און ניט פון דער ערד . . .

אויפן גרינעם בערגל האָט אַ פאַרשעמטע געפּלאָטערט די קריסט־לעכע פאָן. קריוווע־נאָס האָט זי פאַרגעסן מיטצונעמען, ווען ער איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין אויסמאָרדן די קריסטלעכע פּוילישע באַפעלקערונג.

קאַפּיטל 15

אין סאָד

אין סאָד ביי יערעמס מוטער האָט אַ גאַנצן טאָג געשמעקט מיט האָניק. די בינען זענען אַריין און אַרויס פון די בינשטאָקן, וואָס זענען געווען אין אויסגעהוילטעביימער, און האָבן זיך געראַיעט אַרום די אָנגעהיצטע ווייסע האָניק-בלימלעך, מיט וועלכע די גאַנצע לאָנקע פון גאָרטן איז געווען באַשאָטן. די ביימער האָבן זיך געבראָכן אונטער די שווער-באַלאָדענע צווייגן מיט פאַרטיקע פלוימען וואָס זענען געפאַלן פון די ביימער. קיינער האָט זיי ניט אויפגעקליבן און זיי האָבן געפוילט אין גראָז, פאַרשפּרייטנדיק דעם געשמאַק פון פוילנדיק אויבס. אין סאָד האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ צוויי-דריי פויערישע שעפּסן, שוואַרץ-וואָליקע, מיט פויערשע קעפּלעך, וואָס האָבן זיך געלאַנגווייליקט גריזשענדיק דאָס גראָז און פאַר לאַנגווייליקייט האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע געלעקט מיט די צונגען. אַ שאַר קאַטשקעלעך זענען אָנגעקומען צו גיין אין אַ סטאַדע, ווי אַ דעפּוטאַציע פון בכבודע באַלעבאָסטעס מיט אַ וויכטיקער שליחות; זיי האָבן זיך געוויגט מיט זייערע פעטע לייבער אויף די קורצע פיסלעך. אַ גאַנדז האָט פון דער העלער הויט געגעבן אַ פלי אַריין מיט צעפלאַשעטע פליגל און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרעם זיך געלאָזט פאַרויס, נאָר אָנטרעפנדיק פלוצעם דעם הונט בוגא, וועלכן זי האָט אויפגעוועקט פון זיין שלאָף, האָט זי זיך אָפּגעטרייסלט אַ דערשראָקענע און וועלנדיק אויסמיידן אומאַנגענעמלעכקייטן, האָט זי זיך אָפּגעטראָגן אין אַ זייט, אַראָפּגעלאָזט די פליגל און באַרואיקט זיך.

אין סאָד, צווישן די שעפּסן, קאַטשקעס, גענדז און אַנדערע שטוביקע עופות און חיות, האָט זיך אַרומגעדרייט דבורה. אויף אירע

פיסלעך האָט זי געטראָגן קלימפּערלעך, וואָס יערעם האָט איר אָנגע־טאָן, כדי זי זאָל ניט קענען אַנטלויפן, און ער זאָל שטענדיק הערן אירע טריט. און זי האָט שוין געטראָגן אַ קאָזאַקישן שלייער אויפן קאָפּ אַנשטאָט איר הייבל, וואָס האָט איר פאַרשטעלט דאָס פּנים. זי איז געגאַנגען איבער דעם גאָרטן טרויעריק און די גלעקלעך האָבן צוגעקלונגען צו אירע טרויעריקע טריט. און אַזוי איז זי צוגעקומען צום וואַסער וואָס איז געפלאָסן הינטער דעם סאַד און אַוועקגע־זעצט זיך ביים באָרטן פון טייך און געקוקט אין וואַסער אַריין.

אָבער יערעם איז נאָכגעגאַנגען. ער האָט געהיט אירע טריט און איז לאַנגזאַם צוגעקומען צום וואַסער און לעבן איר זיך אַוועק־געזעצט.

— פאַרוואָס ביסטו נאָך אַזוי טרויעריק, דו שיינע יידישקע? דייניקע קענסטו נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן. כּישוף האָסטו מיר געטאָן און מיין האַרץ האָסטו מיר פאַרסמטט. וויי צו מיר, וואָס וועל איך טאָן? וואָס וועל איך טאָן?

— זיי שטיל, יערעם, דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז ביז צו דער חתונה וועסטו מיך ניט פּייניקן, אַז דו וועסט מיך לאָזן באַקלאָגן די מייניקע.

— אוי, וואָר איז עס, וואָר. איך האָב דיר צוגעזאָגט. אָבער דאָס האַרץ ווערט אויסגעדאַרט ווי אַ קוואַל אַ פאַרטריקנטער, ווען איך קוק אויף דיר. און אונדזער ברויט ווילסטו ניט עסן. פאַרשעמסט נאָך אונדזער מאָלצייט, נאָר וואָס די ניאַניע ברענגט דיר, אויבס און גרינס. און דו ביסט דאָך שוין אַ כּלה מיינע.

— די טויטע האָב איך צוגעזאָגט, יערעם, אָפּהיטן זייער געזעץ, ביז איך וועל ניט אַוועקגיין פון זיי. אָ, לאָז מיך, יערעם, מיין געזעץ אָפּהיטן. דו ביסט דאָך אַ גוטער, און דו האָסט דאָך מיך ליב.

— יאָ, ליב האָב איך דיך ליב, דבורה, איך וועל פאַר דיר יונגערהייט פון דער וועלט אַוועקגיין. איך וועל פאַר דיר אַ פאַרברעכן באַגיין. אַ ברודער אַן אייגענעם קען איך הרגענען פאַר דיר. זאָג, איך וועל מיט דיר אין עק וועלט גיין. אויף אַן אינדזל אַן איינזאַמען זיך באַזעצן, אַ וואַסערל אַ קליינס וועט פאַר אונדזער הייזל פליסן,

און רויטער מאַן וועט פאַר אונדזער פענצטער בליען. און איך וועל זיין דער פויער און דו וועסט זיין מיין קעניגן, אוי, דו קעניגן, דו מיינע, דו מלאכל דו מיינס, דו ריינע טויב, וואָס איז דאָס אין דיר? דיינע אויגן, דיינע טויבנדיקע, צעברעכן מיר דאָס האַרץ, און איך וואָלט געשטאָרבן דאָ אויפן אָרט, — האָט דער שייגעץ זיך אַראָפּגעבויגן פאַר איר און זיין פּנים אין זיינע הענט איינגעגראָבן און האָט זיך פּלוצעם צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

— שטיל דיך איין, יערעם, דו ביסט גוט און איך האָב דיך ליב. אַ האַרץ האָסטו אַ גוטס. שטיל דיך איין, יערעם, — האָט זי געגלעט מיט אירע הענט זיינע האָר ווי אַ האַרינטע אַ הונט.

— אָ, דו ווייס שעפּסעלע מיינס, אָ דו טויב מיינע, דו יונג, אומ־שולדיק קאַלב מיינס, וואָס פּייניקסטו מיך אַזוי, מיין ליבע? וואָס צוקסטו מיין האַרץ אויס? אָ, מאַך שוין באַלד אַן ענד צו מיין לעבן.

— אָ, לעבן וועסטו, יערעם, דו ביסט יונג און שטאַרק, און דו ביסט גוט.

— אָבער וואָס טויג מיר שוין מיין לעבן, אַז איך ווייס ניט ווען דו וועסט מיינע זיין? טאָג אויף טאָג לייגסטו אָפּ. און די ליבע נאָגט מיין האַרץ ווי אַ וואָרעם אַ בוים. און איך טריקן איין. זאָג מיר, דו מלאך, וואו וועל איך מיין הויז שטעלן? ביי וועלכן וואַסער און אין וועלכן לאַנד?

— אָ, יערעם, דו וועסט ניט לאַנג דאַרפן וואַרטן, ניט לאַנג מער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טרויעריקייט.

— זאָג מיר, ווען?

— געזאָגט האָסטו און מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיך ניט פּייניקן, דו האָסט דאָך מיך ליב.

— שוין, איך שווייג שוין. אַז דו ווילסט זאָג, אַז דו ווילסט ניט, זאָג ניט. צי מיין נשמה, צי מיין האַרץ, זאָל עס נאָגן און נאָגן ביז איך וועל שטאַרבן, — האָט דער גוי איינגעגראָבן זיין פּנים אין גראָז.

— שוין באַלד וועט קומען דער סוף. וואַרט נאָך אַ ביסל, יערעם. אָט, באַלד, אָט באַלד, — האָט זי אים באַרואיקט מיט איר ווייכער

קילער האַנט אויף זיין קאָפּ און אירע ברענענדיקע אויגן האָבן ערגעץ־וואו געקוקט.

ער האָט זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און נאָכגעגאַנגען איר פּוסטריט ווי אַ געטרייער דינער. קאָזאַקן און פּויערים האָבן פון אים דאָס געלעכטער געמאַכט, גערייצט זיך מיט אים וואָס ער האַלט זיך מיט דער יידישקע; און אַ געמורמל איז אַרומגעגאַנגען אַז ניט אַנדערש — סיידן די יידישקע האָט אים כישוף אָנגעטאָן.

איין מאָל איז יערעם צוריקגעקומען פון שטאָט און דבורהן עפּעס מיטגעבראַכט:

— אַלע יידן און ליאַכן אויסגעהרגעט אין טולטשין. קיין איינער איז ניט לעבן געבליבן.

— פון וואַנען ווייסטו, יערעם? — האָט אים דבורה געפרעגט.

— די פּויערים האָבן עס אין שטאָט דערציילט. אַ סך גוטס האָבן זיי אין שטאָט געבראַכט פון טולטשין, וואָס זיי האָבן פון די יידן צוגענומען. אָט האָב איך דיר אויך עפּעס געבראַכט, מיין שיינע יידישקע. ביי אַ פּויער אָפּגעקויפט, פאַר דיר. אַ פּעלץ אים געגעבן דערפאַר.

און יערעם האָט אַ פּאָר גאָלדענע שיכעלעך אַרויסגענומען פון אַ פּאַטשיילע און איר געגעבן.

— מע זאָגט אַז אַזעלכע שיכעלעך קויפן די יידן זייערע כלות. און די יידישקעס האָבן זיי זייער ליב צו טראָגן. האָב איך זיי דיר געקויפט, מיין שיינע יידישקע.

דבורה האָט גענומען די שיכעלעך און זיי באַקוקט. זי האָט זיי דערקענט. דאָס זענען געווען די שיכעלעך וואָס שלמה האָט איר מיטגעבראַכט פון לובלין, ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער ישיבה.

— פון וואַנען האָסטו זיי? — האָט אים דבורה געפרעגט.

— פון אַ פּויער אָפּגעקויפט. ער האָט זיי ביי אַ טויטן יידן געפונען, וואָס זיי האָבן אין טולטשין אויסגעהרגעט. ער האָט זיי צום האַרצן געהאַלטן צוגעדריקט.

— אַ יונגער געווען, דער ייד אָדער אַן אַלטער שוין? — האָט אים דבורה געפרעגט.

— איך ווייס ניט, מיין שיינע יידישקע. דאָס האָט ער מיר ניט געזאָגט, נאָר פאַר וואָס ביסטו אַזוי בלייך געוואָרן, מיין טייבעלע?

— דערנאָך, דערנאָך וועל איך דיר זאָגן. ניאַניע, איך וויל צו דער ניאַניע!

— וואָס איז דיר? פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלייך, מלאך דו מיינער, טייבעלע דו קליינס, וואָס? — איז דער גוי געשטאַנען פאַרוואונדערט.

— דערנאָך וועל איך דיר אַלץ זאָגן. אָ, יערעם, באַלד, אָט באַלד וועט מיין חתונה זיין. נאָר אויף די שיכעלעך האָב איך געוואַרט. איצט אָט באַלד וועט עס נעמען אַ סוף. ניאַניע!

— ניאַניע! — האָט יערעם אָנגעהויבן צו רופן. און זי האָט קוים צייט געהאַט, די אַלטע ניאַניע פון סאָד אַרויסצולויפן, וואו זי האָט די הינער געקאָרמעט, ווען דבורה איז אויף דער לאַנקע געפאַלן.

— וואָס איז מיט איר? — האָט דער גוי געפרעגט די ניאַניע.

די ניאַניע האָט דערזען די שיכעלעך אין דבורהס הענט, און זי האָט אַ גרויסן געשריי געגעבן:

— גאָט, האָב רחמנות! — און געכאַפּט דבורהן אין אירע אָרעמס.

יערעם איז געשטאַנען אַ פאַרוואונדערטער.

קאַפּיטל 16

אין די גאָלדענע שיכעלעך

אין דעם זעלביקן אָוונט האָבן זיך די ווייסע האָניק-בלימלעך צעוואָרעמט און דער האָניק-ריח איז געשטאַנען אין גאָרטן. אין דער לופט האָבן זיך אָנגעצונדן און זענען פאַרלאָשן געוואָרן גליען-דיקע ווערעם, ווי נשמות בלאָנדזשענדיקע. ווייט אין סטעפּ האָבן פייערלעך געבלאָנדזשעט, אָנגעצונדן זיך און זיך אויסגעלאָשן. יעדער רויטער מאָנקאָפּ האָט אויפגעפלאַקערט. די שטערן האָבן זיך גע-ריבן איינס אין אַנדערן און די לופט איז באַלויכטן געוואָרן מיט אויסטערליש ליכט, ווי זי וואָלט פול געווען מיט אומגעזעענע קער-פּערס, וואָס זענען געקומען אַריינצושווימען אין אונדזער אַטמאָספער פון אַ פרעמדער וועלט.

דבורה איז געשטאַנען אין דרויסן, אין סאָד, ביים פלאַקער פייער וואָס יערעם האָט אָנגעצונדן. פון דער כאַלופּע האָט זיך געהערט דאָס גרימפּלען פון אַ לירע וואָס אַ פאַרבלאָנדזשעטער אַלטער האָט געשפּילט און געזונגען אַ באַלאַדע פאַר די פאַרזאַמלטע פּויערים. שיכורע געשרייען, וויינען און לאַכן האָט זיך געהערט פון דער כאַלופּע. אין דער כאַלופּע איז געווען אָנגעוואָרפן דאָס גערויבטע יידישע האָב-און-גוטס וואָס די גויים האָבן מיטגעבראַכט פון טולטשין. זיי האָבן זיך צעטיילט מיט דעם יידישן גוטס און געטרונקען פון יידישן וויין. און דער אַלטער האָט פאַר זיי געשפּילט אויף דער לירע.

דבורה איז געשטאַנען ביים פלאַם פייער, די קלימפּערלעך אויף אירע פיס האָבן געקלונגען ביי איר יעדער באַוועגונג. אירע אויגן זענען געווען געווענדט צום הימל, צו די שטערן. איר פיגור איז

געווען ווי אַ יונגער בוים און זי האָט גערעדט, ווי זי וואָלט ווענען געזען:

— באַלד קום איך צו דיר, מיין מאַן, מיין אויסדערוויילטער, איך זע דיך אין דעם ליכט, דו שטרעקסט אויס די הענט צו מיר. נעם מיך צו דיר, מיין מאַן, מיין אויסדערוויילטער. איך בענק נאָך דיר.

זי האָט געזען אַ בלויען ליכטיקן ים. און באַשטערנטע שיפלעך שווימען אַרום. אַלע שווימען צו צו איין ברעג. דאָרט איז אַזוי ליכטיק. מען קען ניט אַריינקוקן אין דעם ליכט אַריין. ווי ליכטיק דאָרט איז! דאָרט איז דאָס איינציקע, דאָס אייביקע. גאָט איז דאָרט. און אַלע שווימען דאָרט אָפּ צום ליכטיקן ברעג. אויף יעדן שיפל געפינט זיך אַ יידישע משפחה. זי קען זיי אַלעמען, די וועלכע שווימען אויף די שיפלעך. און זי זוכט צווישן די שיפלעך. און אָט דערזעט זי אים. ער וואַרט מיט זיין שיפל אויף איר. און אַלע זענען שוין אָפּגעשוואומען. נאָר ער איינער אַליין וואַרט. אָט רופט זי אים:

— שלמה, שלמה, וואַרט אויף מיר! איך קום, איך קום, איך קום! — האָט זי אויסגעשטרעקט אירע יונגע הענט צום שיפל, אין הימל אַריין.

— וועמען זעסטו? צו וועמען רעדסטו? וואָס איז מיט דיר, שיינע יידישקע?

— ריר מיך ניט אָן, איך בין פייער, וועסטו דיך אָנצינדן אין מיר. דו זעסט, איך ברען. איך בין אַ ליכט, וועסט דיך אָפּבריען.

אירע אויגן האָבן געברענט, און איר פּנים איז באַלויכטן געוואָרן פון דעם שימערנדיקן ליכט פון די שטערן. און איר הויכע יונגע פיגור און אירע לייכטע קאָלירטע שאַלן האָבן זיך ווי אָנגעצונדן אין די פלאַמען פון פייער. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געברענט.

יערעם האָט געקוקט אויף דבורהן. ער האָט זי ניט דערקענט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי וואו און ווען געזען, ווען ער איז געווען אַ קליין ייִנגל. און ער געדענקט ניט וואו ער האָט

זי געזען. נאָר באַלד איז אים ווי אַ ליכט פאַר די אויגן אויפ־געגאַנגען:

— איך קען דיך, איך ווייס ווער דו ביסט. איך ווייס, אָ, איך זינדיקע נשמה, אָ, אָ! — און ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ פאַר דבורהן אויף די קני און אָנגעהויבן צו בעטן, ווי מען בעט פאַר אַ הייליק בילד:

— אָ, גאָט, האָב רחמנות! — און איינגעגראָבן זיין פּנים אין איינע הענט און אָנגעהויבן צו וויינען.

— איך ווייס. איצט ווייס איך. איך האָב דיך דערקענט, דו ביסט אַ הייליקע, דו ביסט אַ געטלעכע. איך האָב דיך אין צערקווע געזען. אויפן הייליקן בילד האָב איך דיך געזען. איך ווייס איצט אָ, איך זינדיקער מענטש. דערבאַרעם דיך, דערבאַרעם דיך! — האָט דער גוי געשטאַמלט.

— האָב ניט קיין מורא, יערעם, דו ביסט אַ גוטער. דיין האַרץ איז גוט, האָב ניט קיין מורא.

— אָ, איך זינדיקער מענטש, האָב רחמנות! — און דער שייגעץ האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן פאַר איר און מיט אַ גרויס גוואַלד איז ער אין כאַלופּע אַריין צו די פּויערים:

— פּויערים, גאָט איז אין סאַד, ווי צו אונדז! — די פּויערים האָבן אָפּגערוקט דאָס טרינקען. די לירע איז פאַרשטומט געוואָרן. זיי זענען בלייך געוואָרן, און איינער האָט דעם אַנדערן געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו?

אָבער יערעם האָט געוויינט און געשראָקן זיך ווי אַ קליין קינד און געוויזן מיט דער האַנט אויפן סאַד.

— דאָרט, אין דרויסן.

די גויים זענען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט זיין שרעק. מיט אימה האָבן זיי זיך צוגעגנבעט צו דער טיר פון דער כאַלופּע און אַרויסגעקוקט.

— וואו?

— דאָרט, ביים פייער. איר זעט ניט? קוקט, קוקט.

— דאָרט שטייט דיין יידישקע, ניט גאָט.

— איך האָב זי דערקענט. פון הייליקן בילד איז זי אַראָפּגעקומען. דאָס איז גאָט!

— זי האָט דיך פאַרבלענדט, אַ כישוף דיר אָנגעטאָן. זעסט ניט, דיין יידישקע איז עס, ניט גאָט, זינדיק ניט.

— פויערים, איך האָב זי דערקענט. געקוקט אַזוי אין איר פּנים און זי דערקענט. זי איז אַ הייליקע, פון הייליקן בילד אַראָפּגעקומען.

— זאָל זי באַווייזן אַז זי איז גאָט.

— אַ וואונדער!

— אַ וואונדער זאָל זי באַווייזן, וועלן מיר גלייבן אַז זי איז גאָט, אַניט איז דיין פאַרשאָלטענע יידישקע אַ כישוף־מאַכערין. פאַרברענען דאַרף מען זי.

— דעם פויער כישוף אָנגעטאָן. פאַרברענען דאַרף מען זי.

— פויערים, שווייגט, פאַרזינדיקט אייך ניט! — האָט יערעם גערופן, און צוגייענדיק צו דבורהן, האָט ער געקניט פאַר איר פון דער ווייטנס און געבוקט זיך פאַר איר ווי פאַר אַ הייליק בילד.

— זאָג זיי, וויַיז זיי, אַז איך בין זיך ניט טועה, זאָלן זיי גלייבן אין גאָט. אַ, באַווייז זיי, הייליקע, באַווייז זיי, אַז דו ביסט גאָט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט דבורה געשוויגן. דערנאָך האָט זי געווענדט איר באַלויכטן פּנים צו יערעמען און זי האָט געזאָגט:

— רוף די ניאַניע, יערעם.

נאָר די ניאַניע איז שוין לאַנג געווען לעבן איר. זי איז געלעגן ביי אירע פיס און איינגעוויקלט איר פּנים אין דבורהס קלייד און געוויינט.

— גיי, ניאַניע, ברענג מיר די גאָלדענע שיכעלעך, — האָט זי געזאָגט צו דער ניאַניע אויף יידיש.

— אָ, קינד מיינס, טייבעלע מיינס, איך וויל ניט. וואָס גייסטו טאָן?

— איך באַפעל דיר, ניאַניע, ברענג מיר די גאָלדענע שיכעלעך.

די ניאַניע איז אַוועק און אַרויסגעבראַכט איר פון קאַמער די גאָלדענע שיכעלעך.

— ווייַן ניט, זיי פֿריילעך. טו מיר אָן די שיכעלעך. אַזוי ווי דו פֿלעגסט מיך אָנטאָן, ווען איך בין אַ קליין קינד געווען. דו געדענקסט? דו האָסט מיך אַריינגעשיקט צו אים, ווען ער איז אַ ייִנגל געווען, מיט אַ באַר און מיט אַן עפּל? — האָט זי געזאָגט צו דער ניאַניע אין דער שטיל.

— אָ, איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי. וואָס גייסטו טאָן?

— איך גיי דאָך צו אים. ער וואַרט דאָך דאָרט אויף מיר אין זיין שיפֿל, אַוועקצושווימען מיט מיר אין הימל אַריין. — און זי האָט אַרומגענומען די ניאַניע און זי געקושט.

די ניאַניע האָט זיך אָפּגערוקט פֿון איר. און דבורה, אָנגעטאָן אין די גאָלדענע שיכעלעך, האָט גערופֿן צו דעם דערציטערטן יערעם:

— יערעם, נעם דיין ביקס און ציל אין מיר.

אַ שרעק איז אָנגעפֿאַלן אויף די פּויערים אַרום. זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון דעם פּחד וואָס איז באַפֿאַלן דעם שייגעץ. און דבורהס ווערטער האָבן זיי דערציטערט. טייל האָבן שוין אָנגעהויבן צו גלייבן אַז זיי זעען עפּעס אויסטערליש. און איינער פֿון זיי האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געשטאַמלט:

— גאָט, דערבאַרעם דיך!

און יערעם האָט געציטערט פֿאַר שרעק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען ביי אים די הענט און די פֿיס.

— ניין, ניין, איך וועל עס ניט טאָן. איך האָב מורא.

— האָב ניט קיין מורא, יערעם, גאָרניט וועט מיר געשען. גאָרניט קען מיר געשען. איך בין שוין ניט דאָ. איך בין שוין דאָרט, אויבן אין הימל. איך האָב מיר אָנגעטאָן די גאָלדענע שיכעלעך, וואָס ער האָט מיר פֿון הימל אַראָפּגעשיקט אַז איך זאָל קומען צו אים. גיי, יערעם, נעם די ביקס און ציל אין מיין האַרץ.

אָבער דער פּויער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין כליפּען, אין איין שרעקן זיך און געשטאַמלט:

— ניין, ניין, איך האָב מורא. דערבאַרעם דיך.

— איך באַפֿעל דיר, יערעם, גיי און ברענג די ביקס. איך וועל

שטיין דאָ לעבן פייער, אַז דו זאָלסט זען וואו צו צילן. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז גאָרנישט קען מיר געשען. איך באַפעל דיר, טו ווי איך האָב דיך געהייסן.

באַלויכטן אין פלאַם פון פייער האָט זי אויסגעזען ווי אַ יונגער גאָט וואָס באַפעלט. און די שרעק פון גאָט איז באַפאַלן די פויערים. זיי האָבן זיך צעפּגעלאָזט אויף די קני. איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן זינגען און אַלע נאָך אים:

— „גאָט, דערבאַרעם דיך. גאָט, דערבאַרעם דיך".

איינער פון די פויערים האָט דערלאַנגט די ביקס דעם קניענדיקן יערעם. דבורה, אין די גאָלדענע שיכעלעך אָנגעטאָן, איז געשטאַנען באַלויכטן אין פייער.

— ציל, יערעם.

די פויערים זענען פאַרשטומט געוואָרן. זענען געבליבן קניענדיק אויף דער ערד.

עס האָט אַ קנאַל געגעבן. אַ קנויל רויך איז אויפגעשטיגן און באַלויכטן געוואָרן אין פלאַם פייער.

— ציל גוט, יערעם. זעסט, גאָרניט קען מיר געשען!

יערעם האָט נאָך אַ מאָל אויסגעשאָסן. און ווידער האָט אַ קנויל רויך אין דער לופטן אויפגעשטיגן.

דבורה האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען און אַראָפּלאָזן זיך אויף די קני.

— זי פאַלט!

— בלוט!

— די פאַרשאָלטענע יידישקע! זי האָט אָפּגענאַרט! — האָבן די פויערים געשריגן, אויפהייבנדיק זיך פון קניען און צוגעלאָפן צו דבורהן מיט די פויסטן.

— פאַרשאָלטענע יידישקע — אָפּגענאַרט!

נאָר יערעם האָט זי שוין באַשיצט. אין זיינע אָרעמס האָט ער געהאַלטן איר וואַקלדיקן קערפּער, פון וועלכן עס האָט געשטראָמט בלוט אין פלאַם פייער אַריין.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, שיינע יידישקע? איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב געהאַט! — האָט ער געשטאַמלט.

— זיי מוחל, יערעם, זיי מוחל. איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט מיך געשיקט צו אים. איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט מיך שיקן צו אים. דו ביסט אַ גוטער, יערעם.

— אין מיינע הענט, עס איז מיין קינד! — האָט די ניאַניע געשריגן און איז צוגעלאָפן, געכאַפּט דבורהן אין אירע הענט.

דבורה האָט דערזען דאָס באַשטערנטע שיפל. שלמה האָט איר די האַנט דערלאַנגט און איר געהאָלפן אַריינגיין אין שיפל.

— בלייב געזונט, ניאַניע, — האָט דבורה געשטאַמלט.

— פאָר געזונט, מיין קינד, — האָט איר די ניאַניע אָפּגעענט־פערט אין יידיש.

און אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אַליין זיין, האָט זי זיך אַוועק־גערוקט פון יערעמען, אָפּגעווענדט זיך פון דער ניאַנע. זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויפן גראָז. און די אַרומיקע פויערים האָבן געהערט פון אירע ליפּן דעם שפּרוך וואָס זיי האָבן אַזוי פיל מאָל געהערט אין יענע טעג פון יידן: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!"
און זי איז שטיל געוואָרן.

קאַפּיטל 17

בטחון

אין לובלין אויפן יאַרמאַרק האָט זיך דאָס יאָר פאַרקליבן דער וועד ארבע הארצות. אַ גרויסע אויפגאַבע האָט געהאַט דער וועד. עס האָבן זיך קיין לובלין פאַרזאַמלט זייער אַ סך יידן פון גאַנץ אוקראַינע. עס זענען געקומען פאָטערס זוכן זייערע קינדער וואָס זענען אַוועקגערויבט געוואָרן פון די קאָזאַקן, און אַ סך עגונות וואָס האָבן ניט געוואוסט צי זיי זענען עגונות אָדער אלמנות. און מענער וואָס זייערע ווייבער זענען פון טאָטערן צוגענומען געוואָרן, און יתומים אָן פאָטערס, און גלאַט יידן וואָס זייערע קהילות זענען חרוב געוואָרן און זיי האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער דער מדינה און ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן.

די שטאָט איז פול געווען מיט נרדפים. אַ סך האָבן דאָרט געפונען זייערע אייגענע וואָס זיי האָבן גערעכנט אַז זיי זענען שוין לאַנג טויט. עס האָבן זיך דערקענט פאָטער און קינדער, מענער און פרויען, ברידער און שוועסטער. דער וועד האָט זיך גענומען צוריקצושטעלן דאָס יידישע לעבן, צונויפצוהעפטן צוריק די יידישע משפחות וואָס די קאָזאַקן און טאָטערן האָבן אַדורכ־געשניטן. דער וועד האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה אויף די אַלע יידן פון די חרוב געוואָרענע שטעט צוריק צו גיין צו זייערע שטעט און צוריק אויפבויען די יידישע קהילות, וואָרעם דער פוילישער קעניג מיט זיינע חיילות האָבן פאַרטריבן די קאָזאַקן צו די רוסן און כמעל־ניצקי איז געוואָרן געפאַנגען פון די טאָטערן. דער וועד האָט צו־נויפגענומען פדיון שבויים פון די נגידים און אַרויסגעשיקט קיין טערקיי אויסצולייזן די געפאַנגענע. צוליב די קינדער האָט ער געגעבן

היתרים צו די מענער צוריקצוקומען די פרויען וואָס זענען געווען געפאַנגען ביי די קאָזאַקן. ער האָט אויך צוריק אויפגענומען אין יידישקייט די וואָס די קאָזאַקן האָבן גענייט איבערצוגיין איבער גוואַלד אין אַ פרעמדער אמונה.

צווישן די נרדפים האָט זיך אויך געפונען שלמהלע. עס האָבן אים אויסגעלייזט די טערקישע יידן אין איינעם מיט אַנדערע שבויים פון די טאָטערן וואָס האָבן אים געבראַכט אויף דעם שקלאַפנמאַרק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די יידן פון טערקיי האָבן געהערט אַז שלמהלע איז אַ תלמיד פון דער באַרימטער לובלינער ישיבה, האָבן זיי אים געוואָלט פאַרהאַלטן אין טערקיי, אויפעפענען אַ ישיבה און לערנען תלמוד אויפן פוילישן שטייגער, על פי דרך פילפול. אָבער שלמהלע האָט זייער געבענקט נאָך די זייניקע אין פוילן. האָט אַ יידישער סוחר פון סאַלאָניקי אים מיטגענומען אויף זיין שיף וואָס איז געגאַנגען מיט סחורה קיין נעאַפּאָל. אין איטאַליע האָט מען ווידער געוואָלט פאַרהאַלטן שלמהלען, אַז ער זאָל לערנען מיט בחורים תלמוד אויפן פוילישן שטייגער, אָבער שלמה האָט געוואָלט אַהיים קיין פוילן. האָבן די איטאַליענישע רבנים, טייל זיינע חברים וואָס האָבן געלערנט מיט אים אין דער לובלינער ישיבה, אים געגעבן קליידער און געלט און אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער שוין געהערט פון דער טרויעריקער בשורה וואָס די קאָזאַקן האָבן געטאָן מיט די יידן פון טולטשין, פון באַר און פון אַלע אַנדערע שטעטלעך. אַזוי איז ער אַריינגעקומען קיין פוילן. געאיילט קיין לובלין אויפן יאַרמאַרק מיט די האָפענונגען צו הערן דאָרט עפּעס פון די זייניקע.

אין לובלין האָט ער געטראָפן נרדפים פון טולטשין און פון באַר און פון אַנדערע שטעטלעך. דאָרט איז ער געוואויר געוואָרן פון די אנוסים פון זיין פאָטער און מוטערס טויט, וואָס זענען געשטאָרבן אויף קידוש השם מיט די אַנדערע יידן אין טולטשין. נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז געוואָרן מיט דבורהן, ניט מיט דבורהן און ניט מיט דער קריסטלעכער דינסט.

נאָר שלמה האָט יאָ געוואוסט. ער האָט געוואוסט אַז זי איז אַרויפגעגאַנגען אין הימל בקדושה ובטהרה. זי איז אויבן אין הימל און וואַרט אויף אים.

ער האָט ניט געטרויערט נאָך איר. נאָר אַ גרויסע בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען נאָך איר, נאָך די טעג פון זיין מיט איר אין איינעם.

איז ער אַרומגעגאַנגען אין לובלין אויפן יאַרמאַרק צווישן די נרדפים און די גרושים און די עגונות מיט די אלמנות און יתומים. ער האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם טעם פון די צרות. ער האָט אויף איין מינוט פאַרלוירן דעם טעם און ניט פאַרשטאַנען, און איז אַריינגעפאַלן אין עצבות. דאָס האָט אים געבראַכט צו גרויס שברת-הלב, ווייל עס איז ידוע אַז פון עצבות צו ספקות איז נאָר איין מדרגה.

איז ער אַמאָל געגאַנגען אין אַן ענגער גאַס אין לובלין, דאָרט וואו עס זענען די קראָמען. אַזוי האָט ער געזען עס שטייט אַ זקן פאַר אַ ליידיק געוועלב און רופט אַריין קונים אין געוועלב אַריין. אַזוי האָט ער זיך זייער פאַרוואונדערט, ווייל דאָס געוועלב איז געווען ליידיק און עס איז גאָר ניט געווען צו פאַרקויפן. איז ער אַריינגעגאַנגען אין געוועלב אַריין און געפרעגט דעם זקן:

— וואָס פאַרקויפט איר דאָ? אייער געוועלב איז דאָך פוסט און ליידיק און עס איז גאָר קיין סחורות ניטאָ.

— איך פאַרקויף בטחון.

האָט ער אָנגעקוקט דעם אַלטן, איז ער אים פאַרגעקומען באַקאַנט, ווי ער וואָלט אים שוין געווען אַמאָל געזען . . .

— סוף —

ווערטער־פּאַרטייטש

א

„אבות-אבותינו" (אָוואויס אַוואויסיינו), „זיינע אבות-אבותינו", זיינע אורעלטערן.

אביון (עוויען), אַן אָרעמאַן.

אבר, אברים (אייווער, אייוורים), גליד, גלידער פון מענטשלעכן קערפּער.

אגב (אַגעוו), פאַרבייגייענדיק, אויך — By the way.

אגב אורחא (אַגאַוו אורכע), פאַרבייגייענדיק — By the way.

אוהב ישראל (אויהעוו ייסראָעל), אַ יידנפריינד.

אורח, אורחים (אוירעך, אָרכים), גאַסט, געסט. געוויינטלעך אַן אָרעמער ייד, וואָס מען נעמט אַהיים אויף שבת, אָדער יום-טוב.

אויפן חשבון הגביר (כעזשבן האַגוויר), אויפן רעכענונג פון דעם רייכן.

אחינו בני ישראל (אַכיינו בניי ייסראָעל), אונדזערע ברידער — די יידן.

אַטלעס — Satin.

איילבערט, אָליוו — Olive.

אימה (איימע), שרעק.

אכסניא (אַכסאַניע), איינפאָרהויז, האָטעל.

אלול-טעג, טעג אין חודש אלול (עלול), דעם לעצטן חודש פון יאָר, לויטן יידישן קאַלענדאַר.

„אליהו הנביאס שטול", אַזוי רופט מען דעם שטול, אויף וועלכן עס זיצט דער סנדק אויף אַ ברית. סנדק (סאַנדעק) דער ייד, וועמען מען טיילט צו דעם כבוד צו האַלטן דאָס קינד ביים ברית.

אם ירצה השם (אים יירצע האַשעם), אַז גאָט וועט וועלן. ווערט אויך אַרויסגערעדט „מערצעשעם".

אמונה הקדושה (עמונע האַקדוישע), דער הייליקער גלויבן.

אמהות (אימאָהעס), די מוטערס פון פאָלק ישראל: שרה, רבקה, רחל און לאה.

אנוסים, געצוואונגענע, גענייטע. אַזוי האָט מען גערופן אין שפּאַניע די יידן, וואָס זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך צו שמדן, אָבער באַהאַלטענערהייט האָבן זיי אָפּגעהיט יידישקייט.

אַנטרונענע, אַנטלאָפענע.

אקדמות (אַקדאָמעס), אַ רעליגיעזע פּאָעמע, געשריבן אין אַראַמיש, וואָס מען זאָגט מיט אַ באַזונדערן ניגון שבועות.

אָקעוויט, אָקוויט, אַלקאָהאָל, ספּירט, בראָנפן.

ארבע כנפות (אַרבאַ קאַנפעס), ציצית, אַ טלית קטן (טאַלעס קאָטן).

ארון הקודש, ארון קודש (אָרן האַקוידעש, אָדער אָרן קוידעש), די הייליקע שאַפע, אין וועלכער עס שטייען אין שול די ספר תורות.

אָרענדע, דאָס רעכט אויף עפּעס, וואָס איינער קריגט, ווען ער דינגט עס אויף אַ געוויסער צייט.

„אשת חיל מי ימצא" (איישעס כאַייל מי יימצאָ), אַ פעאיקע פרוי ווער קען געפינען? דאָס זיינען די ערשטע ווערטער פון אַ געזאַנג, וואָס פרומע יידן זאָגן פרייטיק צו נאַכטס, ווען זיי קומען אַהיים פון שול.

אתחלתא דגאולה (אַסכאַלטאָ דיגאולאָ), דער אָנהייב פון דער אויסלייזונג, דאָס אָנקומען פון משיחס צייטן.

ב

באין אופן (בעאיין אויפן), פאַר קיין פאַל ניט.

באָקעס, זייטן. „מיט די הענט אונטער די באָקעס", האַלטן די הענט ביי די זייטן.

באַלעמוטשען, פאַרלירן צייט.

באַלעמער, אַזאַ בינע אין שול. געוויינטלעך לייענט מען דאָרטן די תורה שבת און יום-טוב.

באַשפּיצטע הויבן, הויבן מיט שפּיצן. הויב — Bonnet; שפּיצן — Lace.

בגד תפארה (בעגעד טיפאָרע), זייער אַ שיין קלייד.

בגמטריא (בעגימאַטריע), „בזאת מיינט בגמטריא ת"ח", דאָס וואָרט „זאת" באַטרעפט פונקט אַזויפיל, ווי ת"ח — 408, אָדער 1648 לויטן קריסטלעכן קאַלענדאַר.

בדחן, בדחנים (באַדכן, באַדכאָנים), דער וואָס פאַרווילט די געסט אויף חתונות.

בהלה (בעהאָלע), אַ פאַניקע, אַ צעטומלעניש, אַ סומאַטאָכע — Panic.

בורקע, אַ ווינטערדיקער אויבערמאַנטל.

בויד — A covered wagon.

בטחון (ביטאָכן), גלויבן — Faith, Confidence.

בית דין (בעזדין), שטוב, דאָס יידישע געריכט.

בידים (בעיאָדאַים), מיט די אייגענע הענט.

ביכולת (ביכוילעס), „זיין ביכולות״, האָבן די מעגלעכקייט.
בית עולם (בייס אוילעם) — Cemetery
בית הקברות (בייס האַקוואָרעס) — .Cemetery, Grave yard
בלבול (בילבל), אַ פאַלשע באַשולדיקונג — .A false accusation
בני הגלויה (בניי האַגלויע), די פאַרטריבענע יידן.
בעל כוח (באַל קויעך), אַ שטאַרקער מענטש.
בעלי מקובלים (באַליי מעקובאָלים), די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קבלה, יידישער מיסטיק.
בעלי (באַליי) קרעטשמעס — .Inn keepers
בעזרת השם (בעעזראַס האַשעם), מיט גאָטס הילף.
בעלגופעדיקער (באַלגופעדיקער), אַ גראָבער, פעטער, אַ דיקער.
בעל יחוס (באַל ייכעס), איינער, וואָס קומט אַרויס פון אַ שיינער משפחה.
בפני הרב (ביפניי האָראַוו), אין דער אָנוועזנקייט פון רב, דעם רב אין די אויגן.
בקדושה ובטהרה (ביקדושאָ אואווטאָהאָרע), אין הייליקייט און ריינקייט.
בראָם, טויער — .Gate, Barrier
ברוך השם (באָרוך האַשעם), געבענטשט איז גאָט, דאַנקען גאָט.
ברכיה (ברעכיע), אַ נאָמען פון אַ מאַן.
בשלום ושלווה (בעשאָלעם וועשאַלווע), אין פרידן און אין רואיקייט.
בשמחה וששון (בעסימכע וועסאָסוין). מיט גרויס פרייד און לוסטיקייט.
בת השמים (באַס האַשאָמאַים), הימלשע טאָכטער.
בת מלכה (באַס מאַלקע), אַ פרינצעסין.
בת נדיבים (באַס נעדיווים), אַ טאָכטער פון איידעלע און גוטהאַרציקע מענטשן.

ג

גאַפּעס, קראָען. גאַפּע — .A crow
„גאַרניטור״ מעבל — A set furniture
גאַרבער — .A Tanner
גאָמבע, קין — .Chin
גאַנשער, אַ גרויסער קרוג פאַר וויין.
גאָרנאָסטאַינע קאָנטושן, קליידער מיט גאָרנסטאַי. קאָנטוש, איז אַ פלויש קלייד. גאָרנאָסטאַי — Ermine
גבאַי גבאים (גאַבע, גאַבאָאים), אַ באַאַמטער אין אַ שול — .A trustee
גבורה (גוואורע), שטאַרקייט, העלדישקייט.
גבֿרת האשה (גווערעס האָאישע), די געערטע פרוי, אַ רייכע פרוי.
גוזר בתור רב (גויזער בסור ראָוו), איך באַפעל מיט מיין רעכט ווי אַ רב.
„גומל (גוימל) בענטשן״, זאָגן אַזאַ תפילה, ווען מען ראַטעוועט זיך פון אַ געפאַר.
גילגול (גילגל) — .Transmigration of the soul
גליל (גאָליל), „אין אייגענעם גאָליל״, אין דער אייגענער געגנט, פראָווינץ.
גמטריא, גמטריות (גימאַטריע, גימאַטריעס), דער אופן פון רעכענען די אותיות פון אַלף בית פאַר ציפערן, למשל, דאָס וואָרט „זאת״ באַטרעפט פיר הונדערט און אַכט: „ז״ איז זיבן, „א״ — איינס, „ת״ — פיר הונדערט.
געגרימפלט, געשפילט שלעכט.
געטוקט, געטונקען.
געקריזלטע, געלאָקטע — .Curled
געקוילערט, געקייקלט, געקאַטשעט.
גערונצלט וואַסערל — Rippled water
גראַמאָטנע, איינער וואָס קען לייענען און שרייבן — .Literate
גרושים, אַרויסגעטריבענע, פאַרטריבענע.

ד

דאָליע, מזל, גורל — .Fate, Lot
דברי חול (דיווריי כויל), „זאָל לערנען דיווריי כויל״, וואָכעדיקע זאַכן, ד״ה וועלטלעכע בילדונג.
ד׳ בשבוע (דאַלעד בעשאָוואַ), פערטער טאָג אין וואָך, מיטוואָך.
דגלים (דגאָלים), פאָנען.
דהיינו (דעהיינע), אָט וואָס.
דישען, וואַרגן, שטיקן — .Choke
דן (דאָן), אַ נאָמען. דן זיין, משפטן (מישפּעטן).
דעמב — .Oak
דרעקסלער, אַ טאָקער — .Turner
דערקוטשעט, דערגיין די יאָרן.
דרדקי מלמד (דאַרדעקי מעלאַמעד), אַ מלמד פון קליינע קינדער, וואָס הויבן ערשט אָן לערנען.
דרך ארץ (דערעך ערעץ), רעספּעקט.

ה

האשה מרת (האָאישאָ מאָראס) — .The Lady
הארי הקדוש (האָאַרי האַקאָדעש), דער הייליקער אַרי. ר׳ יצחק לוריא, אַ באַרימטער מקובל, יידישער מיסטיקער.
הבדלה (האַוודאָלע), אַזאַ געפלאָכטן ליכט, וואָס מען ניצט שבת צו נאַכטס ביי

הבדלה-מאַכן. מערצאָל — הבדלות (האַוודאָלעס).

הוזאַרן — Hussars.

הוראה (הויראָע), „געענדיקט די הוראה”, געענדיקט אויף רב.

היות (העיויס), אַזוי ווי.

הינטערוויילעכץ — Backwards.

היתר הוראה (העטער הויראָאָ), אַן אַטעסטאַט און אַ דערלויבעניש צו מעגן זיין אַ רב.

היתר, היתרים (העטער, העטיירים), דערלויבעניש, דערלויבענישן.

הכנסת אורחים (האַכנאָסעס אָרכים), דאָס פריינטלעכע אויפנעמען געסט און וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט.

הלל (האַלעל), אַ תפילה וואָס באַשטייט פון קאַפּיטלעך תהילים; ווערט געזאָגט ראש-חודש און יום-טוב.

הנ״ל (האַנאַל), איניציאַלן פון צוויי ווערטער: הנזכר לעיל (האַניזקאָר לעאייל), דער, וואָס ווערט דערמאָנט אויבן.

הסכמה (האַסקאָמע) פון אַ גדול הדור (גאָדל האַדאָר), אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ גרויסן געלערנטן אויף אַ בוך.

העטמאַן, דער הויפּטמאַן פון די קאָזאַקן — Hetman.

הפקר (העפקער), „לאָזן אַלצדינג אויף הפקר”, איבערלאָזן, אַוועקוואַרפן אַ זאַך, וואָס יעדער איינער קען עס נעמען.

הקדושים והטהורים (האַקדוישים וועהאַטהוירים), די הייליקע און די ריינע, די מאַרטירער.

הר סיני (האַר סינײ), דער באַרג סיני.

וו

וואָיעוואָדע, אַ קריגספירער.

„ויאמר ה׳ אל משה לאמור” (וואַיוימער אַדוינאָי על מוישע לײמויר), און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן.

וידינו תהיינה נקיות (וועיאָדיינו טיענאָ נעקייויס), און אונדזערע הענט וועלן זיין ריין.

ווידוי ברבים (ווידע בעראַבים), זאָגן ווידוי צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. ווידוי, אַזאַ תפילה, וואָס מען זאָגט פאַרן טויט.

ווידלעס, היי-גאָפּלען — Pitchforks.

„ויהי בנסוע הארון” (וויהי בינסויאַ האָאָרן), „און עס איז געווען, אַז עס האָט געצויגן דער אָרן”. די ווערטער זאָגט מען אין שול ביים דאַווענען, ווען מען עפנט דעם אָרון קודש אַרויסצונעמען די תורה.

וויעלקאָפּאָלשענעם (פּויליש), גרויסע פּריצים.

וועד ארבע הארצות (וואַאַד אַרבאַ האָאָראָצויס) „די פאַרזאַמלונג פון די פיר לענדער”. אַזוי האָט געהייסן די יידישע אויטאָנאָמע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט, וואָס איז געווען אַ מין יידישער פאַרלאַמענט אין פּוילן אין די יאָרן פון 1582 ביז 1764. די פיר לענדער, וואָס האָבן געשיקט פאָרשטייער אין דעם וועד זיינען געווען: גרויס פּוילן, קליין פּוילן, וואָלין און פּאָדאָליע-גאַליציע. דער וועד פלעגט זיך צונויפקומען בעת די גרויסע יאַרידן אין לובלין, אָדער יאַראָסלאַוו. די פאָרשטייער אין וועד זיינען געווען רבנים און די פירער פון די קהילות.

ווערפל — Dice.

„ושמור את הנפש” (אושמויר עס האַנעפעש), און היט אָפּ די נשמה, דאָס לעבן. „ושמור את נפשך” (אושמויר עס נאַפשעכאָ), און היט אָפּ דיין זעל, דיין לעבן.

ז

זאַפּאָראָזשצעס, אוקראַינער קאָזאַקן, געוואוינט אין זאַפּאָראָזשיע אויפן טייך דניעפּר.

זאַקאָנעס, געזעצן — Laws.

זוגתך (זוגאָסכאָ), דיין ווייב.

זכיה (זכיע), גליק, פּריווילעגיע, כבוד.

זמר (זעמער), אַ געזאַנג, זינגען אַ זמר, אַ זמרל.

זקן (זאָקן), אַן אַלטער מאַן. מערצאָל: זקנים (זקיינים).

זשידיק (פּויליש), יידל.

זשידזשי (פּויליש): יידן.

זשערעבעקל, אַ לאָשעקל, אַ יונג פערדל.

ח

חדווה (כעדווע), פרייד.

חולה מסוכן (כוילע מעסוקן), אַ געפערלעך קראַנקער.

חופּה-קאַפּטאַנדל, אַ חופּה-קלייד, אין וועלכן די כלה גייט צו דער חופּה.

חוצפּה (כוצפּע), פרעכקייט, אומפאַרשעמטקייט — Insolence, Arrogance,. Disrespect.

חורבות (כורוועס), רואינען.

חזקה (כאַזאָקע) — Priority rights.

חזרן (כאַזערן), איבערזאָגן, איינלערנען.

„חייב מיתה (כייעוו מיסע) געווען”, זיי האָבן פאַרדינט דעם טויט.

חיילות (כאַיאָלעס), סאָלדאַטן, אַרמייען.

חילוקי דעות (כילוקיי דייעס), אַן אַנדער מיינונג — Disagreement in opinion, or ideas.

חלב (כיילעוו), פעטס — Tallow.

חלילה (כאַליליע), גאָט באַהיט — God forbid!.

חלל (כאַלאָל), רוים — Vacuum.

חלף (כאַלעף), שוחטס מעסער. מערצאָל: חלפים (כאַלאָפים).

חלק לעולם הבא (כיילעק לעאוילעם האַבע), די באַלוינונג אויף יענער וועלט, אין גן-עדן.

חינוך (כינוך), „דער חינוך פון דער שול", די באַנייאונג פון דער שול.

חפץ, חפצים (כייפעץ, כפייצים), אַ ווערטפולע זאַך, ווערטפולע זאַכן.

חס (כאס) געוועז, „וואָרים זיי האָבן אויף גאָרנישט חס געוועז", זיי האָבן גאָרניט געזשאַלעוועט, קיין זאַך ניט אָפּ-געראַטעוועט.

„חרוב ומחריב (כאָרעוו אומאַכריוו) גע-מאַכט", אין גאַנצן צעשטערט.

חריפהדיקע (שאַרפזיניקע) פּשטל (פּשעטל), אַ שאַרפזיניקע אויסטייטשונג.

חרפה (כאַרפּע), שאַנד.

חשוב (כאָשעוו)אַ גרויסער חשוב, אַן אָנגעזעענער, אַ וויכטיקער מענטש.

חשבונען (כעזשבענען), רעכענען.

ט

„טאָ יעדזשע פּאַן איציק נאַ וועסע-לע" (פּויליש), דאָס פּאָרט פּאַן יצחק אויף דער חתונה.

ט"ז (טאַז), טורי זהב (טוריי זאַהאָוו), אַזאַ קאָמענטאַר אויפן שולחן ערוך (שולכן אָרוך).

טינטל סמאָלע, אַ פּעסעלע סמאָלע. סמאָלע — Tar.

טונען מיט סמאָלע, פּעסער מיט סמאָלע.

טלית קטן (טאַלעס קאָטן), זע „אַרבע כנפות".

„טעם און ריח" — Taste and odor.

טעמים (טאַמים), אורזאַכן — Reasons.

י

יוון, יוונים (יאָוון, יעוואָנים), אַ גוי, גויים, אויך אַ סאָלדאַט, סאָלדאַטן.

„ים פון תלמוד", די גמרא, דער תלמוד ווערט פאַרגליכן צו אַ ים צוליב זיין גרויסקייט און טיפקייט.

יישר כוח (יאַשער קויאַך), אַ דאַנק.

ישוב — Settlement.

כ

כאַלאַט, אַ לייכטע קאַפּאָטע.

„כאַליאַוועס" — Bootlegs.

כאַלופּע, אַן אָרעם פּויעריש שטיבל.

כאַמעס, כלאָפּעס, פּויערים — Peasants.

כאָמוטעס, כאָמוט — Horse's collar, Yoke

כבודים (קיבודים) — Honors.

כביכול (קעוואַיאָכל), גאָט.

„כדת משה וישראל" (קעדאַס מוישע וועייסראָייל), לויטן געזעץ פון משהן און דעם פאָלק ישראל — According to th elaw of Moses and Israel.

כופר נפש (קויפער נעפעש) זיין, אויס-קויפן זיך דאָס לעבן.

כיטראַק, אַ כיטרער מענטש, כיטרע — Sly.

כלי זין (קליי זאַיען), וואָפן — Arms.

כלל (קלאַל), „פאַרן כלל", פאַרן פאָלק.

כלערליי (קאָלערליי), אַלערליי.

כל טוב (קאָל טואוו), אַלדאָס גוטס.

כל המיני פירות (קאָל האַמיני פּייִרעס), אַלערליי פרוכטן.

כל יכול (קאָל יאָכויל), „דער כל יכול", וואָס קען אַלץ — גאָט.

כלי קודש (קליי קוידעש), אַזוי רופט מען די יידן, וואָס האָבן רעליגיעזע אַמטן: אַ רב, חזן, שוחט, א"אַ.

כן יאבדו כל הרשעים (קיין יאוויודו קאָל האָרשאָאים), אַזוי זאָלן אומקומען אַלע שלעכטע מענטשן.

כמה וכמה אלפים יוונים (קאַמאָ ווע-קאַמאָ אַלאָפים יעוואָנים), אַזוי און אַזוי פיל טויזנטער גויים.

כנסת ישראל (קנעסעס ייסראָעל), דאָס פאָלק ישראל, דאָס יידישע פאָלק.

„כפל שמונהדיקע ציצית" (קאָפּל שמוינעדיקע ציצים), ציצית געפלאָכטן פון אַכט דינע פעדעם.

כראַנזשע (פּויליש), מיליטערישער טיטול.

כתב, אַ פּאַפּיר, אַ דאָקומענט, אַ צייגעניש.

כתבים (קסאָווים), מאַנוסקריפּטן, שריפטן.

כתובה (קסובע) Marriage-contract-

ל

לאַכעם, שמאַטעס.

להבדיל (לעהאַוודיל), אָפּצושיידן. אַז מען דערמאָנט אַ ריינע און אַן אומריינע זאַך, אָדער אַ לעבעדיקן און אַ טויטן, זאָגט מען להבדיל.

לומדים און גאונים (לאָמדים און גע-אוינים), געלערנטע און גרויסע גע-לערנטע.

לוח (לואַך), יידישער קאַלענדאַר.

ל"ו צדיקים (לאַמעד וואוו צאַדיקים), די זעקס און דרייסיק צדיקים, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט.

לזכר (לעזייכער), אין אָנדענק.

ליאַך, אַ פּאָליאַק.

לילית, די פרוי פון שטן (סאָטן), טייוול.

ליפּע — Linden-tree.

למדן (לאַמדן), אַ ייד, וואָס קען לערנען. מערצאָל: למדנים (לאַמדאָנים).

„לעתיד לבוא" (לעאָסיד לאָוואוי), אין דער צוקונפט, אַז משיח וועט קומען.

לעולם ועד (לעאוילעם וואָעד), אויף אייביק.

„לתורה, לחופה, ולמעשים טובים" (לעטוירע, לעכופּע אולמייסים טויווים), צו תורה, צו חופה און גוטע טאַטן. אַזוי ווינטשט מען עלטערן צו זייער נייגעבוירענעם זון.

מ

מאבד את עצמו לדעת (מעאַבעד עס אַצמוי לאַדאַאַס), איינער, וואָס נעמט זיך דאָס לעבן, אַ זעלבסטמערדער. האָט ניט קיין חלק לעולם הבא (כיילעק לעאוילעם האַבע), האָט ניט קיין חלק אויף יענער וועלט, קען ניט אַריין אין גן-עדן.

מאָדלעט זיך, דאַוונט, בעט גאָט.

מאָנקאָפּ — Poppy.

„מאַכט זיך אַ שאַלה", מאַכט זיך אַ פראַגע, וואָס מע דאַרף גיין פרעגן דעם רב, געוויינטלעך וועגן כשר און טריף.

„מאַריאַ, מאַטקאַ באָסקאַ שוויענטאָכאָווסקאַ, ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָנאַ, נאַ וויעקי וויעקי, אַמען!", מאַריאַ, גאָטס מוטער, הייליקע, זאָל זיין געלויבט אויף אייביק און אייביק, אמן! — אַ פּויליש געבעט.

מבטל (מעוואַטל), אָוועקגעמאַכט, צעניכט געמאַכט.

מגלגל (מעגאַלגל), פאַרוואַנדלט.

„מגולגל ווערן אין אַ הונט", אַ פאָלקס גלויבעניש, אַז די נשמה פון אַ זינדיקן מענטשן גייט אַריין אין אַ הונט אָדער אין אַן אַנדערער חיה.

מגין (מייגין), באַשיצן, „מגין אויף אונדז", באַשיצן אונדז.

מגיד (מאַגיד), אַ רעליגיעזער רעדנער, אַ פּריידיקער ביי יידן.

מדרגה, מדרגות (מאַדרייגע, מאַדרייגעס), שטופע, דערגרייכונג.

מודה אני (מוידע אַני), אַ תפילה, וואָס מען זאָגט אין דער פרי.

מידות טובות (מידעס טויוועס), גוטע זיטן.

מה-דאָך, ווען, אויב — If.

מולטער — A trough.

מוכן ומזומן (מוכן אומזומען), גרייט און פּאַרטיק — צו טאָן.

מוסר-דרשה (מוסער-דראָשע), אַ רעדע, אין וועלכער דער רעדנער שטראָפט די צוהערער.

מוסר-ספרים (מוסער-ספאָרים), רעליגיעזע ספרים, אין וועלכע דער מענטש ווערט געלערנט, ווי אַזוי צו זיין גוט און פרום.

מוצאי שבת (מאָציי שאַבעס), שבת צו נאַכטס.

מוסיף (מויסיף) געווען, צוגעגעבן.

מורנו (מוירעינו), אונדזער לערער, אַ טיטל אַזאַ, וואָס מען גיט אַ רב, אַ געלערנטן, אָדער אַ חשובן יידן.

מושל חסד (מוישל כעסעד), אַ גוטער הערשער.

מזווג (מעזאַוועג) זיין, צונויפּפּאָרן.

מזרח (מיזראָך), אַ בילד, וואָס הענגט אין אַ פרום יידיש הויז אויף דער מזרח-וואַנט און אין אַ שול איבערן עמוד.

מזלות (מאַזאָלעס), אַסטראָנאָמישע צייכנס און פיגורן פאַר די חדשים.

מחותן, מחותנים (מעכוטן, מעכוטאָנים), חתן-כלהס טאַטע-מאַמע און קרובים אויף אַ חתונה.

מחנה (מאַכנע) פייגל — A flock of birds.

מחויב (מעכויעוו), פאַרפליכטעט, מוז.

מחיצהדיק (מעכיצעדיק) ווענטל — Partition.

מחנך (מעכאַנעך) געווען, באַנייט; מיינט אויך: דערצויגן. „מחנך געווען די שול", באַנייט די שול. „מחנך געווען די קינדער", דערצויגן די קינדער.

מחלוקה (מאַכלויקע), אַ קריגעריי.

מחלל (מעכאַלעל) שבת, מחלל יום-טוב זיין, פאַרשוועכן שבת, אָדער יום-טוב.

מיסקע, שיסל.

מיעץ (מעיאַייץ), „איז זיך מיט אים מיעץ", האַלט זיך מיט אים אַן עצה.

מכל שכן (מיקאָלשקן) - The more so

מכשול (מיכשל), אַ שטרויכלונג, אַ שוועריקייט, אַ שטערונג.

מלאכי חבלה (מאַלאַכיי כאַבאָלע), שלעכטע מלאָכים.

מלבוש, מלבושים (מאַלבעש, מאַלבושים), קלייד, קליידער.

מלך המשיח (מעלעך האַמאָשיאַך), דער קיניג משיח. אַזוי רופט מען משיחן.

מלווה מלכה (מעלאַווע מאַלקע), די סעודה, וועטשערע, וואָס מען פראַוועט שבת צו נאַכטס.

מלחמת גוג ומגוג (מילכעמעס גאָג אומאָגאָג), די מלחמה פון קיניג גוג און פון פאָלק מגוג, וואָס וועט קומען אויף דער וועלט איידער משיח וועט קומען.

מלך אביונם משרת (מעלעך עוויענס
מעשאָרעס), דעם אָרעמען קיניגס אַ-
דינער, שפּאַסיקער צונאָמען.

מלקות (מאַלקעס), קלעפּ. פרומע יידן
לאָזן זיך באַשטראָפן מיט מלקות פאַר
זייערע זינד, אמת'ע, אָדער געדאַכטע.

ממשלה (מעמשאָלע), הערשאַפט.

ממלא (מעמאַלע) זיין, גאָט וועט אייך
אָפּגיבן, באַלוינען.

ממית (מיימיס) זיין, טייטן.

„ממעמקים קראתיך יה" (מימאַמאַקים
קראָסיכאָ יאָ), פון די טיפענישן האָב
איך דיך גערופן, גאָט !

מנין (מיניען), צען יידן, וואָס מען דאַרף
האָבן צום דאַוונען, אָדער אַנדערע רע-
ליגיעזע צערעמאָניעס.

מנחה במנין, דאַוונען מנחה מיט אַ מנין.

מנהגים טובים (מינהאָגים טויווים), גוטע
פירונגען — Good Customs.

מנצח (מענאַצייאַך) זיין, זיגן, באַזיגן.

מסייע (מסאַיע), „מסייע זיין", העלפן.

מסירת נפש (מסירעס נעפעש), איינ-
שטעלן דאָס לעבן, גרייטקייט צו גיין
אין געפאַר פאַן אַן אידעאַל.

מענה לשון (מאַנע לאָשן), אַ רעליגיעז
ספרל מיט תפילות, וואָס מען זאָגט אויפן
בית עולם.

מפסיק (מאַפסיק) געווען, איבערגעריסן.

מציל (מאַציל) געווען, געראַטעוועט.

מצרימם מכות (מיצראַיעמס מאַקעס), די
צען מכות, מיט וועלכע משה רבנו האָט
געשטראָפט פרעהן און די מצרים.

מקבל פנים (מעקאַבעל פּנים) זיין, אויפ-
נעמען, באַגעגענען עמעצן.

מקובלים (מעקובאָלים), יידן, וואָס גיבן
זיך אָפּ מיט לערנען קבלה.

מקום מנוחה (מאָקעם מענוכע), אַן אָרט
פון רו.

מקום תורה (מאָקעם טוירע), אַן אָרט
פון תורה, פון לערנען.

מקום, מקומות (מאָקעם, מעקוימעס),
אָרט, ערטער.

מקדש השם (מעקאַדעש האַשעם) זיין,
שטאַרבן אויף קידוש השם.

„מקדש השבת צו זיין", הייליקן דעם
שבת, ד"ה מאַכן שבת.

מקודש געוואָרן כדת משה וישראל
(מעקודעש — קעדאַס מוישע ועיִס-
ראָעל), געהייראַט לויטן יידישן דין.

„מקרב צו זיין דעם קץ" (מעקאַרעוו,
קעץ), דערנענטערן משיחס צייטן.

מרא דאתרא (מאָרע דעאַסרע), דער רב
פון שטאָט.

מרידה (מערידע), „מרידה-רייד", ווידער-
שפעניקע, העצערישע רייד.

משנכנס אדר, מרבין בשמחה (מי-
שעניכנעס אָדער מאַרבין בעסימכע), אַז
עס הייבט זיך אָן דער חודש אדר, מאַכט
מען מער שמחות.

משדך (מעשאַדעך) זיין, טאָן אַ שידוך.

משניות (מישנאַיעס), דאָס ווערק, וואָס
יידן האָבן געשאַפן נאָכן תנך, אין וועלכן
עס זיינען פאַרשריבן די יידישע געזעצן.
(הלכות פון די תנאים).

משחית (מאַשכיס), אַ פאַרדאַרבער, אַ
שעדיקער.

מתיר (מאַטיר) געווען, דערלויבט.

מתוך חדווה ושמחה (מיטויך כעדווע
ועסימכע), פון גרויס פרייד.

נ

נאַשפּיץ, „פיר פערד נאַשפּיץ", איינשפּאַ-
נען עטלעכע פערד אין דער לענג.

נאַזדרעס, „פייכטע נאָזדרעס", נאָזלע-
כער — Nostrils.

נהנה זיין מזיו השכינה (נעהענע זיין
מיזיוו האַשכינע), הנאה האָבן, געניסן
פון דעם אָפּשיין פון גאָט.

נושכים ונוטרים (נוישכים, ווענויטרים),
דאָ געמיינט : ביטערע שונאים.

נושא חן זיין (נויסע כיין זיין), געפעלן
ווערן.

נוגע כל ישראל (נויגייאַ קאָל יִיסראָעל),
וואָס רירט אָן אַלע יידן.

ניאַניע — Nurse.

נכבד, נכבדים (ניכבאָד ניבכבאָדים), אַ
חשובער מענטש.

נסיעה (נעסיע), רייזע — Voyage,
Journey.

נסיון (ניסאָיען) — Trial, Temptation.

נעשה ונשמע (נאַסע ווענישמאַ), מיר
וועלן טאָן און הערן. אַזוי האָבן די
יידן געזאָגט ביים באַרג סיני.

נצול געוואָרן, זיך געראַטעוועט פון אַ
געפאַר.

נקמת ה' (ניקמאַס אַדוינוי), די נקמה
פון גאָט.

נרות של שבת (ניירויס שעל שאַבעס),
שבת-ליכט.

נרדפים (נירדאָפים), געיאָגטע, געטרי-
בענע.

נשים צדקניות (נאָשים צידקאָניעס),
זייער גוטע און פרומע פרויען.

ס

סויבלנע, געמאַכט פון סויבל — Made
of sable.

„סטופּייטי, בראַטי, סטופּייטי", גייט,
ברידערלעך, גייט.

סטונעק, יאַגדע סטונעק, אַזאַ קוכן,
געמאַכט מיט יאַגעדעס.

סכנה, סכנות (סאַקאָנע, סאַקאָנעס), גע־לעבנס־געפאַר.

סכנה, סכנות (סאַקאָנע, סאַקאָנעס), גע־פאַר, געפאַרן.

סמיכות אויף הוראה (סמיכעס אויף הוראָע), אַ דיפּלאָם אויף רב.

סעטש, דאָס אָרט פון קאָזאַקישע פאַר־זאַמלונגען.

ע

עבודת כוכבים (אַוואודאַס קויכאָווים), געצנדינעריי.

עגמת נפש (אַגמאַס נעפעש), פאַרדראָס, האַרצווייטיק.

עדה (איידע), אַ פאַרזאַמלונג יידן, אַ שטאָט מיט יידן Community, Congregation.

עוסק באכילה, „דאָ איז מען עוסק באכילה" (אויסעק באַאַכילע), דאָ גיט מען זיך אָפּ מיטן עסן.

עולם הזהניקעם (אוילעם האַזעניקעס), די, וואָס האַלטן נאָר פון דער וועלט, וואָס גלייבן נאָר אין וואוילטאָג פאַר זיך און האָבן ניט אין זינען קיין העכערע זאַכן.

עודף (אוידעף), „דעם עודף האָט ער אונטערגעגנייט". סחורה, וואָס מען לאָזט צו אין אַ קלייד, כדי מען זאָל דערנאָך קענען עס לענגער מאַכן.

עוסקי בצרכי ציבור באמונה (אויסקיי בצאָרכיי ציבער בעמונע), די, וואָס גיבן זיך אָפּ ערלעך מיט די אינטערעסן פון פאָלק.

עטרות (אַטאָרעס), „גאָלדענע און זיל־בערנע עטרות", גאָלדענע, אָדער זיל־בערנע באַפּוצונגען אויף טליתים.

עיר ואם בישראל (איר וועאיים בעיס־ראָעל), אַ שטאָט און אַ צענטער ביי יידן. אַזוי רופט מען אַ וויכטיקע יידי־שע שטאָט.

עין הרע (אַייען האָרע), אַ בייז אויג — Evil eye.

עליהם השלום (אַלייהעם האַשאָלעם), רו אויף זיי, זאָלן זיי ליגן אין רו (די טויטע). אַזוי זאָגט מען, ווען מען דערמאָנט פאַרשטאָרבענע.

על פי דרך פלפול (אַל פּי דערעך פּילפּל), לויט דעם מעטאָד פון פלפול, לערנען דורך פלפול, לערנען דורך שאַרפזיניקע דיסקוסיעס.

על אחת כמה וכמה (אַל אַכעס קאַמע וועקאַמע) אַזוי פיל מער The more so

עלילת דם (אַלילאַס דאַם), אַ בלוט־בילבול.

עמוד (אָמעד), דעם חזנס שטענדער אין שול — Cantor's pulpit.

עסק, עסקים (אייסעק, אַסאָקים), גע־שעפט, געשעפטן.

עצה טובה (אייצע טויווע), אַ גוטע עצה.

עצבות (אַצוועס), טרויער.

עקרה, עקרות (אַקאָרע, אַקאָרעס), אַ פרוי, וואָס האָט ניט קיין קינדער.

עקדישן — Lizzards.

ערד (ערעד), ווערט, פאַרגלייך.

עשרה הרוגי מלכות (אַסאָראָ האַרוגיי מאַלכוס), די צען יידישע מאַרטירער, וואָס זענען געשטאָרבן אויף קידוש השם אין בר־כוכבאס צייטן. רבי עקיבא איז געווען איינער פון זיי.

עשו הרשע (אייסעוו האָראָשע), דער גוי, אָדער גויים, וואָס טוען יידן שלעכטס.

עשירים סוחרים (אַשירים, סאָכרים), רייכע סוחרים.

עת צרה (איס צאָרע), אַ שלעכטע צייט.

עת לעשות לשם, הפרו תורתך (איס לאַסויס לאַשעם, הייפירו טויראָסכאָ), עס איז צייט צו טאָן פאַר גאָט, — זיי האָבן פאַרשטערט דיין תורה.

פּ

פּאָווע־פּושן, פּעדערן פון אַ פּאַווע.

פּאָליש, דאָס פירהויז אין אַ שול — Ante-chamber of a synagouge.

פּאַני בראַטצי, גוטע ברידער — Pals.

פּאַראָם — Ferry.

פּוילישע פּייעמס, אַזעלכע מטבעות.

פּורעניות (פּוראָניעס) וואָס וועלן קו־מען", צרות, אומגליקן.

פּוילין — פּה־לין, ד"ה דאָס וואָרט פּוילן נעמט זיך פון די צוויי העברע־אישע ווערטער פּה לין (פּוי לין): דאָ נעכטיק!

פּחדנים (פּאַכדאָנים), שרעקעדיקע. איינ־צאָל: פּחדן (פּאַכדן).

פּחיתת הכבוד (פּכיסעס האַקאָוועד), אַ דערנידערונג, אַ באַליידיקונג.

פּיקע, אַ שפּיז, באַגנעט — Spear. Bayonet

פּיעקעליק, אַן אויוון.

פּמליא של מעלה (פּאַמאַליע שעל מאַ־לע), די אייבערשטע פאַמיליע, ד"ה דער הימלשער געריכט.

פּסוק, פּסוקים (פּאָסעק, פּסוקים), אַ זאַץ, זאַצן פון תנך.

„פּקוח נפש איז אַפילו דוחה שבת, אַפילו יום כיפּור", (פּיקואַך נעפעש איז אַפילו דויכע שאַבעס, אַפילו יום קיפּור), כדי צו ראַטעווען אַ מענטשן, מעג מען לויט דין טאָן אַלץ אַפילו אום שבת און יום כיפּור.

פּרוכת (פּאָרויכעס), דער פאָרהאַנג, וואָס פאַרדעקט דעם ארון קודש.

פּרנסה בריוח (פּאַרנאָסע בערעוואַך), אַ סך פּרנסה, גוט פאַרדינען.

„פּרנס הקהל" (פּאַרנעס האַקאָהעל), דער פירער פון קהל.

פ

פאַרהוילן סטאַוול, אַ באַהאַלטן טייכל.

פאַרטל — Device, Trick.

פאַרקנסן (פאַרקנאַסן), טאָן אַ שידוך.

פילצענע, פילץ — Felt.

צ

צדיקת (צאַדייקעס), זייער אַ פרומע פרוי.

ציכזן, שטייערן.

צייגן, פון צייג, מאַטעריע — Cloth.

צמענטאַרזש, צווינטער, גוישער בית עולם.

ק

קאַנטוש, אַזאַ פויליש קלייד. מערצאָל: קאָנטושן.

קאַטש, קאַטשן — Carriage, Coach.

קאָוואַל, אַ שמיד. מערצאָל: קאָוואַליעס — Blacksmith.

„קאַנטן און מדינות", געגנטן און לענדער.

קאָכיימישע (פויליש), מיר האָבן זיך ליב.

קבורה (קוואורע) „זאָלן זיי קומען צו קבורה", קומען צו קבר ישראל (קעווער ייסראָעל), באַגראָבן ווערן צווישן יידן.

קבלה-ספרים (קאַבאָלע-ספאָרים), ספרים, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קבלה — יידישער מיסטיק.

קבלת התורה (קאַבאָלעס האַטוירע), „שיינער יום-טוב פון קבלת התורה", דער יום-טוב שבועות.

קדושה פון מנחה (קדושע פון מינכע), אַ תפילה פון פאַרנאַכטיקן דאַוונען.

קהלה (קעהילע), אַזוי האָט געהייסן די פאַרוואַלטונג פון אַ יידישער שטאָט.

קוויטשערס, גרינע קוויטשערס, וואַסער-פלאַנצן, וואַסער-שטעקלעך, וואָס וואַקסן אין וואַסער און מיט וועלכע מען באַפּוצט די יידישע הייזער אויף שבועות.

קידוש השם, אַ מאַרטירער-טויט, שטאַרבן פאַרן גלויבן, פאַר גאָט. „שטאַרבן אויף קידוש השם".

קיטל, אַ ווייס קלייד, וואָס פרומע יידן טוען אָן ביי געווויסע פייערלעכע און רעליגיעזע צערעמאָניעס.

קין, „שטיקלעך קין", שטיקלעך האָלץ וואָס מע פלעגט אַמאָל ניצן אָנשטאָט ליכט.

קל וחומר (קאַל וועכוימער), דאָס דרינגען, דאָס אָפּלערנען פון אַ גרינגערער זאַך אויף אַ שווערער.

קליסקעס, טייגלעך אונטער דער יויך.

קמיע, קמיעות (קאַמייע, קאַמייעס), אַזאַ פאַרמעט מיט אַן אויפשריפט, וואָס רביים און מקובלים פלעגן גיבן אַלס אַ סגולה קעגן שלאַפקייטן און אַלדאָס בייז.

קנייטל — Wick.

קסיאָנדז, אַ פוילישער גלח.

קעסט כל ימיו (קאַל יאָמאָוו), עסן ביים שווער, אָדער ביי אייגענע טאַטע-מאַמע דאָס גאַנצע לעבן.

קריעם אייז, שטיקער אייז, וואָס טראָגן זיך איבער וואַסער, ווען דאָס אייז ברעכט זיך אין פרילינג.

קריאת שמע (קריאַס שמאַ), די תפילה וואָס מען זאָגט פאַרן שלאָף.

קרבן מנחה סידור (קאָרבן מינכע סידער), אַ סידור פאַר פרויען.

ר

ראש הישיבה (ראָש האַישיווע), דער אָנפירער פון דער ישיבה.

רבל (רעוול), אַ יונגער רב.

ראוי (ראָע), האָבן די ווערט, „ער איז ראוי צו זיין רב".

רוח-רעה (רואַך ראָע), בייזער גייסט.

ראשי העיר (ראָשיי האָאיר), די פירער פון שטאָט.

רופא, רופאים (רויפע, ראָפאים), אַ דאָקטער, דאָקטוירים.

רחמנים בני רחמנים (ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים), באַרמהאַרציקע — קינדער פון באַרמהאַרציקע. אַזוי רופט מען יידן.

רחמנא לצלן (ראַכמאָנע ליצלאָן), גאָט זאָל אונדז אויסהיטן.

רישטעוואַניעס — Scaffold.

רמ"א (ראָמאָ), רבי משה איסרעליש, אַ גרויסער רבנישער געלערנטער אין פוילן.

רמז, רמזים (רעמעז, רעמאָזים), אָנצוהערעניש, אַ וואונק — Hint, Indication.

רמב"ם, רבנו משה בן מימון, דער גרויסער יידישער פילאָזאָף פון מיטלאַלטער.

„רשות אויף אַ שול", דערלויבעניש אויף אַ שול.

רשות (רעשוס), דערלויבעניש, געביט, יוריסדיקציע.

ש

שאַרן, סטייעס — Flocks.

שבת הגדול (שאַבעס האַגאָדל), דער שבת פאַר פסח.

שבת מלכתא (שאַבעס מאַלקעסע), די קי-ניגין שבת.

שברת הלב (שיוורעס האַלעוו), האַרצ-ווייטיק, צעבראָכן האַרץ.

שבתניק, אַזאַ לייכטער.

שדים און רוחות רעות (שיידים און רוכעס ראָעס), טייוואָלים און בייזע גייסטער.

שוטה (שויטע), נאַר.

שומר ישראל (שוימער ייסראָעל), דער היטער פון די יידן.

שטר, שטרות (שטאַר, שטאָרעס), וועקסל, וועקסלען — Note, Notes.

שטר מכירה (שטאַר מעכירע) — A bill of sale.

שטן (סאָטן), טייוול — Devil.

שכינה (שכינע), גייסט פון גאָט, געט-לעכקייט; סימבאָל פון גאָט.

שלום בית (שאָלעם באַיס), ווען מאַן און ווייב לעבן גוט צווישן זיך.

שליטה (שליטע), הערשאַפט, קאָנטראָל.

שלוכצן — To sob.

שליחות (שליכעס) — Errand.

שליאַטשיץ, פּוילישער פּריץ. מערצאָל: שליאַכטשיצעס.

שלוב, (פּויליש), חופּה, חתונה.

שליח בית דין (שליאַך בעזדין), אַ גע-שיקטער פון יידישן געריכט.

שלל (שלאַל), אַ שלל, אַ סך.

שמונה עשרה (שמוינע עסרע, אָדער: „שימענעסרע"), אַ תפילה, אַ טייל פון טעגלעכן דאַוונען, באַשטייט פון שמונה עשרה — אַכצן ברכות (בראָכעס).

שניט-קראָם — Dry goods store.

שנת ת"ח (שנאַס טאַך), דאָס יאָר ת"ח 408 לויטן יידישן קאַלענדאַר, אָדער 1648 לויטן וועלט-קאַלענדאַר.

ש"ס (שאַס), דער גאַנצער קאָמפּלעקט פון תלמוד, אַלע ווערק פון דער גמרא. ש"ס — ששה סדרים (שישע סדאָרים), די זעקס הויפּט-טיילן, אויף וועלכע עס זיי-נען איינגעטיילט די משנה און די גמרא.

שעטנז (שאַטנעז), אַ סחורה, געמאַכט פון וואָל און פלאַקס, וואָס אַ ייד טאָר ניט טראָגן לויט דער תורה.

שם טוב (שעם טאָוו), אַ גוטער נאָמען. „שער צדק", דער טויער פון גערעכ-טיקייט. אַזוי האָט מען גערופן דעם לאַ-כאָוויטשער רב, אויפן נאָמען פון זיין ספר מיט דעם נאָמען.

שיעור —„געלערנט מיט די בחורים שיעור", אַ לעקציע אין תלמוד.

שער הרחמים (שאַאַר האָראַכמים), דער טויער פון רחמנות פון הימל.

שפּאָרן אויף די אָפּצאָסן — Spurs on the heels

שררים (סראָרים), גרויסע פּריצים.

שר (סאַר), פון זלאַטשעוו, דער האַר פון זלאָטשעוו. דער פּריץ, צו וועמען עס געהערט זלאָטשעוו.

שתדלן, שתדלנים (שטאַדלען, שטאַדלאָ-נים), איינפלוסרייכע יידן, וואָס פלעגן קענען ווירקן אויף די הערשער פון לאַנד, אַז זיי זאָלן זיין גוט צו יידן.

ת

תבואה, תבואות (טוואוע, טוואועס), — Grain.

תושב (טוישעוו), אַן איינוואוינער.

תוכחה (טויכאָכע), די שטראָף, אַ פּרשה אין חומש, וואו עס ווערן אויסגערעכנט די שטראָפן אויף די יידן, אויב זיי וועלן ניט גיין אין גאָטס וועגן.

תורה הקדושה (טוירע האַקדוישע), די הייליקע תורה.

תושב (טוישעוו), אַן אַלטגעזעסענער איינ-וואוינער.

תחתונים (טאַכטוינים), הויזן.

תחינה, תחינות (טכינע, טכינעס), אַ פּרויען געבעט אויף יידיש. אַזוי הייסט אויך דאָס בוך מיט די תפילות אויף יידיש פאַר פרויען.

תחית המתים (טכיאַס האַמייסים), דאָס אויפשטיין פון די טויטע, ווען משיח וועט קומען.

תיפלה (טיפלע), אַ קלויסטער, אַ קירך.

תיבה (טייווע) נחם תיבה Noah's Ark

תכריכים (טאַכריכים), טויטן-קליידער.

„תן לי את הנפש" (טען לי עס האַנע-פעש), גיב מיר די זעל.

תפילה (טפילע), אַ געבעט.

תפיסה (טפיסע), געפענקעניש —

תקיף, תקיפים (טאַקיף, טאַקיפים), איי-נער וואָס נעמט זיך מער רעכט, ווי דער אַנדערער.

תיקון (טיקן), „זוכן אַ תיקון", אויס-בעסערונג, רייניקונג, אויסלייטערונג פון אַ זינדיקער נשמה נאָכן טויט.

תשעה באב (טישע בעאָוו), ניינטער טאָג אין חודש אָב, ווען יידן טרויערן אויפן חורבן פון ערשטן און צווייטן בית-המקדש.

תשובה, תפילה וצדקה (טשוואווע, טפי-לע און צעדאָקע), חרטה האָבן אויף די זינד, בעטן גאָט און טאָן גוטס מיט די דריי זאַכן קען זיך אַ ייד אויסקויפן ביי גאָט פון שטראָף.

לְכָה, דוֹדִי, לְכָה, דוֹדִי, גיי, מיין פריינד, גיי, מיין פריינד,
לְכָה, דוֹדִי, לִקְרַאת כַּלָּה, גיי, מיין פריינד, אַקעגן דער כלה,
פְּנֵי שַׁבָּת נְקַבְּלָה. לאָמיר מקבל פנים זיין דעם שבת.

כָּל זֹאת בָּאַתְנוּ וְלֹא שְׁכַחֲנוּךָ וְלֹא שִׁקַּרְנוּ בִּבְרִיתֶךָ.

דאָס אַלץ איז געקומען אויף אונדז,
אָבער מיר האָבן ניט פאַרגעסן אין דיר
און ניט געלייקנט אין דיין בונד. (תהילים מ״ד, יח).

שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!

הער, ישראל, אונדזער גאָט איז דער איינציקער גאָט!
(מיט דעם אויסרוף גייען יידן אויף קידוש השם).

תִּמְכֹּר עַמְּךָ בְלֹא הוֹן וְלֹא רִבִּיתָ בִּמְחִירֵיהֶם.

פאַרקויפסט דיין פאָלק פאַר גאָרניט,
און האָסט ניט געבעטן פאַר זיי קיין גרויסן פרייז.
(תהילים מ״ד, יג).

לְדָוִד – יְיָ אוֹרִי וְיִשְׁעִי – מִמִּי אִירָא?

יְיָ מָעוֹז חַיַּי – מִמִּי אֶפְחָד?

אַ געזאַנג צו דודן. גאָט איז מיין ליכט און מיין הילף,
פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן?
אַז גאָט איז די פעסטונג פון מיין לעבן,
פאַר וועמען זאָל איך זיך שרעקן? (תהילים כ״ז, א).

כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם!

וואָרעם איבער דיר ווערן מיר געהרגעט אַ גאַנצן טאָג.
(תהילים מ״ד, כג).

מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ מְהֻלָּל שֵׁם יְיָ!

רָם עַל כָּל גּוֹיִם יְיָ, עַל הַשָּׁמַיִם כְּבוֹדוֹ.

מִי כַּיְיָ אֱלֹהֵינוּ הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת?

פון זון אויפגאַנג ביז איר אונטערגאַנג
ווערט געלויבט גאָטס נאָמען.
גאָט איז דערהויבן איבער אַלע פעלקער;
איבער די הימלען איז זיין פראַכט.
ווער איז ווי אונדזער אייביקער גאָט,
וואָס זיצט אין דער הייך? (תהילים קי״ג, ג; ד; ה).

הַלְלוּיָהּ הַלְלוּ, עַבְדֵי יְיָ, הַלְלוּ אֶת שֵׁם יְיָ!

לויבט גאָט, לויבט, גאָטס קנעכט;
לויבט דעם נאָמען פון גאָט! (תהילים קי״ג, א).

אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה, לֹא יִירָא לִבִּי;

אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה, בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ.

אַז עס וועט לאַגערן אַ מחנה אויף מיר,
וועט זיך מיין האַרץ נישט שרעקן;
וועט קעגן מיר זיך אויפהייבן אַ מלחמה,
בין איך דאָך זיכער. (תהילים כ״ז, ג).

מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ, עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ.

יְיָ לִי, לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם?

יְיָ לִי בְּעֹזְרָי, וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי!

פון דער ענגשאַפט האָב איך גערופן צו גאָט,
האָט מיר געענטפערט מיט דערברייטערניש גאָט.
גאָט איז מיט מיר, איך האָב ניט קיין מורא
וואָס קען מיר טאָן אַ מענטש?
גאָט איז מיין העלפער, און איך וועל זען (אַ נקמה)
אין מיינע שונאים. (תהילים קי״ח, ה).

כָּל גּוֹיִם סְבָבוּנִי, בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם;

סַבּוּנִי, גַם סְבָבוּנִי – בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם.

סַבּוּנִי כִדְבוֹרִים, דֹּעֲכוּ כְּאֵשׁ קוֹצִים – בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם.

אַלע פעלקער האָבן מיך אַרומגערינגלט,
אָבער מיט דעם נאָמען פון גאָט וועל איך זיי פאַרשניידן.
זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, יאָ אַרומגערינגלט האָבן זיי מיך,
מיט דעם נאָמען פון גאָט אָבער וועל איך זיי פאַרשניידן.
זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, ווי בינען;
זיי זענען פאַרלאָשן געוואָרן ווי פייערן פון דערנער —
מיט דעם נאָמען פון גאָט וועל איך זיי פאַרשניידן.
(תהילים קי״ח, י; יא; יב).

קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל.

יְמִין יְיָ רוֹמֵמָה יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל.

אַ קול פון געזאַנג און הילף אין די געצעלטן פון די גערעכטע;
די רעכטע האַנט פון גאָט טוט שטאַרקייט.
די רעכטע האַנט פון גאָט איז דערהויבן,
די רעכטע האַנט פון גאָט טוט שטאַרקייט.
(תהילים קי״ח, ט; טז).

זֶה הַיּוֹם עָשָׂה יְיָ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ.

דעם דאָזיקן טאָג האָט גאָט באַשאַפן,
כדי מיר זאָלן זיך אין אים שטאַרק פרייען.
(תהילים קי״ח, כד).